STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05927

*Copyright in this work is held by Fundación IWO Buenos Aires, Argentina. The Yiddish Book Center is grateful to the copyright holders for permission to include this work in the Steven Spielberg Digital Yiddish Library.*

# KATSETLERS

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-05927-7

D:\YIDDISH\TITLES\9780657059279T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Lief D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

אנטאָלאָגיע

# קאַצעטלערס

פראַגמענטן פון פאָרשאַרבעטן
צו דער כאַראַקטעריסטיק
זכרונות, בילדער

אונטער דער רעדאַקציע
פון
שמואל ראָזשאַנסקי

מוסטערווערק
פון דער
יידישער ליטעראַטור

89סטער באַנד

דוד טוריאַנסקי־פאָנד

PARA USO PERSONAL SIN FINES COMERCIALES

# KATZETLERS

## El Confinado en los Campos de Concentración

Copyright 1982, by
ATENEO LITERARIO EN EL IWO
Pasteur 633
Buenos Aires

89סטער באַנד פֿון ציקל
מוסטערווערק פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור
מיט דער סובסידיע פֿון
דוד טוריאַנסקי־פֿאָנד
אַרויסגעגעבן פֿון דער
ליטעראַטור־געזעלשאַפֿט בײַם ייִוואָ אין אַרגענטינע

טיראַזש 1.000 עקזעמפּלאַרן

יאָר ה׳תשמ״ב — 1982

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina
Queda hecho el depósito que previene la ley 11.723

Este libro se terminó de imprimir el 18 de marzo de 1982 en Talleres Gráficos "Zlotopioro S.A.C.I.F.", Sarmiento 3149, Bs. As.

# תוכן

זײַט


פֿאַרבאַמערקונגען ........ 4

שמואל ראַזשאַנסקי — די געהייליקטע און געשענדטע מיס־טעריע פֿון קאַצעטלער פּנים אל פּנים מיט דער רוצחישער היסטאָריע ........ 5

מרדכי שטריגלער — לידער: בײַ מיר האָט די צײַט אַ בית־עולם פֿאַרלייגט ........ 18

משה פּראַגער — דער רבי מענדעלע פּאַביאַניצער גייט קיין טרעבלינקע ........ 26

ה. לייוויק — מײַדאַנעק־אײַן, מײַדאַנעק־אויס ........ 33

רבֿקה קוויאַטקאָווסקאָ — די ערשטע נאַכט אין לאַגער ........ 33

יעקבֿ גלאַטשטיין — דער מזבח ........ 51

מרדכי שטריגלער — ווערק „צע" ........ 52

יצחק קאַצענעלסאָן — צו די הימלען ........ 84

אליעזר וויזל — ... און די וועלט האָט געשוויגן ........ 88

חיים גראַדע — אַ נאַקעט ייִנגל ........ 126

ק. צעטניק — דער זייגער איבערן קאָפּ ........ 127

אידע גראַדזיאַנאָווסקי — שוין גענוג ........ 147

מרדכי שטריגלער — אין די פֿאַבריקן פֿון טויט ........ 148

ה. לייוויק — פֿאַרגיב נישט, מענטש־קרבן ........ 155

אַבֿרהם ווייץ — אותיות אין בלוט ........ 156

מלך ראַוויטש — מחשבֿות וועגן קבֿר ישׂראל ........ 168

ירחמיאל בריקס — וועגן „די אַנטלויפֿערס — פֿון גסיסה צום לעבן" ........ 169

מ. אַליצקי — אַ קאַצעטלער ........ 179

ק. צעטניק — „פֿאַרווײַלונג־דינסט" ........ 180

רבֿקה באַסמאַן — ווער זײַנען מיר? ........ 186

מרדכי שטריגלער — גורלות ........ 187

ק. (אלקנה) חרמץ — פֿון בוך „קאַשמאַרן" ........ 210

ה. פערלמוטער — אַקטיאָרן אין קאַצעט ........ 225

בנימין עליס — אַ פּרוי פֿון אוישוויץ ........ 227

לוי שאַליט — געקומען צוריק ........ 239

## בילדער און רעפּראָדוקציעס:


מרדכי שטריגלער ........................ 17
וואָס פון אַ פאַרפאַלק מיט אַ קינד איז אין קאַצעט געוואָרן .......... 137
מוזיק צו אידע גראַדזיאַנאָווסקיס ליד שוין גענוג .................. 147
אַזוי האָט אויסגעזען אַ גערעטעוועטער יִיד פון די נאַצי־שע לאַגערן .... 173
אין אַזעלכע הינער־שטייגן האָבן קאַצעטלערס זיך „אָפּגערוט" ........ 201

ביאָ־ביבליאָגראַפיע ........................ 243


## פֿאַרבאַמערקונגען

◈ הגם אין די **מוסטערווערק פון דער יִדישער ליטעראַטור** זיינען 5 בענד אָפּגעגעבן פאַר **געטאָ, חורבן, פּליטים** און **ווידער־אויפלעבונג** — און אין זיי פאַרנעמט דער **קאַצעט** און **קאַצעטלער** גאַר אַ גרויס אָרט — פון דעסט וועגן האָט די **ליטעראַטור־געזעלשאַפט ביים יִוואָ** געהאַלטן פאַר זייער וויכטיק אָפּ־צוגעבן אַ באַזונדערן באַנד אויסשליסלעך פאַר **קאַצעטלערס**. הן מחמת זייערע **איבערלעבונגען** האָבן צו זיך **נישט קיין גלייכן**, הן ווייל זייערע **השפּעות** זיינען אומגעוויינטלעכע, אַפילו ווען מ׳פילט זיי נישט און מ׳זעט זיי נישט... ס׳איז **פּרעווענטיווע מעדיצין**.

◈ אין **קאַצעטלערס** איז דער געפּייניקטער **מענטש**, זיין נשמה, זיין **אויפ־נעמען** און זיין רעאַגירן אויף אַלע סיטואַציעס און נסיונות אין קאַצעט — דער עיקר. נישט דער חורבן אין אַלגעמיין גענומען און אַוודאי נישט די דעמאָנסטראַציע פון ווייגעשריי און פון חורבן, נייערט זייערע אַנטשטייונגען, זייערע פּראָצעסן און אויסווירקונגען אינעם יחיד. דער קאַצעטלער — אַ וועלט פאַר זיך. די אַלע, וואָס האָבן געהאַט דאָס גליק נישט אַריינצופאַלן אין אָט דעם גיהנום, דאַרפן לכל־הפּחות אין אים אַריינדרינגען: דאָס איז אַ גרויסע **סגולה פאַרן לעבן**.

◈ אַזוי ווי אין **מוסטערווערק** איז פון לאַנג איינגעפירט ניט צו דרוקן צוויי מאָל די זעלביקע שאפונג, איז צוליב דעם טעם דאָ נישטאָ ה. לייוויקס **די חתונה אין פערנוואַלד**.

◈ אין דעם בוך זיינען אייניקע נעמען און צונעמענישן געשריבן נישט תמיד אין דער זעלביקער פאָרעם. למשל: **וויזל, וויזעל**. דאָס איז דערפאַר, ווייל מיר רעספּעקטירן דעם נאָמען, ווי אַזוי ר׳איז געווען אויסגעלייגט אין געדרוקטן בוך. אַזוי איז אויך: **מוזלמאַן** און **מוזולמאַן**.

ש. ר.

# די געהייליקטע און געשענדטע מיסטעריע פֿון קאַצעטלער פּנים אל פּנים מיט דער רוצחישער היסטעריע

## די סודותפֿולע וועלט פֿון נס און מת

די יידישע ליטעראַטור פֿון קאַצעט איז קליין אין כּמות, אָבער גרויס אין איכות. און גרויס אין איכות איז זי מיט דעם, וואָס אירע שעפֿערישע מענטשן, געציילטע, געראַטעוועטע פֿון קאַלכויוון, האָבן זיך אָפּגעגעבן צו ווײַזן מערער די אינערלעכע וועלט פֿון קאַצעטלער און ווייניקער דאָס אויסערלעכע אויסזען פֿון קאַצעט. און ווער איז בכּוח און באַרעכטיקט פֿאַרצושטעלן די סודותפֿולע וועלט פֿון נס און מת, אויב נישט דער קאַצעטלער?

פֿאַר די, וועלכע האָבן נישט געלעבט אין קאַצעט, איז גלײַכער נישט צו ריידן וועגן דער געהייליקטער און געשענדטער מיסטעריע פֿון קאַצעטלער, נישט דיסקוטירן און אַוודאי נישט פּאָלעמיזירן וועגן דעם. מיט אַ ליאַדע וואָרט קען מען זינדיקן אַנטקעגן דעם קאַצעטלערס סענסיבּיליטעט. ס'איז נישט קיין פֿראַגע פֿון אינטעליגענץ, עמפֿינדלעכקייט און דערפֿאַרונג, פֿון ביידע צדדים. די ליטעראַטור פֿון נס איז אָפֿט מאָל מערער אײַנגעהילט אין זיבן שלייערן פֿון סודות ווי די ליטעראַטור פֿון מת. ווײַל „מיט די טויטע איז נישט מעגלעך מער צו ריידן. מען קען זיך פֿאַר זיי אויך נישט פֿאַרענטפֿערן; עס איז נאָר פֿאַרבאָטן אויף זיי אַרויפֿצולייגן דאָס, וואָס זיי האָבן בײַם לעבן נישט געטראָגן אויף זיך"[1].

מיט די מאָסן און געזעצן פֿון נאָרמאַלן לעבן טאָר מען נישט

---

[1] מרדכי שטריגלער — בוך 3 פֿון דעם ציקל „אויסגעברענטע ליכט", ווערק צע, ב' 1, פּ' דאָס פּויילישע יידנטום, ז' 7, בוענאָס־אײַרעס 1950.

מעסטן און שאַצן יענע טעריטאָריע, ווו עס האָט געבושעוועט די רוצחישע היסטעריע.

זיצנדיק אויף אַ ווייכן בענקל, ביַי רעגולירטער לופֿט, זופּנדיק שמעקעדיקע קאַווע אָדער וויסקי, מיט דער קאָנסטיטוציע אונטער דער האַנט, קען מען נישט באַנעמען דאָס לעבן פֿון יענע מענטשן, וועלכע האָבן צוליבן קלענסטן קאַפּריז פֿון נאַצישן רוצח און זיַינע אַרויסהעלפֿערס געקענט צו יעדער רגע ווערן צעממיתט, פֿאַרשמיסן, דערשאָסן אָדער אויפֿגעהאָנגען — אַזעלכע מענטשן קענען מיר נישט געבן קיין לעקציע פֿון חשיבֿות, ווי זיך צו האַלטן און זיַין העראָיש... ווער האָט אַ רעכט צו פּסקענען וועגן יענע מענטשן פֿון נס און מת?

עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָס איינער פֿון אונדזערע בעסטע דערציילערס פֿון קאַצעט האָט געענטפֿערט אויף דער פֿראַגע „פֿאַר וואָס וויל מען ניט לייענען חורבן־ליטעראַטור?“ און „בלויז קאַצעטלערס זיַינען פֿאַראינטערעסירט אין אַזאַ ליטעראַטור“. אָט „די פֿראַגע — האָט ער געזאָגט — איז ניט קיין פֿילאָסאָפֿישע, נאָר אַ פּסיכאָלאָגישע; דער מענטש וויל ניט וויסן, ניט וויַיל ס'אינטערעסירט אים ניט, נאָר וויַיל — ער שעמט זיך“. און דער סוף וועט זיַין, אַז „אין דורות אַרום וועלן געשיכטע־פֿאָרשערס זיך וווּנדערן: ווי אַזוי האָט אונדזער וועלט געהאַט אין זיך אַזוי פֿיל כּוח אָדער אַזוי פֿיל שוואַכקייט ניט צו באַגיין זעלבסטמאָרד, נאָך דעם ווי זי איז אויסגעוואַקסן אויף דער שויס פֿון בוכנוואַלד און טרעבלינקע? און זייער ענטפֿער וועט מסתּמא זיַין: מענטשן האָבן זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו דער פֿאַרגאַנגענהייט, וויַיל זיי האָבן זיך געשעמט און גלייַכציַיטיק מורא געהאַט — טאָמער וועלן זיי אַריַינקוקן דער פֿאַרגאַנגענהייט אין פּנים, וועלן זיי זיַין געצוווּנגען צו ציִען קאָנסעקווענצן, און דאָס וואָלט געווען דער כאַראַקירי, דער גיַיסטיקער זעלבסטמאָרד פֿון דער מענטשהייט“[2] — — —

---

[2] אליעזר וויַיזעל — „פֿאָרווערטס“, נ״י, 29 נאָוועמבער 1957.

דערפֿאַר זײַנען אַזוי פֿיל די „סימפּטאָמען, וואָס זײַנען באַמערקלעך אינעם סינדראָם פֿונעם לעבן־געבליבענעם — די שולד־געפֿילן, די נעוראָטישע, פּסיכאָטישע, פּסיכאָסאָמאַטישע צי אַנדערע אַרויסווײַזונגען“ [3]. דער קאַצעטלער, אַפֿילו ווען ער האָט זיך גוט אַרײַנגעפּאַסט אין דער נײַער וועלט, האָט אין זיך אַזעלכע איבערבלײַבענישן פֿון יענער שרעקלעכער צײַט, פֿון וועלכער ער קען זיך נישט באַפֿרײַען. און ס׳קען אַנדערש ניט זײַן. ווי קען מען דאָס פֿאַרגעסן ?

## די בוכהאַלטעריע פֿון חורבן און דער ווידוי פֿון קרבן

און דאָך פֿאַרגעסט מען. נישט קיין נײַס, אַז מ׳רעדט וועגן אַנדערע און מ׳נעמט נישט אין באַטראַכט, אַז די אַנדערע לעבן אין אַן אַנדער וועלט, מיט אַנדערע דערפֿאַרונגען, און ממילא נעמען זיי אַנדערש אויף, וואָס און וועמען זיי באַגעגענען אויף זייערע נײַע וועגן.

מיר, וועלכע האָבן אין די יאָרן פֿון שוידערלעכסטן קריגסווילקיך זיך געפֿונען אין רויִקע היימען, האָבן זיך צוגעווינט צום שאַבלאָן, וואָס האָט זיך אײַנגעשטעלט נאָכן צוזאַמענבראָך פֿון היטלעריזם.

ווי נאָר דער יִדישער פֿאָלקסבראָך איז אויפֿגעדעקט געוואָרן פֿאַר די אויגן פֿון דער גאַנצער וועלט, איז דאָס יִדישע פֿאָלקסאומגליק אײַנגעפּאַסט געוואָרן אין ציפֿערן, סטאַטיסטיק און טאַבעלעס, זײַט בײַ זײַט מיט לידער און דערציילונגען, זכרונות און צוגעטראַכטע בילדער פֿון געטאָ און קאַצעט.

6,000,000 איז געוואָרן דער סלאָגאַן פֿון דעם פֿאָלקסאומגליק. „אַזאַ יזכור־טאָוול הענגט אויף אַלע לאַגערן פֿון דער שארית־הפליטה,

---

[3] משה קיַאַק / פּונטאָוויטש — דער סינדראָם פֿונעם לעבן־געבליבענעם פֿון עקסטרעמער סיטואַציע, 13טער באַנד אַרגענטינער יִוואָ־שריפֿטן, ז׳ 20, ב״א 1981.

אויף די בינעס, אין די קלובן, אין אַלע פֿאַרזאַמלונג־פּלעצער"[4]. באַלאַנסן אילוסטרירן „די וויסנשאַפֿטלעכע אַספּעקטן פֿון די טויט־פֿאַבריקן"[5]. טאַבעלעס שטעלן־פֿעסט „די קאָמערציעלע זײַט פֿון דער טויט־אינדוסטריע"[6]. מיט דאָקומענטן ווערט אויפֿגעוויזן, ווי עס האָט געשמיסן „די בײַטש פֿון האַקנקרייץ"[7]. און רשימות פֿון אַ 1,300 קאָנצענטראַציע־לאַגערן[8] דערגאַנצן דאָס בילד פֿון מאַסנמאָרד.

די ערשטע פּאָר יאָר נאָך דער 2טער וועלט־מלחמה זײַנען געווען די פּרוזאַטיקסטע הן פֿאַר דער ייִדישער בעלעטריסטיק פֿון געטאָ און לאַגער והן פֿאַר דער פֿאָרשונג פֿון חורבן. דעמאָלט האָבן זיך אַנטפּלעקט די טאַלאַנטירטסטע דרײַ ייִדישע דערציילערס פֿון נאַצישן גיהנום: מרדכי שטריגלער, אליעזר ווײַזעל און ק. צעטניק. זיי זײַנען די ייִנגסטע עכט־ייִדישע וואָרטקינסטלערס.

עס איז ביז גאָר אינטערעסאַנט און אפֿשר סימפּטאָמאַטיש, וואָס די קרעפֿטיקסטע ייִדישע בעלעטריסטן פֿון ייִנגסטן דור זײַנען אַרויסגעקומען גראָד פֿון דער ערגסטער וועלט, פֿון דער חושכדיקסטער סבֿיבֿה, פֿון דער אומגליקלעכסטער אַטמאָספֿער.

פֿון די פֿאָרשערס, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן צו דער פּראָבלעמאַטיק פֿון ייִדישן פּײַן אונטערן היטלעריזם, זײַנען די פּרוכטיקסטע, שוין נישט פֿונעם ייִנגסטן דור, ד"ר פֿיליפּ פֿרידמאַן, ד"ר מאַרק דוואָרזשעצקי און מיכאל באָרוויטש.

פֿאָרשן דעם נאַצישן גיהנום האָט מען געקענט נאָך פֿאַר דעם

---

[4] ה. לייוויק — מיט דער שארית־הפליטה, ז' 7, ניו־יאָרק 1947.

[5] מאַקס ווײַנרײַך — היטלערס פּראָפעסאָרן, זז' 213־220, ייִוואָ, נ"י 1947.

[6] ד"ר פיליפּ פרידמאַן — אָשוויענטשים, זז' 148־158, דאָס פּוילישע ייִדנטום, בוענאָס־אײַרעס 1950.

[7] לאָרד ראָסעל — „געשיכטע פון די נאַצישע קריגס־פאַרברעכנס", 357 זז', תל־אָביב 1956.

[8] Eugene Aroneanu: *Dakument für den Internationalen Militergerichtshof in Nürnberg,* 168 s. (1946-7).

װעלטקריג. שױן דעמאָלט האָבן „פֿונקציאָנירט״ לאַגערן, װעלכע האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין אױסגעפֿינען כּלערלײ פּײַניקונגען, װאָס זאָלן איבערשטײַגן אַלע פֿריִערדיקע. אײנער פֿון די באַלערנ־דיקסטע פֿאָרשערס פֿון די דאָזיקע פּראָבלעמען נאָך פֿאַר דער מל־חמה האָט אַלײן דורכגעמאַכט אַ יאָר צײַט אין דאַכאַו און בוכנ־װאַלד, װוּ מ׳האָט אױסגעפּרובירט מעטאָדן און אױסגעשולט פּײַני־קערס, װעלכע זאָלן „ברעכן די אַרעסטאַנטן װי יחידים און זײ פֿאַר־װאַנדלען אין אַ הכנעהדיקע מאַסע, פֿון װעלכער עס קאָן ניט קומען קײן װידערשטאַנד: צו פֿאַרשפּרײטן טעראָר צװישן דער איבעריקער באַפֿעלקערונג; צו שאַפֿן אַן עקספּערימענטאַלע לאַבאָראַטאָריע פֿאַר דער געשטאַפּאָ און אַ שול פֿאַר באַרבאַריזם, װוּ מען האָט געלערנט די תּלמידים צו פֿאַרלירן אַלע מענטשלעכע געפֿילן און באַציִונגען״. קענענדיק די דאָזיקע מעטאָדן, האָט דער געלערנטער געשאַפֿן קעגן דעם „אַ מעכאַניזם אױפֿצוהאַלטן זײַן קיום, אַ פֿאַרטײדיקונג קעגן דעם אײַנבראָך פֿון דער פּערזענלעכקײט, קעגן דער סכּנה צו װערן חסר־דעה אָדער אַ געפֿיללאָזער „גוט־צוגעפּאַסטער״ שקלאַף פֿון דער געשטאַפּאָ״ [9].

דאָ זעען מיר אַ קאָנפֿראָנטאַציע פֿון דער פֿאָרשונג מיט דער בעלעטריסטיק. נשמה־פֿאָרשונג און נשמה־אַנטפּלעקונג. מ׳קען עס אָנרופֿן: נגלה און נסתּר.

די װיסנשאַפֿט האָט פֿאַרגרײט די בוכהאַלטעריע פֿון חורבן: די בעלעטריסטיק — דעם װידוי פֿון קרבן.

## די עכטע קאַצעט־בעלעטריסטיק פֿאַרשפּאָרט שאלות־ותשובֿות

װען ס׳איז באַקאַנט געװאָרן דאָס פֿולע אױסערלעכע בילד פֿון חורבן, האָבן זיך אָפּגעזוכט היפּש הכמים פֿון היגטערן איװון, װעלכע

---

[9] יוסף גוטמאַן — פּערזענלעכקײט־פּראָבלעמען אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, יוואָ־בלעטער באַנד XXX, נ׳ 2, זז״ 291־292, נ״י 1947. Bruno Bettelheim *Individual and Mass Behavior in Extreme Situations.*

האָבן גענומען שטעלן שווערע קשיות — „ווי קומט עס?" און „ווי איז עס מעגלעך?", און „סטײַטש?" און „גוואַלד!"... און דער עיקר: „פֿאַר וואָס האָבן זיי זיך געלאָזט אויסשעכטן?" און נישט איינער האָט צוגעגעבן: „עס האָט געווירקט די ייִדישע אײַנגעבוי־רענע פּחדנות"...

וואָס דאַרף מען מער? „דער הויפּט־פּראָקוראָר פֿון דער ישׂראל־רעגירונג האָט אויסגעפֿאָרשט זײַן עדות מיטן פֿולסטן טאַקט און מיטן גרעסטן כּבֿוד; גדעון האַוזנער האָט געפֿרעגט יצחק צוקער־מאַנען, דעם וויצע־קאָמענדאַנט פֿון וואַרשעווער געטאָ־אויפֿשטאַנד: „פֿאַר וואָס זײַנען נישט פֿאָרגעקומען קיין אויפֿשטאַנדן אין אַנדערע ערטער?"... עס זײַנען אין די רייד פֿון האַוזנערן נישט געווען קיין שום אָנדײַטונגען, קיין זכר פֿון די פֿראַגעס: „פֿאַר וואָס זײַנען זיי געגאַנגען ווי שאָף צו דער שחיטה?"... ווער אָבער עס האָט זיך צוגעהערט צו די פֿראַגעס, האָט געמוזט אַרויספֿילן, אַז הינטער די טאַקטישע פֿראַגעס פֿון הויפּט־פּראָקוראָר (אויפֿן פּראָצעס קעגן אַדאָלף אײַכמאַן אין ירושלים — ש.ר.) האָבן זיך פֿאַרבאָרגן די דרײַ ברענענדיקע, פּחדימדיקע און גורלדיקע פֿראַגעס, וואָס זײַנען נישט געשטעלט געוואָרן"[10].

אַז איר לייענט זיך אָבער אַרײַן אין די עכטע דערציילערס פֿון קאַצעט, די וואָס קענען זיך אַרײַנטראַכטן, קענען דעשיפֿרירן פֿרעמדע געפֿילן און געדאַנקען, האָבן פֿאַר זיי דאָס נייטיקע וואָרט, און נישט מער ווי דאָס נייטיקע, טייל מאָל האַלבע ווערטער, נישט דערזאָגטע, נישט פֿאַרענדיקטע, פֿאַרשפּאָרט איר צו קומען מיט שאלות און האַלט זיך אָפּ פֿון געבן תּשובֿות, כאָטש איר האָט גאַנץ אַנדערע מיינונגען, ווען ס׳בעט זיך צו דיסקוטירן וועגן דעם...

ווײַזעל, למשל, דערציילט ווי אַ קאַפּאָ האָט אין זײַן אָנוועזנהייט צעמימתט זײַן טאַטן און ער האָט געשוויגן. אַ פֿרײַנד האָט עס אים

---

[10] ק. שבתאי — ווי שאָף צו דער שחיטה, זז׳ 5־6 (די לעגענדע פֿון פּחדנות), תל־אָביב 1962.

נאָך דעם פֿאַרגעוואָרפֿן — און ער האָט געשוויגן. ער פֿאַרענטפֿערט זיך נישט — ער שווײַגט, ער גיט אײַך פּלאַץ צו טראַכטן — וואָס איר ווילט און ווי. דאָס איז די מיסטעריע פֿון קאַצעטלער.

קאַצעטניק דערציילט, ווי דאָס מיידל אין דער „פֿרוידע־אָפּטיילונג" פֿרעגט דעם סאָלדאַט, וואָס קלײַבט זיך אַוועקצוגיין, צי ער האָט הנאה געהאַט, ווײַל איין קרום וואָרט זײַנס — איז איר סוף. פֿרעגט זי. ווער קען דאָ זיך אַוועקשטעלן מיט איר זיך אויסטענהן?

שטריגלער דערציילט, ווי ער שרײַבט טעקסטן, וואָס אַנדערע זינגען פֿאַר די „עלטסטע". ער אַליין באַהאַלט זיך. אין די לידער איז דאָ פּראָטעסט, פּײַן און ווייגעשריי. דעקט מען אים אויף, איז ער אַ פֿאַרפֿאַלענער. קען מען צו אים קומען מיט דער שאלה — פֿאַר וואָס באַהאַלט ער זיך אויס?

אין די שאלות זײַנען דאָ די ענטפֿערס. דער חילוק איז נאָר, ווען און ווי מ׳שטעלט די שאלות: ווען מ׳זיצט אויף אַ וויגשטול אָדער ווען קעגנאיבער דיר שטייט דער רוצח מיטן רעוואָלווער אין האַנט...

## וועלן די פּיאָנערן אַרויספֿירן אויף נײַע וועגן?

הגם פֿאַרשיידן אין זייער שרײַבמאַניר, טעמפּעראַמענט און אויסדויער, זײַנען מרדכי שטריגלער, ק. צעטניק און אליעזר ווײַזעל פּיאָנערן פֿון אַ נײַעם דרך אין דער יידישער ליטעראַטור. מיט זייערע ווערק פֿון קאַצעט האָבן זיי באַוויזן אָנשלאָגן בעלעטריסטישע טענער, וואָס זאָגן־אָן גרעסערע מעגלעכקייטן. פֿון אויטאָביאָגראַפֿישן שטאָף געשאַפֿן דערציילערישן שטאָף מיט פֿאַרשיידענע וואַריאַנטן און אַקצענטן.

שטריגלער איז אַן אומדערשעפּלעכער קוואַל. אין זײַנע ערשטע ביכער האָט דער בעלעטריסט ערטערווײַז זיך געראַנגלט מיטן זשורנאַליסט. דער שרײַבאימפּעט האָט אים געשטערט זיך צו קאָנטראָלירן, אָבער דער דענקער האָט פֿאַרגיטיקט די אָפּנייגן צו כראָניק מיט

אַ זשורנאַליסטישן טעם. מיט ברען לאָזט ער זיך אַרײַן אין די צעפּײַניקטע נשמות — קודם־כּל אין זיך אַליין — און פּסיכאָאַנאַליזירט זיך אַליין. בויערט. ביז ער דערקריגט זיך צום „תּיקון“, וואָס נאָר משיח אַליין וועט קענען פֿאַרענטפֿערן... דער עטיקער אין שטריגלערן קומט זיך צונויף מיטן ליריקער, צעוואַרעמען און צעטרייסלען דעם לייענער. מרדכי שטריגלער איז דער לומדישער פֿילאָסאָף פֿון דער קאַצעטוועלט. ער האָט אַרײַנגעטראָגן דערצו אַ היפּש ביסל נײַסן אין לשון, אינטעלעקטועל באַווירצט. לייענענדיק אים — לערנט מען אַ בלאַט מענטשלעכקייט...

קאַצעטניק איז דער סטיליזאַטאָר אין באַשרײַבן דעם לאַגער און זײַנע צעלן. מאָדערניסט. געשליפֿן אין לשון. מאָלעריש, טייל מאָל אַפֿילו קאָקעטיש. אַ רגע קען די דאָזיקע געפּוצטקייט פֿון וואָרט, פֿון זאַץ, געדאַנק און בילדערישקייט אפֿשר שאָקירן. באַלד גיט מען זיך אָבער אָפּ רעכענונג: דער שרײַבער שפּאָרט זיך מיט דעם אײַן אַ סך רייד. די פּאָעטישע שאַרמאַנטקייט איז טאַקע צו־שיין פֿאַר דער דאָזיקער עקלדיקער וועלט, וואָס ער שילדערט, אָבער סוף־סוף באַקומט מען דאָס געפֿיל, אַז ער פֿאַרשפּילט מיט דעם די צרות, וואָס ער שילדערט... קאַצעטניק איז אַ סאַלאָן־שרײַבער און דער גורל האָט געוואָלט, אַז די עיפּושדיקע טעריטאָריע פֿון קאַצעט זאָל באַשרײַבן אַ היפּער־עלעגאַנטער ייִדישער דיכטער אין פּראָזע.

פּונקט פֿאַרקערט, מיט זויבערער פּשטות, איז אַרײַנגעקומען אין דער ייִדישער קאַצעט־ליטעראַטור אליעזר ווײַזעל. גרינג. שטענדיק צום פּונקט. קיין רגע נישט פֿאַרלוירן אויף אַן איבעריקן וואָרט. שטענדיק מיט דער איבערצײַגנדיקייט, אַז ווי אויסטערליש עס זאָל זײַן, וואָס ער דערציילט, איז עס אמת. פּשוט און דאָך שפּאַנענדיק. רעאַליסטיש און דאָך אָנגעהויכט מיט סוד. מיטן ריח פֿון שוועבל... אָט־אָט, און עס וועט זיך ערגעץ אָנצינדן... אַ בעלעטריסטישער טאָן, וואָס פּאַסט זיך גלענצנדיק אַרײַן אין זשורנאַליסטיק...

כּפֿי דער יוירונג אין די ערשטע יאָרן גלײַך נאָך זייער באַפֿרײַט ווערן פֿון קאָנצענטראַציע־לאַגער האָט מען געקענט מיינען,

אַז זיי וועלן מיט אָט דעם אימפּעט אָנגיין מיט זייערע קאַצעט־טע־מעס מי יודע וויפל יאָרן. די יאָרן האָבן אָבער עפּעס אַנדערש געוויזן. מרדכי שטריגלער איז אַריבער צו למדנישער פּובליציסטיק און אליעזר ווײַזעל צו צײַט־ביאָגראַפיעס און זשורנאַליסטיק.

אַלע דרײַ, די פּיאָנערן פון אַ נײַעם זשאַנער אין דער ליטעראַטור, געגנערט פון זייערע אויסטערלישע איבערלעבונגען און דערפאַרונגען, וואָלטן אָבער געקאָנט אַרויספירן די יידישע ליטעראַטור אויף נײַע וועגן, ווו עס זאָל דערשײַנען דער דור, וואָס איז אַרויסגעקומען פון די קאַצעטלערס, בײַ וועלכע עס קומען זיך צונויף די ירושות פון די קעגנזעצלעכסטע וועלטן — — —

איז דאָ אַ האָפענונג, אַז עס זאָל עפּעס פון דעם אַרויסקומען? אַ סימביאָז, וואָס קען זײַן נישט ווייניקער מיסטעריעז, ווי די נסיונות פון זייערע אַרויסגעראַטעוועטע עלטערן?

## די דערוואַרטונגען בעת דער באַפרײַונג

ווען עס זײַנען אויפגעבראָכן געוואָרן די טויערן פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, האָבן די רויִקע ישובים זיך געמאַכט די איליוזיע, אַז דער צופלוס פון די אַרויסגעראַטעוועטע וועט ענדערן דאָס בילד פון פאַרשיידענע ישובים. אַז די אויסגעהונגערטע נאָך רויִקער געזעלשאַפטלעכער סביבה וועלן זיך אײַנקלאַמערן אין די נײַע לעבנס־פּאָזיציעס, זיך צוטוליען צו זיי, זוכן מנוחה און — ווי־דערגעבורט...

די דאָזיקע דערוואַרטונגען זײַנען נישט מקוים געוואָרן. דאָס נאָרמאַלע לעבן האָט די, וועלכע זײַנען אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן פון אַבנאָרמאַלן לעבן, נישט פאַרכאַפּט, אַפילו נישט געלאָקט. ווי זיי וואָלטן נישט געקאָנט פון זיך אַראָפּוואַרפן די מידקייט, וואָס האָט זיי צעפליעטשט.

קיין צוזאַמענגאָס פון די ביידע שטראָמען איז נישט פאָרגעקומען.

ברידער — נאָר זיי האָבן זיך נישט דערקענט... אַנדערע געוואָרן.

וואָס איז פֿאָרגעקומען?

די שווערע איבערלעבונגען אין משך פֿון יאָרן אין גאַנץ פֿאַרשיידענע וועלטן האָט די סאַמע אייגענע — אָפּגעפֿרעמדט.

די שארית־הפליטה, פֿורעמענדיק אויף דער גאַנצער וועלט אייגענע אָרגאַניזאַציעס, האָט בײַ פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן געוויזן, אַז זיי זײַנען פֿעיִק אויף די גראַנדיעזסטע דעמאָנסטראַציעס צווישן זיך — צווישן אייגענע — אָבער קענען זיך נישט פֿילן אינטים מיט כלל־ישׂראל...

אַ חתונה, ווו ביידע צדדים קומען־אַרויס פֿון קאַצעטלערס, איז גאָר אַ גרויסע שׂמחה בײַ שארית־הפליטה. ס'איז אַ דאָפּלטער יחוס: ביידע מיסטעריעס פֿון דער השגחה זײַנען זיך צוזאַמענגעקומען!

די פּראָבלעמען פֿון אַזעלכע געראַטעוועטע פֿאַרשווינדן נישט בײַם צווייטן דור. עפּעס גייט איבער בירושה. די וויסנשאַפֿט האָט וועגן דעם צו זינגען און צו זאָגן. און אויב די וויסנשאַפֿט באַשעפֿטיקט זיך מיט דעם, פֿאַר וואָס זאָל די ליטעראַטור מיט דעם זיך נישט פֿאַרנעמען? און ווער דאַרף זיך מיט דעם פֿאַרנעמען — נישט דער קאַצעטלער? ווער איז צו דעם דער באַרופֿנסטער?

## די טרויעריקסטע געשיכטע פֿון איינזאַמקייט

די ליטעראַטור פֿון קאַצעט איז אַ קוואַל פֿון סודות און אַ נעץ פֿון איינזאַמקייט.

אין אָט דעם גיהנום האָט דער קאַצעטלער אַזוי זיך אַרײַנגעלעבט אין זײַן טראַגישער איינזאַמקייט, גלײַך ווי עס וואָלט אַנדערש גאָר נישט געקאָנט זײַן.

אין ערגעץ זײַנען מענטשן נישט געווען אַזוי מאַסנווײַז צונויפֿגעפּאַקט צוזאַמען, ווי אין קאַצעט, אָבער אין ערגעץ איז דער מענטש נישט געווען אַזוי איינזאַם, איינער אַליין, ווי אין קאַצעט.

מיטן קלענסטן ווונק איז דער קאַצעטלער אַרויסגענומען געוואָרן פֿון אָט דער צונויפֿגעשטיקטער מאַסע, אויסגעשטעלט אין פֿאָרכטיקער געהאָרכזאַמקייט צום „אַפּעל", און קיין איינער פֿון די הונדערטער אָדער טויזנטער, אַפֿילו די בעסטע חבֿרים, טאַטע, ברודער, זון, האָט נישט געגעבן קיין פּיפּס, אַפֿילו ווען אַ ווונק האָט געמיינט — גיין צו דער תּליה אָדער צום „קוימען"...

אָט איז דער מענטש מיט טויזנטער און אָט איז קיין איינער פֿון די טויזנטער נישט מיט אים — קען זײַן נאָך אַ גרעסערע איינזאַמקייט?

אַזאַ איינזאַמקייט רעדט־אַרויס פֿון דער קאַצעטלער־ליטעראַטור.

ווען מ׳דאַרף די אַנדערע נישט, זײַנען אַלע מיט דיר; נאָר ווען דו דאַרפֿסט די אַנדערע האָבן ווי דאָס לעבן — איז קיינער נישט מיט דיר. דערפֿילסטו זיך איינער אַליין אויף דער גאַנצער וועלט און אַלע אויסגעזוונגענע רייד „איינער פֿאַר אַלע און אַלע פֿאַר איינעם" קלינגען ווי אַ שענדלעכער ליגן...

אַזוי נאַטירלעך, וואָס נאַטירלעכער קען נישט זײַן. „צום לויב פֿון אָט דער ליטעראַטור איז נייטיק צו באַטאָנען איין עיקר־שטריך, וואָס איז געמיינזאַם כּמעט פֿאַר אַלע מחברים. בײַ דער לאַגער־מעטאָדיק איז זייער לײַכט צו לאָזן זיך באַהערשן דורך נאַטוראַליזם [11]. ווי אין לעבן, און ס׳איז קיין נײַס ניט אין לעבן צו הערן ליגנס...

די פֿאַרמשפּטע צום „קוימען", אַז עס קומט די צײַט פֿון געבן „די ראַציע", מאַכן גוואַלדן, מען זאָל זיי געבן „עסן", און די רוצחים (מיט דײַטשישער פּינקטלעכקייט) הייסן דערלאַנגען „די ראַציע".

ווײַל ביז דער לעצטער רגע וויל מען „לעבן".

מעג מען זײַן ווי געגאַרט!

דערפֿאַר איז זייער טרעפֿלעך געווען, וואָס בעת די קולטור־דע־

---

[11] ב. מאַרק — די יידישע טראַגעדיע אין דער פּוילישער ליטעראַטור, ז׳ 137, וואַרשע 1950.

לעגאַציע פֿון ייִדישן וועלטקאָנגרעס, צונויפֿגעשטעלט פֿון ה. לייוויק, ישׂראל אפֿרת און עמאַ שיוועער, איז אין 1946 געפֿאָרן צו די נאַר־וואָס־באַפֿרייטע ייִדן אין די דײַטשישע לאַגערן, האָט די געפֿילפֿולע זינגערין אָנגעהויבן איר ערשטן אויפֿטריט מיט — „כּל נדרי", כאָטש עס איז דעמאָלט געווען פּסח...

„כּל נדרי" דערמאָנט שטענדיק, אַז ווען עס ליגט דער חלף אויפֿן האַלדז מעג מען צוזאָגן, כאָטש ס'איז אַ זינד צו העלפֿן דעם שׂונא מיט „טאָן אַ נדר"...

דאָס לעבן איז וויכטיקער ווי אַ נדר, ווען מ'ליגט בײַם רוצח אין די הענט. ס'קומט פֿון בענקשאַפֿט צום לעבן.

די קאַצעטלער־ליטעראַטור איז פֿול מיט בענקשאַפֿט צום לעבן.

בײַ דעם גאַנצן שטעכעדיקן פּחד אין יעדער שורה רעדט פֿון איר אַרויס דער ווילן צו לעבן.

אַ דאַנק דעם דאָזיקן אומענדלעכן ווילן צו לעבן האָבן די קאַצעטלערס געקאָנט אַריבערטראָגן אַלע פּײַנען, אָפּנאַרנדיק דעם מלאך־המוות, וואָס האָט אויף זיי געלויערט אין יעדער רגע פֿון מעת־לעת.

און דאָס לעבן האָט געזיגט.

שמואל ראָזשאַנסקי

# קאַצעטלערס



מרדכי שטריגלער, געבוירן 1921,
אין זאַמאָשטש, בײַ די 19 יאָר שוין
דיין אין פּראַגע (וואַרשע) און
גלײַכצײַטיק אַרײַנגעטאָן אין ייִדי־
שריפטשטעלערײַ, איז דער גײַסט־
רײַכסטער שילדערער פון דער מענ־
טשנוועלט אין די פאַבריקן פון טויט,
פון אירע אינערלעכע געראַנגלען,
פון די טרײַבקרעפטן צום לעבן, סײַ
די דערהויבענע, סײַ די וואָס האָבן
באַדעקט מיט שאַנדע דעם שם פון
דער וועלט. אַן אומגעהײַערער שאָד,
וואָס מרדכי שטריגלער, ראַטעווענדיק
די ייִדישע פּובליציסטיק אין דער
צײַט פון ירידה, האָט איבערגעריסן
זײַן אויסערגעוויינטלעכן צושטײַער
צו דער בעלעטריסטיק פון קאַצעט,
וואָס דעקט־אויף די נשמה פון קאַ־
צעטלער. — מרדכי שטריגלער איז
דער פּראָדוקטיווסטער שרײַבער אין
דער זשורנאַליסטיק (אַ גרויסער טייל
דערפון — אַנאָנים — און אונטער אומצייליקע פּסעוודאָנימען). ער וווינט נאָך
דער מלחמה אין פּאַריז (1945־1952) און פ״ש, אָבער די מערסטע ביכער זײַנע
ווערן אַרויסגעגעבן אין בוענאָס־אײַרעס, אין די פאַרלאַגן „דאָס פּוילישע ייִדנ־
טום״ און „קיום״ (זע: „לעקסיקאָן פון דער ייִדישער ליטעראַטור״, באַנד 8,
נ״י 1981).

מרדכי שטריגלער / יוני 1945 ־ מאַרץ 1946

# ביַי מיר האָט די צײַט אַ בית־עולם פאַרלייגט...

פֿון בוך „אין אַ פֿרעמדן דור", פּאַריז 1947

מיר זאָגט מען: ביסט נאָך יונג!
און ס'וואַרט די וועלט מיט אָפֿענע אָרעמס.
און בײַ מיר האָט די צײַט אַ בית־עולם פֿאַרלייגט
און אין מײַן בלוט געגראָבן מאַסן־קבֿרים — — —

און ווען מײַן שמייכל קומט אַ מאָל,
קומט ער אַ קרומער, מיט אַ לאָמען שטעקן,
און כ'היט זיך הויך אַ לאַך צו טאָן —
כ'זאָל די מתים אין מיר נישט איבערוועקן...

## אָט, זע, אַ דור איז פאַרגאַנגען...

אָט, זע, אַ דור איז פֿאַרגאַנגען
און — ווי אויף חוזק — דיך נישט מיטגענומען,
דו אַליין זאָלסט ווי זיי נאָך פֿילן,
אַז דו זאָלסט ווײַטער זייער ניגון ברומען.

אַליין נאָך זאָלסטו ס'געוויין פֿאַרהיטן
און דערבײַ נישט קענען וויינען,
און ציִען זאָל דיך צו אַלע גלאַנצן,
און אַליין זאָלסטו נישט קענען שײַנען.

ווי טאָן זאָל דיר ביז צום טיפֿסטן
און נישט קענען זאָלסטו דערבײַ אויסשרײַען,
עקלען זאָל דיך, וואָס די אויגן זעען,
און דײַנע ליפּן זאָלן נישט קענען שפּײַען.

פֿאַרלאַנגען זאָלסטו האָבן וועלטן
און קיין ברעקל זאָלסטו נישט קענען מאַנען,
ענג זאָל זײַן דיר דײַן אייגןווינקל
און אין האַרץ בײַ זיך טראָגן מיליאָנען...

## ווי, ווי, ווער וועט וויינען?...

— ווי און ווי, טאָ ווער וועט וויינען?
ווער וועט ספּאַזמירן אויף די חורבֿות?
די ערלעכע זײַנען געוואָרן שטיינער
און פֿאַלשע נייען גרויסע טאַרבעס!...

טאָ ווער וועט שרײַען, ווער וועט קלאָגן?
מ׳מוז דאָך באַוויינען כאָטש מיליאָנען!
אַז פֿרומע זײַנען אין גײַסט דערשלאָגן —
און פֿרעכע קומען בלויז ירושה מאָנען...

טאָ ווער וועט ציילן, ווער וועט שרײַבן,
ווער וועט היטן דאָס ליכט פֿון פֿריִער,
אַז די געבליבענע ווילן פֿאַרטרײַבן
זייער לעצטן זינען מיט רויש און ציר...

ווי און ווי: אויך איך! אויך איך!
כ׳פֿלאַם אַליין פֿון זייער ביוש...
ס׳ברענט־אַרום און דאָ קני איך —
ליג פֿאַרצווייפֿלט און זייע יאוש...

## הײַנט בין איך שוין רויִק

הײַנט בין איך שוין רויִק, קוים
נישטאָ שוין מער פֿון ווי די רוט,

דאָס געשפּענסט בעטלס־אויס אַ מאָל אַ טרוים
און באַהאַלט בײַ טאָג זיך אינעם בלוט.

די שרעק פֿאַרזינקט אין די ווענט
און האָט מורא הויך אויסצושרײַען,
און דעם געמיטס פּאַרטיף שלינגט־אײַן די הענט,
געשטרעקטע מאַכטלאָז פֿון מיליאָנען־רייען.

הײַנט עס איך מער און טרינק צו זעט
און שפּרײַז אויף ריינע פּלאַסטער־שטיינער;
דער זכּרון פֿאַרוואָגלט אין הינערפּלעט
און היט זיך, ס׳זאָל אים ניט שפּירן קיינער.

נאָר אַ מאָל, מיט זיך, אין שאָטן,
בייזערט זיך אין חלשות דער פֿאַרגעס
און ס׳צעגרוילן אויף ס׳נײַ זיך די איום־דראָטן
און ראַנגלען אויפֿסנײַ זיך מיטן נס...

## און כ׳ווייס נאָך אויך...

הײַנט ווייס איך: כ׳בין אַ מערדער געווען,
ווען כ׳האָב פֿרייד־געפֿילן אין מיר געשטיקט
און ווען אויגן האָבן מיך גערופֿן —
האָב איך בכּיוון אַוועקגעבליקט...

כ׳ווייס, אַז ס׳וועט שוין מער נישט זײַן
יענע מינוט צום ווידערגלײַכן,
אַ צײַט האָט זיך פֿאַרלייגט אין מיט
און אַוועקגעשטראָמט מיט בלויע טײַכן.

און כ׳קלער אַ מאָל: טאָמער דאָך
האָט אַ טרער צוליב מיר אַדורכגעקוואַלט?

טאָמער האָט אַ געפֿיל געווײנט,
דערפֿאַר וואָס כ׳בין געבליבן קאַלט.

און כ׳שעם זיך דאָן פֿאַר זיך אַליין
און כ׳וויל אַליין זיך אין פּנים שפּײַען:
ווי קען איך שטראָפֿן, מאָראַליזירן —
אַז כ׳טראָג אַ צייכן פֿון אַ קין?

אפשר האָט אַ האַרץ געווײנט
אַ מאָל אַזוי פֿון דער גאַנצער טיף?
אפשר איז יענערס האַנטבאַוועג —
צו מיר געווען מיט דאַרשט אַ בריוו?

ווער ווייסט, וויפֿל כ׳האָב פֿײַן פֿאַרזיית,
ווען כ׳האָב פֿאַרשטאָפּט פֿון געפֿיל די קוואַלן,
כ׳האָב געקלעטערט לייטער־הויך
און דערבײַ טיף געפֿאַלן — — —

## און אַז קיינער וועט מער נישט...

און אַז קיינער וועט דיך שוין מער נישט פֿאַרשטיין,
נישט הערן דײַן וואָרט, נישט פֿילן דײַן וויי,
און דו אַליין מיד וועסטו זײַן,
נישט קענען מיט זיך מער צעשמועסן פֿרײַ —

וועסטו זוכן־אַרויס איינעם צו דיר,
וואָס זאָל דײַן שטומע שפּראַך דערקענען,
די הענט ווילסטו טאָן אַ צעפּיר
און אים, אין האַרץ, בײַ זיך אויפֿנעמען.

וועסטו זען — ווי ווײַט דו ביסט
אַליין... דו ביסט אַן אַליינער...

זוך און זוך... און זוך אומזיסט —
דײַן ברודער איז דער טרײַער קיינער.

טאָ נעם אַ טאָרבע און הענג זיך אָן,
און גיי איבער די שוועלן בעטן,
וועט עמעץ אפשר אַ ריר זיך טאָן
און די שוועל פֿון האַרץ באַטרעטן.

גיי און זינג, גיי און קלאָג,
באַמי זיך, דו, אויף אַלע שפּראַכן —
וועסט אפשר אָנטרעפֿן אַ מאָל אַ טאָג,
ווען עמעץ וועט מיט דיר אויפֿוואַכן.

## פֿאַר וועמען?...

פֿאַר וועמען איז דען פֿאַראַן צו זינגען?
וועמען זאָל איך שענקען האַרץ?
אַלץ אַרום איז פֿאַרגליווערט;
כ׳טו אַ בליק בלויז און ווער פֿאַרשטאַרט.

כ׳קום פֿון דורות מיט זינגער־מוחות,
וואָס האָבן פֿלאַמען אין בלוט פֿאַרפֿלאַנצט,
און איך אַליין בין מיטגעצונדן —
אַ קליינטשיק בלעטל פֿון גרויסן קראַנץ.

איז וועל איך זינגען, וועל איך קלאָגן —
ווער וועט וועלן מיך פֿאַרשטיין?
אַז אַ מאָל אין מינוטן שוואַכע,
ווער איך פֿרעמד פֿאַר זיך אַליין.

לייג איך אַ מאָל אַוועק די פֿעדער
און שרײַב אין זיך אַרײַן: פֿאַרגעס!

און ווען איך שרייב אויפסניי דאָ ווידער,
שטייגט פון קבר אויף אַ מת — — —

## ס׳קלאַפּט ניט קיינער אין דער טיר...

ס׳קלאַפּט נישט קיינער אין מיין טיר —
איז אפשר גוט, וואָס כ׳בין מיט זיך.
נאָר ס׳האָט דאָס האַרץ דעם צאַפּל ליב,
ווען אין קאָרידאָר רוישט אַ שיך.

כ׳שליס אַליין די טיר צו
און כ׳וואַרט אַליין דערנאָך: מ׳גייט!
כ׳וויל אַליין פאַרזיכיך רו
און כ׳האָרך צי ס׳טראָגט נישט ווער מיר פרייד.

אָט ווען עמעץ קוקט דורך שליסללאָך
און בלייבט זיך שטיין: אָט בין איך דאָ!
וואָלט איך אפשר אויפגעקאָכט
און געשאָלטן די פאַרשטערטע שעה...

נאָר שפּעטער, ווען יענער זאָל אַוועק,
וואָלט ביי דער טיר געהאַנגען מיין געהער
און יעדער גערויש וואָלט מיך גערעגט:
קומט נישט ווער? קומט נישט ווער?

## פאַרן אָפענעם פענצטער

פאַרן אָפּענעם פענצטער זע איך די וועלט
און פאַרגעס זיך אַליין צו דערבליקן,
אָט האָט אַ שויב זיך דאָרט צעהעלט —
און באַהאַלט פאַר זיך דאָרט פרעמדע גליקן.

אַט שטייט אין זײַט אַ מיידל און וואַרט —
צו וועמען קוקט זי דאָרט, אויבן?
ס׳האָט אפשר ווער זי אָפּגענאַרט
און ס׳איז איר געבליבן בלויז גלויבן...

און דאָ אַ פּאָרל פּרייט־פּאַרבײַ
געזאָגנג אין טריט, הענט אויף אַקסל...
אַ שאָד וואָס גאָט באַשאַפט נישט אויפסנײַ,
אַז מענטש אין מענטש זאָל פאַרוואַקסן...

און צוויי וועלטן טרעפט עס דאָרט,
בײַם פּענצטער אַט דעם העלן,
איינע זוכט אַ שטילן אָרט,
די צווייטע טרײַבט עס פון די שוועלן...

ס׳איז פון אייביק אַן שוין אַזוי
און כ׳וויל קיין נײַס דאָ נישט דערציילן,
כ׳האָב ניט מיט זיך קיין פרישן טוי
אַלטע צערן אויסצוהיילן.

כ׳זאָג עס בלויז אַזוי פאַר זיך:
פאַרן אָפענעם פענצטער איז גוט צו שנײַדן...
זעסט אַ וועלט אין פאַרגליך —
און זעסט דערבײַ ניט זיך אַליין...

## איך האָב מײַן גאָט פאַרלוירן...

איך האָב מײַן גאָט אַ מאָל פאַרלוירן
און קען אים מער שוין נישט געפינען,
קומען טעג ווי גרויע מויערן —
ווען מ׳קען אַראָפּ פון, זינגען...

זוך איך אים אין זונענשײַן
און אין מײַן שטילן חלום-שפּינען,
כאָטש איך ווייס בײַ זיך אַליין —
איך וועל אים דאָרט שוין נישט געפינען...

און ווען אין נעכט קומט די שרעק
און נעמט-אַרום מיט שטאַרע גלידער,
וואַרט איך בלויז אויף דעם דערוועק,
ווען איך זאָל אים האָבן ווידער...

איך האָב פאַרלוירן אַ מאָל מײַן גאָט
און קען אים מער שוין נישט געפינען...
גאָט! גיב מיר אַ גאָט —
ווי אַמאָל, אין מײַן באַגינען...

## שרײַבט דאָ אַ מענטש...

ס'שרײַבט אַ מענטש דאָ ווערטער שטילע,
ווער ס'וויל — דער הערט אַ ליד,
נאָר קיינער ווייסט נישט, אַז — ווי צו נעילה
איז יעדער וואָרט אַ שטיק געמיט.

כ'ווייס נישט ווער ס'רופט מײַן קלאַנג,
אפשר איז עס — איך אַליין?
כ'שענק נישט קיינעם מײַן געזאַנג
און כ'היט אין זיך מײַן געוויין.

נאָר אַ מאָל, אין מינוטן שוואַכע,
ווען דער צער קאָכט זיך שטום,
קומען ווערטער האַלבע, פלאַכע,
אַ געשטאָרבן בלעטל פון אַ בלום.

ס'שרײַבט אַ מענטש דאָ ווערטער שטילע,
מענטשן זאָגן: ס'איז אַ ליד!
נאָר ווער ס'וויל, דער הערט אַ תּפילה:
ווער בישט מיד! ווער בישט מיד!

פּאַריז, יוני 1945 — מאַרץ 1946

משה פּראַגער / משה מאַרק

# דער רבי מענדעלע פּאַביאַניצער גייט קיין טרעבלינקע*

רבי מענדעלע פּאַביאַניצער גייט קיין טרעבלינקע. נישט ער גייט, נאָר ער לויפֿט. דער גאַנצער המון ייִדן אינעם גירוש־צוג, אויסגעמישט צוזאַמען זקנים מיט יונגוואַרג; ווײַבער מיט זויגלינגען אויף די הענט און נאָכגעהאָנגענע קינדער אין די אָרעמס; קראַנקע, און קאַליקעס, בלינדע און לאָמע, וואָס ווערן אונטערגעפּירט דורך געזונטע מענער. דער צוג רוקט זיך אַזוי פּאַמעלעך, יעדער רימפּלט, ווי אויף פֿרעמדע, הילצערנע פֿיס, און ער, ר' מענדעלע, אײַלט און לויפֿט. אַ פֿײַערדיקער אימפּעט טראָגט אים, ווי אַלע זײַנע רמ״ח אבֿרים וואָלטן זײַן בלויז פֿיס צום לויפֿן.

---

* די נאָוועלע שטיצט זיך אויף אַן אויטענטישן פֿאַקט. איינער פֿון די געראַטעוועטע פֿון פּוילישן גיהנום האָט געבראַכט אַ ידיעה פֿון טרעבליקנע, אַז בעת ר' מענדעלע אַלטער, פּאַביאַניצער רב, ברודער פֿון גערער רבי און געוועזענער פּאַרזיצער פֿון אַגודת הרבנים אין פּוילן, איז געוואָרן אַרײַנבעגעפּירט צוזאַמען מיט אַ גאַנצן צוג ייִדן אינעם טויטן־לאַגער אַרײַן, האָט ער אין מיטן וועג גערופֿן די ייִדן צו מתפּלל זײַן און זאָגן ווידוי, און די תּפילות האָבן נישט אויפֿגעהערט, ווען די איבערגעראַשטע דײַטשישע רוצחים האָבן געעפֿנט אַ פֿײַער אויף די מתפּללים.

אָבער זיי, די באַוואָפנטע געפּאַנצערטע שומרים מיטן טײַוולאָנישן שפּאָט אויף די פּרצופֿים זייערע, זיי אײַלן זיך נישט. זיי לאַכן, לאַכן:

— לאַנגזאַם, יודע, דײַן שיקזאַל דערוואַרט דיך סײַ־ווי־סײַ. מאַרש לאַנגזאַמער, יודע!

נאָר ער, רבי מענדעלע, דער ערשטער גייער, דער פאָרגייער פונעם צוג, דער מיט דער צעפּלאַטערטער באָרד, וואָס אין גאַנצן איז זי ווײַס, בלויז אין דער סאַמע מיטן שטעקט אַ שוואַרצער קנופּ האָר, ווי אַ שוואַרצער פּלאַקער וואָלט דאָרט געברענט, ער הערט נישט דעם באַפעל און רײַסט זיך פאָרויס ווי מיט דער כוונה מיט־צורײַסן נאָך זיך דעם גאַנצן ייִדן־געקנויל.

פּלוצעם האָט עפּעס געטאָן האַסטיק אַ פאַל־אַנידער פאַר זײַנע פיס. אַ מכשול! און אַ געשריי, אַ שפּיציק־שפּיזיק קינדער־געשריי טראָגט זיך פון דעם מכשול, וואָס איז געוואָרן געשלײַדערט אונטער די פיס זײַנע. בייגט ער זיך אײַן, רבי מענדעלע, בייגט זיך אַרונטער צום לעבעדיקן שטיק געשריי, הייבט עס אַזוי ציטערדיק אויף מיטביידע הענט. צעפּאַלט שוין דאָס געשריי אין זײַנע אָרעמס און פון דער זײַט פּראַלט דעם שטנס געלעכטער:

— כאַ־כאַ! האָסטו יודע, כאַ־כאַ! וועסט שוין נישט קאָנען אַזוי שנעל לויפן, יודע, כאַ־כאַ.

טראָגט רבי מענדעלע אין ביידע הענט פעסט אַרומגעכאַפּט דאָס לעבעדיקע קינדערשע געשריי און דאָס שטיק געשריי וויקלט זיך מיט דינינקע הענטעלעך אַרום זײַן האַלדז. און לויפן לויפט ער נאָך שנעלער, ווי ער וואָלט וועלן נאָך פאַרלויפן און אַריבעריאָגן ס׳געשריי. און אַז ער איז אַזוי דערלאָפן ביז ערגעץ־ווו אַ בלינדן פונקט, אַ זאַמלפּלאַץ, אַ מעטע, וואָס לויפן ווײַטער האָט מען נישט געקאָנט, נאָר שטויסן זיך און שטויסן אויפן זעלביקן אָרט אין דער שטיקעניש, האָט ער, רבי מענדעלע, מיט אַ מאָל דערשפּירט ווי דער אײַנגעצוימטער אימפּעט לויפט אים פון די פיס אינעווייניק

אין מוח אַרײַן, און פֿון דער קעל זײַנער האָט געגומען ברויזן אַן אויפֿגעפֿלייצטער שטראָם פֿון דער טיפֿעניש:

— זעט איר, ייִדן, וואָס איך האַלט אין מײַנע הענט? די גרעסטע לויטערסטע קדושה אויף אַלע וועלטן איז דאָס; אַ ייִדיש קינד! אַדרבא, לאָמיר זיך אײַנקוקן, טײַערע ייִדן! דער שׂטן אַליין טוט דאָך אונדז אַראָפּרײַסן די בעלמע פֿון די אויגן. וואָרעם פֿון וואַנען ווייס דען די זון אויפֿן הימל, אַז זי איז זון און אַז זון ברענגט טאַקע ברכה און גוטסקייט? דערפֿון, וואָס דאָס שלעכטע און דאָס פֿאַרדאָרבענע קאָן בשום אופֿן נישט פֿאַרטראָגן די זון. און גלײַך ווי די זון באַווײַזט זיך, טוט דאָס געמיינקייט שנעל פֿאַרקריכן אין די פֿינצטערע לעכער אַרײַן! און דו, אָרעם ייִדיש קינד, וואָס דו ביסט, דוכט זיך, אַזוי נעבעכדיק און שוואַך, ביסט ווי אַ פֿליג, און שפּלדיק און בזיהדיק ווי דאָס מינדסטע ווערעמל — טאָ ווי שטייט דאָס גאָר אין מיטן דערינען אויף דער שׂטן מיט זײַנע אַלע מחנות משחיתים מיט אַלע זײַנע רוצחישע כּלי־משחית אויף מלחמה צו פֿירן מיט פֿליגן, מיט ווערעמלעך!? און זיי, די טומאה מיט טומאהדיקע רוצחים, אַז זיי דערשנאַפּן נאָר אַ ייִדיש קינד, אַן עופֿהלע, וואָס ווייס נאָך דעם „מודה אַני" נישט צו זאָגן, אַ זויגקינד אין דער מאַמעס שויס, אַז זיי דערזען עס, טאָ פֿאַר וואָס פֿלאַקערט אַזוי גוואַלדיק אין זיי פֿונאַנדער דאָס פֿײַער פֿון רציחה? אָט דעם רוח טהרה, וואָס שוועבט איבער יעדן ייִדישן קינד, דעם כּוח הקדושה, וואָס שטראַלט־אַראָפּ פֿון יעדן ייִדישן קינדס פּנים, דאָס קאָן דער כּוח הטומאה בשום אופֿן נישט אויפֿהאַלטן! אַ, וואָס־וואָס, נאָר אַ שאַרפֿן חוש הריח פֿאַרמאָגט די סיטרא אָחרא, רחמנא ליצלן!

— גלייבט מיר, טײַערע ייִדן, יעדער אײנציקער ייִד איז דאָך היינט אַזוי שפּל בײַ זיך אין די אויגן. אין אַ זינדיקן דור לעבט מען, אַ דור פֿון כּל מום רע. מ'האָט צו מאָל גאָר נישט קיין שׂכל מקבל צו זײַן די יסורים באַהבֿה, און איך אַליין בין זיך מודה ומתוודה בפֿני קהל ועדה, אַז די רוצחים האָבן גענומען פּײַניקן

דעם גוף, האָט עס מיך תּחילת אַזוי באַנג געטאָן, נע, נע, אַ חרפּה צו דערציילן, עט... נאָר דערנאָך, אַז די טמאים האָבן פּלוצעם דערזען די ספר־תּורה אין שטוב און זיי האָבן מיך אָפּגעלאָזן און גענומען מיט נאָך אַ גרעסערער אַכזריות, מיט נאָך אַ גרעסערער תּאווה פון רציחה, צו טרעטן מיט די פיס די ספרי־תּורה, צו פליקן און רייַסן די יריעות פון דער תּורה הקדושה, ווי זיי וואָלטן אין די פּאַרמעט־יריעות מיט די שוואַרצע אותיות דערשפּירט דאָס גרויסע, ממשותדיקע חיות פון ייִדן, בין איך געוואָרן אין גאַנצן צוריקגעשטעלט. דאָס איז אַן אַלטער כּלל: „מאויבי תּחכּמני״. נישט קיין בינטל ביינער מיינט ער דאָך, דער שונא. איז ער אַרויס מלחמה האַלטן מיטן מקור הקדושה. שעכט ער די ייִדישע קינדער און זוכט צו צעברעכן דעם ייִדישן כּוח — ברענט ער און בראָט די יריעות פון דער תּורה!

— גוואַלד, ייִדן! נישט עפּעס סתּם אַזוי טשעפּעט זיך דער אַבי אָבות הטומאה צו אונדז, ייִדן! יעדעס מאָל, ווען דאָס רשעות שטייט־אויף צו פאַרכאַפּן די וועלט, טוט זי שטענדיק און אומעטום פון צווישן אַלע שבעים אומות אַרויסשנאַפּן דעם זעלביקן שונא, כּדי אים צו שאַרפן די געפּערלעכסטע כּלי־זין. דאָס איז דאָך די אייביקע טענה פון דעם שׂטן: „איינס פון די ביידע: אָדער דער ייִד, אָדער ער!״ און אין אונדזער הייַנטיקן דור איז עס דען עפּעס אַ מקריות די מלחמה קעגן ייִדן? אָ, דער שׂטן ווייסט גוט דעם חשבון זייַנעם. דעם יסוד און מקור־החיות מיינט ער. זעט מען דאָך הייַנט בחוש דעם אייביקן אמת פון כּוזריס ווערטער: „ישׂראל באומות — כּלב באברים״, דעם שטראָם־חיות פון אַלע אברים, ווער גיט־אַרייַן? דאָס האַרץ! אַלע ריינע ערלעכע כּוחות, פון וואַנען שטאַמען זיי? אמונה און אַחוות הבורא און מענטשלעכקייט, ואָהבֿת לרעך כּמוך און די פיר יסודות, וואָס אָן זיי קאָן די וועלט קיין קיום נישט האָבן, ווי עס שטייט אין תּהילים „חסד ואמת נפגשו, צדק ושלום נשקו״. און ווער שפּייַזט די וועלט מיט דער גרויסער נחמה פון „והיה באחרית הימים״? אַלץ דאָס האַרץ! און דעם

מינדסטן ווייטיק פֿון יעדן אבֿר, ווער איז גלײַך מרגיש? דאָס האַרץ! ווי אַ רשעות, ווי אַ פּורעניות, ווי אַ קללה, אַ פּגע רע, אַ מגיפֿה, ווי אַן אומגליק — ווער שפּירט־אָפּ דער ערשטער, ווער איז דער ערשטער אַ מבֿין דערויף און ווער האָט דערפֿון צום שטאַרקסטן צו לײַדן? אַלץ דאָס האַרץ! ווי דוד המלך זאָגט: „כל משבריך וגליך עלי עבֿרו". און איז הײַנט די חוצפּה פֿון דעם שׂטן אַזוי גרויס צו וועלן מיט איין קלאַפּ אַנידערלייגן די גאַנצע וועלט, ציט ער זײַן גיפֿטיקע שפּיז גלײַך אין האַרץ אַרײַן — אין ייִד.

— דערפֿאַר זאָג איך אײַך, הייליקע ייִדן, לאָמיר נישט פֿאַרגעסן דעם תּכלית פֿון דער מלחמה. ווער זײַנען מיר דען? איין רינגעלע אין דער קייט פֿון דורות. דור הולך ודור בא. אָבער די מלחמה איז דאָך אַן אייביקע. דער איינציקער תּכלית פֿון דעם שׂטן אין אַלע זײַנע מלחמות איז דאָך אָפּצומעקן דעם נאָמען ייִד. ווי אַלט איז שוין די דאָזיקע מלחמה? נאָך אין תּהילים ווערט דערציילט: „אמרו, לכו ונכחידם מגוי ולא יזכר שם ישׂראל עוד". ווער קאָן דען אויסציילן די אַלע שׂונאים, וועלכע האָבן זיך דערויף פֿאַרמאָסטן? שבֿעים אומות — אפֿשר זיבעציק שׂונאים! ווער געדענקט זיי אַלע אויסצורעכענען: אדום און מואָבֿ, עמלק און פּלשת, סנחריבֿ און נבֿוכדנצר, אַנטיכוס און טיטוס, און די המנס אין אַלע דורות פֿון טאָרקוועמאַדאַ ביז כמעלניצקי מיט זײַנע אייניקלעך... אַן אַלטע מלחמה איז עס. גוואַלד, ברידער, לאָמיר נישט מסיח דעת זײַן פֿונעם חשבון פֿון דער נצחיות! די שטאַרקסטע פֿון דער וועלט קלײַבט דער שׂטן כּסדר אויס פֿאַר זײַנע שליחים. וואָס איז דער סוף פֿון זיי? ימח שמם! וויי, וויי, אונדזער קללה אויף זייערע קעפּ! ווי אַ שטיין אין דער טיפֿעניש זײַנען זיי פֿאַרשוווּנדן. רשעות, רשעות קאָן דאָך לאַנג זיך נישט האַלטן. אמת מארץ תּצמח. און דער שקר האָט גאָר נישט קיין וואָרצלען. קיין שׂריד ופּליט איז פֿון די ייִדישע שׂונאים נישט געבליבן. בלויז אין זכות פֿון דער ייִדישער קללה, אין זכות פֿון דעם „ימח שמו" דערמאָנט מען נאָך אַ מאָל זייער פֿאַרשאָלטענעם נאָמען!

און רבי מענדעלע האָט אויפֿגעהויבן דאָס ציטערדיק־צעבלו־טיקטע קינד מיט ביידע הענט הויך־הויך, ווי מען שטרעקט אַ פֿאַרנאַנדערגעוויקלטע ספֿר־תּורה:

— וזאת... און דאָס איז דער תּכלית פֿון אייביקער מלחמה. זאָג מיר, ייִדיש קינד, ווער דײַן שונא איז, וועל איך דיר זאָגן ווער דו ביסט! און וואָס ווילדער און אַכזריותדיקער עס איז די שׂנאה צו דיר, ייִדיש קינד — אַ סימן, ווי טיפֿער און שרעקלעכער עס איז די פֿאַרדאָרבנקייט פֿון שׂונא. און איז פֿאַר אונדזערע אויגן אויפֿגעשטאַנען דער שׂטן המשחית מיט דער כּוונה לעקור את הכּל, ממש אויסצוראָטן יעדן פֿונק פֿון הייליקייט, פֿון דערהויבנקייט, פֿון איידלקייט בײַ דעם בחיר היצורים — איז זײַן שׂנאה צום נאָמען ייִד אַזוי גוואַלדיק און זײַן רציחה־לוסט נאָך ייִדיש בלוט ווייסט גאָר נישט פֿון קיין גרענעץ. ער לאַכט אין די פֿויסטן, דער שׂטן, און מיט דעם רוצחישן געלעכטער מיינט ער צו פֿאַרדעקן זײַן טיפֿן פּחד. מיט די טײַכן ייִדיש בלוט מיינט ער אײַנצושטילן זײַן מיאוסע פּחדנות. אַדרבא, זעט, ווען ער מיינט שוין, דער שׂטן, די גאַנצע וועלט צו האָבן אונטערטעניק אַוועקגעלייגט צו זײַנע פֿיס, ציטערט ער אַלץ פֿאַרן בליק פֿון אַ ייִדיש קינד. ער ציטערט אין אַנגסט, אַז ווען די וועלט די גאַנצע וועט שוין האָבן אַראָפּגעזונקען ביז די מ״ט שערי טומאה, וועט אויף דער חורבה פֿון דער וועלט זיך באַווײַזן דער לעצטער ייִד, דער איינציקער ייִד, און ער וועט אויפֿרײַסן די ממשלה פֿון שׂטן, און ער, דער לעצטער ייִד, וועט זײַן דער מנצח!

ר׳ מענדעלע האָט נאָך געהאַט אַזוי פֿיל צו זאָגן און צו זאָגן, נאָר די אַלע ווערטער האָבן זיך עפּעס צוזאַמענגעגאָסן אין אַן אויסטערליש זיסן ניגון, אַ ניגון, וואָס האָט אים אינעווייניק אין גאַנצן פֿאַרפֿלייצט. ער האָט בחוש געשפּירט, ווי די שיידל פֿון מוח הייבט זיך פֿון דעם ניגון און די שפּיץ נעגל פֿון הענט און פֿיס ברומען מיט דעם ניגון. און ער, דער ניגון, האָט זיך צעפֿלייצט ווי אַ טײַך און ר׳ מענדעלע איז געטראָגן געוואָרן אויף

די כוואַליעס. אַרום אים האָבן זיך גענומען אָפּטאָן מעשׂים, נאָר דער ניגון האָט אַלץ פֿאַרגאָסן, ביז אַ רוצחישע האַנט, וואָס האָט אים אַ פֿליק געטאָן בײַ דער באָרד, האָט אים אויף אַ װײַלע אַרויסגעריסן פֿון דעם פּנימיותדיקן ניגון:

— כאַ־כאַ־כאַ, דו, יודע מיט דער שענסטער באָרד, וועסט פֿירן דעם מאַרש אויפֿן לעצטן וועג. שנעלער, שנעלער, כאַ־כאַ־כאַ!

און ר' מענדעלע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט. ער האָט זיך געטאָן אַ דריי־אויס מיט דער צעפּלאַטערטער באָרד צו דער עדה ייִדן און דער טיף־פֿאַרבאָרגענער ניגון זײַנער האָט ווידער דורכגעבראָכן אַלע צוימען און אין דרויסן אַרויס:

— הערט זיך אײַן, ברידער, ייִדן! ווייסט איר וווהין מיר גייען? אויפֿן אַלטן וועג פֿון קידוש־השם גייען מיר. אַבֿרהם אָבֿינו האָט געפֿירט איין ייִד, יצחקן, צו דער עקדה, און בײדע זײַנען זיי געגאַנגען מיט שׂמחה און התלהבֿות. „וילכו שניהם יחדיו" — פֿון לשון חדוה. און מיר, אַז מיר גייען אַלע צוזאַמען צו דער עקדה, טאַטעס צוזאַמען מיט קינדער, זיידעס מיט די אייניקלעך, מאַמעס און באָבעס צוזאַמען מיט זייערע גאַנצע משפּחות, ראשי העדה צוזאַמען מיט די גאַנצע קהילות — ווי גרויס איז די דאָזיקע רגע? באַזינט אײַך, טײַערע ייִדן, קדושים וטהורים: פֿאַר וואָס פֿירט מען אונדז צו דער עקדה? דער שׂטן אַליין שרײַט דאָך אַזוי אָפֿן, אַז בלויז איין חטא האָט ער בײַ אונדז געפֿונען: דעם נאָמען ייִד. גייען מיר אַלע צוזאַמען מקדש השם זײַן. נאָר נישט געאײַלט זיך, ייִדן! אַ װײַלינקע! כאַפּט־אָפּ דעם אָטעם! עס זײַנען די לעצטע מינוטן. לאָמיר מקיים זײַן די מצווה פֿון מסירות הנפֿש מיט דער גאַנצער כּוונה. אַזאַ מינוט, אַזאַ הייליקע מינוט... שאַ־שאַ, געלאַסן, ייִדן... מען דאַרף זיך אַ וואַש טאָן די הענט און זאָגן ווידוי — —

— גוואַלד, ייִדן, גיט מיר אַ ביסל וואַסער צום וואַשן די הענט. איך גיב־אַוועק אַ האַלב חלק עולם־הבא פֿאַר אַ ביסל וואַסער?

„די צוקונפֿט", נ"י, נאָוו' 1945

ה. לייוויק

## מײַדאַנעק־אײַן, מײַדאַנעק־אויס

דער שם־המפֿורש פֿאָכט מיט זײַנע מידע פֿליגלען,
דער שם־המפֿורש שלאָגט פֿון כּוחות זיך אַרויס,
ער וואָגלט־אום צווישן די מײַדאַנעק־רינגלען
אַן אײַנגעשטויבטער, אויוון־אײַן און אויוון־אויס.

ער פֿאַלט־צו צו אַ באַרג נאָך גיט פֿאַרברענטע גופֿן,
ער זינקט אין אײנעמס אָרעמס, אין אַ צווייטנס מויל,
ער וועקט, ער רופֿט מיט רוח־חיימדיקע רופֿן
און — ס׳גיט זיך ניט קיין ריר דער טויטער מענטשנקנויל.

אַמאָל, אַמאָל האָט ער אַ גרויסן טאָל מיט ביינער
צום לעבן אויפֿגעוועקט, אַמאָל האָט ער געקענט
אַפֿילו אין אַ ליים אַרײַנטאָן צונג און ביינער
און אָטעם געבן אים און צאַפּלענדיקע הענט.

אַמאָל, אַמאָל — און הײַנט, אָ, וויי געשריגן,
אַפֿילו דער וואָס לעבט — גייט טויטשולד אים פֿאָרויס:
דער שם־המפֿורש וואָגלט־אום מיט מידע פֿליגל,
פֿאַרשטויבט, פֿאַרשטומט, מײַדאַנעק־אײַן, מײַדאַנעק־אויס.

פֿון בוך אין טרעבלינקע בין איך ניט געווען, נ״י 1945

רבקה קוויאַטקאָווסקאַ

## די ערשטע נאַכט אין לאַגער

חוה האָט זיך אויפֿגעוועקט בײַ נאַכט אין באַראַק אַ צעטומלטע, אַרומגעקוקט זיך איבער די פֿרעמדע פּנימער. דורך דער האַלב־

אָפּענער טיר האָט אַרײַנגעשײַנט אַ בלאַסער פּאַס ליכט פֿון אַ ווײַטן לאַמטערן.

— ווו בין איך — האָט זי אַ דערשטוינטע געפֿרעגט — איז דאָס דער אַ... אַשוויענטשים?

ווי אַ געליימטע האָט זי געקוקט אויף די הונדערטער פֿרויען אויסגעלייגטע אויף דער ערד, אויף זייערע הענט און פֿיס, ווי אַלטוואַרג אויף אַ מיסטקאַסטן אַרויסגעשלײַדערטע, און גאָר נישט באַנומען. נאָר דער געדאַנק האָט זיך אָן אויפֿהער אין איר מוח געשלאָגן:

— ווי איז דאָס מעגלעך, אַז איך האָב מיט אייגענע הענט זיך אַ גרוב געמאַכט? איך בין דאָ... און ווו זײַנען זיי? פֿאַר וואָס האָב איך צוגעלאָזט, טאַטע־מאַמע זאָלן גיין אויף לינקס? וואָס וועט פֿון זיי דאָרט ווערן?

מיט אַ דערשטיקט קול שטאַמלט חוה אין דער פֿינצטער:

— איך האָב נישט באַדאַרפֿט צולאָזן! נישט באַדאַרפֿט...

פֿאַר חוהס אויערן קלינגען די לעצטע רייד פֿון פֿאָטער:

— קינדער, עס איז נאָך נישט סוף וועלט... טויזנטער ייִדן זײַנען דאָ געקומען... גאָט וועט העלפֿן...

עס דוכט זיך איר, אַז נעבן איר שטייט אַלץ דער טאַטע און טרייסט אַלע אַרום מיט זײַן גוטמוטיקן שמייכל. ביז ווייטיק שלאָגן זיך אין איר מוח זײַנע ווערטער:

— עס איז נאָך נישט סוף וועלט...

אין טיפֿן שלאָף ליגן די פֿרויען אויף דער ערד אויסגעלייגטע. עס טראָגט זיך איבערן לאַנגן באַראַק זייער מידער, שווערער אָטעם, ווי אַ דערשטיקט געוויין. פֿון צײַט צו צײַט שרײַט ווער אויס פֿול מיט ווײ:

— נעם־אַראָפּ די פֿיס פֿון מײַן קאָפּ... עס איז מיר שלעכט... שלעכט...

— רוק זיך אָפּ! לאָז אויסציִען אַ האַנט! — בעט זיך אַ קינדע־רישע ציטערדיקע שטימע.

— שאַ!... שאַ... זײַ הערן... — רופֿט זיך ווער אָן דער־שראָקן און בלײַבט שטיל.

חוה ליגט אײַנגעפּרעסט צווישן אַ פּאָר פּרעמדע ווײַבער און קאָן זיך נישט רירן פֿון אָרט, קאָן נישט אויסגלײַכן די פֿאַרשטײַפֿטע גלידער. זי פּרווּוט אויסציִען אַ פֿוס, אויפֿשטעלן זיך, נאָר די פֿיס זײַנען שטײַף, ווילן זיך נישט האַלטן, ברעכן זיך, פֿאַלן אויף דער ערד.

— אַזאַ נאַכט... אַזאַ נאַכט... — קלאָגט זיך חוה און אַ פֿאַרווּנדערטע דערהערט זי איר אייגענע שטים — שוין בעסער שטאַרבן! שוין בעסער שטאַרבן!...

אין האַלדז שטיקט, פּרעסט. זי וויל וויינען, נאָר אירע אויגן בלײַבן טרוקן. די טרערן זײַנען פֿאַרשטיינערט.

זי קוקט אויף די פֿרויען אויף דער ערד, אויסגעלייגטע, ווי אין אַ קערפּערקנויל פֿאַרפּלאָנטערטע, אויף זייערע גאָלע קעפּ און לייגט־צו אַ פֿאַרצווייפֿלטע ביידע הענט צום שטערן, און גלײַך לאָזט זי זיי אַראָפּ מיט עקל: אַ גאָלער קאָפּ!

פֿאַר אירע אויגן רוקן זיך אַדורך וואָס אַ מאָל אַנדערע בילדער פֿון לאַגער. איז דאָס אַלץ אין איין טאָג פֿאָרגעקומען? — ווונדערט זיך חוה — די ראַמפּע... די באָד... דער וועג צום באַראַק...

ווידער זעט זי די ראַמפּע. וואַגאָנען, ווי אַ לאַנגע, שוואַרצע שלאַנג, ציִען זיך איבער דער לענג פֿון פֿעלד. פֿון יעדן וואַגאָן שטײַגן־אַרויס הונדערטער, טויזנטער פֿרויען, מענער, קינדער. דראָטן לאַנגע, מוראַדיקע. ס.ס.־לײַט מיט גומענע בײַטשן אין די הענט... אַרום אַ ליאַרעם... אַ יאָמער... אַ געשריי... אַ טומל... ווער שרײַט פֿון דער ווײַטנס?

אַ מיידעלע ווערט געשלעפּט פֿון אַן אָפֿיציר. אַ מאַמע קלאָגט אויפֿן קול.

ס.ס.־לײַט שטעלן־אויס אַ ריי.

— אויף לינקס! — פֿאַלט אַ באַפֿעל. וואָס הייסט „אויף לינקס“? ווו איז די מאַמע?

די מאַמע איז אַוועק... און וועט שוין קיין מאָל נישט קומען צוריק. איצט ווערט חוהן קלאָר: די ראַמפּע איז אַ פעלד צווישן לעבן און טויט.

...עלעקטריזירטע דראָטן... דראָטן... דראָטן...

— ווו טרײַבט מען דאָס די לאַנגע ריי? ווו שלעפּן זיך די געליימטע, אָגמעכטיקע פּיס? אַליין שלעפּט זיך חוה נאָך די ווײַבער אין דער ריי און עס דוכט זיך, אַז דער וועג וועט קיין סוף נישט האָבן. זי וועט אַזוי גיין און גיין ביז צום פאַלן צווישן די דראָטן, באַראַקן און צוימען. אין אירע הענט וויגט זיך אַ טאָרבע מיט פּראָדוקטן: אַ פערטל ברויט, אַ זעקעלע צוקער, אַ פלאַש שוואַרצע קאַווע. די טאָרבע ווערט אַלץ שווערער און שווערער. חוהן דוכט זיך, אַז זי שלעפּט אַ באַרג, אַ שווערן באַרג, די הענט שטייען־אָפּ. די פּיס ווילן ווײַטער נישט גיין. דער קערפּער ברעכט זיך. און זי מוז גיין, גיין, ווײַטער גיין!

צווישן די מויערן שאַרן זיך פרויען־געשפּענסטער מיט גאָלע קעפּ. געלע, וואַקסענע פּנימער, האַלב־נאַקעטע, אַרומגעהילט אין לאַנגע, גרויע דעקעס. ציטערדיק טראָגט זיך צווישן די דראָטן זייער געבעט:

— וואַרפּט אונדז ברויט! מען נעמט אַלץ סײַ ווי צו... וואַרפּט אונדז... וואַרפּט...

אויף אַ פּלאַץ שפּילט אַן אָרקעסטער. צאַרטע פרילינג־טענער גייען נאָך דער ריי, שלאָגן ווי מיט בײַטשן. יעדער קלאַנג אַ נאָגל אין האַרץ... און זיי שפּילן העכער און העכער, איבער אַלע וועגן טראָגן זיך די טענער...

אַ נידעריקע, רויטע ציגל־געבײַדע. פאַר וואָס אויסטאָן זיך? פון וואַנען נעמט זיך דער באַרג קליידער, העמדער און שיך? אַ קאָסטן רינגעלעך, זייגערלעך, גאָלדענע פעדערס...

זי זיצט אַ צעחושטע און ציטערט מיט דער זעלביקער שרעק ווי אין באָד. וואָס וועט איצט ווערן? — חזרן־איבער אומזיניק אירע ווײַסע ליפּן.

אַ גרויסער באַרג האָר... שוואַרצע, געלע... בלאָנדע לאָקן און צעפּ... מען טרעט אויף זיי, צעטראָגט איבער די ווײַסע קאַכליעס פֿון באָד. אין דער לופֿטן פֿליִען קליינע, קורצע הערעלעך, לייגן זיך אויף די נאַקעטע, פֿון שרעק פֿאַרשטאַרטע קערפּערס.

שטום איז חוה געשטאַנען, ווען אַ מאַשינקע איז גיך איבער איר קאָפּ געלאָפֿן. מיט מאַטע אויגן געקוקט, ווי עס זײַנען געפֿאַלן די האָר אויפֿן באַרג צעפּ און לאָקן, און שוין גאָר נישט געפֿילט, גאָר נישט באַנומען.

— אין דער שטילקייט פֿון דער נאַכט דאַכט זיך חוהן, אַז זי הערט ווידער איינצלנע, אָפּגעהאַקטע ייִדישע ווערטער. ווער רעדט אין באָד ייִדיש?

יאָ, נישט קיין דײַטשן. ייִדן זײַנען זיי, די אין בגדים מיט ווײַס־בלויע פּאַסן, ייִדן פֿון וואַרשעווער געטאָ.

— ווייַנט נישט, מיידלעך... אויב איר וועט פֿון דאַנען אַרויס מיטן לעבן, וועלן אײַך די האָר צוריקוואַקסן! — ריידן זיי שטיל, די אויגן פֿול מיט טרערן.

אַ באָרוועסע, מיט אַ גאָלן קאָפּ, אין אַ שוואַרצן, לאַנגן קלייד ביז צו די פֿיס, איז חוה אַרויס פֿון באָד. איבער צענדליקער וועגן און צוימען האָט זי געשפּאַנט אין דער ריי צום באַראַק אין לאַגער. בײַ יעדער צוים טויזנטער פֿרויען האַלב־נאַקעטע, באָרוועסע, מיט גלאַטע, גאָלע קעפּ. עס פּלאָנטערן זיך אירע געדאַנקען. פֿאַר די אויגן רוקן זיך אַדורך וואָס אַ מאָל אַנדערע פּנימער.

— איך בין אַ וועש־נייערין. וועל איך דאָ קריגן אַרבעט? — פֿרעגט ציטערדיק אַ מיידל.

חוה קען זיך נישט דערמאָנען, ווו זי האָט זי שוין פֿריִער געזען. זי זעט זי אין העלן מאַנטל מיט אַ בלויער הוט אין דער האַנט און אַ טאָרבעלע עסן אין דער צווייטער. גלייביק און פֿאַרלעסלעך קוקט זי אויף די פּאָסטנס און חזרט־איבער:

— איך בין די ערשטע מאַשינערין געווען. דאָ וואָלט איך געקענט בײַ אַ מאַשין...

די פּאָסטנס קוקן זיך איבער, דרייען זיך אויס און לאַכן.

— וואָס לאַכן זיי? וואָס מיינען זיי?

אַ גרויסער, לאַנגער באַראַק. אין אַ גרינעם זײַדענעם קימאָנאָ, אין ווײַסע לעדערנע שיכלעך שטייט אַ מיידל אויף אַ באַנק און רעדט האַלב טשעכיש, האַלב דײַטש:

— איר ווייסט, וווּ איר זײַט געקומען? איר זײַט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אוישוויץ! איך בין אײַער אויפֿזעערין, אײַער בלאָק־פֿירערין... נאָר מיר וועלן גוט לעבן... שוועסטערלעך... אמת?

זי שאָקלט מיט די שוואַרצע געקרײַזלטע האָר. קוקט ליבלעך, גוטמוטיק, מיט די שוואַרצע פֿינקלדיקע אויגן און ציט־אויס אירע לאַנגע, שלאַנקע הענט צו אַלע, ווי זי וואָלט געוואָלט ווײַזן, אַז זי האָט נישט קיין רימען, קיין שטעקן...

פֿאַר וואָס וויינען אַלע?... וואָס וויל זי מיט אירע שוואַרצע לאָקן?

ווי אַ קול פֿון יענער וועלט קלינגען חוהן די ווערטער פֿון דער בלאָק־פֿירערין קאַטיאַ:

— איך בין פֿון טשעכן... נאָר בײַ מיר זײַנען אַלע ייִדן גלײַך! כ׳מאַך נישט קיין אונטערשייד צווישן די ייִדן פֿון אַנדערע לענדער... מיר איז אַלץ אײנס, צי איר זײַט געקומען פֿון פּוילן, רומעניע אָדער פֿון וואַנען עס זאָל נאָר זײַן... איר מוזט דאָ אַלץ אַליין פֿאַרשטיין... צופּאַסן זיך! ווי איר זעט, בין איך שוין דרײַ יאָר אין לאַגער און בין געזונט. אָט, קוקט! — לאַכט קאַטיאַ און ווײַזט ווידער אירע פּערלדיקע ציין — איך האָב נאָך נישט פֿאַרגעסן, אַז איך בין אַ מענטש. טאָ געדענקט!

— פֿאַר וואָס ציילט מען אַזוי לאַנג?... ווי לאַנג דאַרף מען נאָך אַזוי שטיין אין דער ריי? אַ ביסל וואַסער... זאָלן זיי געבן נאָר אַ טרונק... איין טראָפּן...

די פֿרויען אַרום וויינען, בעטן זיך עפּעס אין שלאָף. עמעצער שרײַט אין דער פֿינצטער:

— איך מוז אַרויס... אַרויס!

פּלוצעם האָט חוהן אויפֿגעוועקט אַ קינדישער יאָמער. גלײַך האָט זיך עמעצער אויף איר אַרויפֿגעלייגט, ווי אַ באַרג צוגעדריקט. אַ דערשלאָגענע האָט זי דערפֿילט, אַז איר קלייד ווערט קלעפּיקנאָס, וואָס אַ מאָל נאַסער... מיט די לעצטע כּוחות כאַפּט זי זיך אויף פֿון דער ערד, רײַסט פֿון זיך אַראָפּ דאָס קלייד...

חוה ציטערט פֿאַר עקל און דערנידערונג. אַ נאַקעטע, מיטן קלייד אין דער האַנט שאַרט זי זיך איבער די קערפּערס, אויסגעלייגטע אויף דער ערד, טרעט איבער הענט און פֿיס, דערשלעפּט זיך צו דער טיר... אַרויס אויף דער לאַגערגאַס... לאָזט זיך לויפֿן צום וואַשרוים, וואָס זי האָט באַמערקט גייענדיק אין באַראַק. אַ פֿאַרמאַטערטע קוים צו צו דער טיר און זיך אונטערגעשטעלט אונטער דעם שטראָם פֿרישן, קאַלטן וואַסער. גענומען רײַבן די פֿאַרשטײַפֿטע גלידער, וואַשן דאָס קלייד. מיטן נאַסן קלייד אין דער האַנט, אַ נאַקעטע, געלאָפֿן צוריק אין באַראַק.

פֿון דער ווײַטנס האָבן זיך געהערט פֿעסטע זעלנערישע טריט. ווי שאָטנס האָבן זיך די ס.ס.־מענער געשאַרט צווישן די באַראַקן, געפֿײַפֿט, געגעבן זיך סימנים. קוים אַ לעבעדיקע איז חוה צו צו דער טיר פֿון באַראַק, נאָר צוריקגיין איבער די צונויפֿגעפּרעסטע קערפּערס שוין נישט געקענט. זי האָט זיך געשטעלט מיטן קלייד אין די הענט בײַ דער טיר, געוואַרט עס זאָל טרוקן ווערן. זי שטרענגטאַן אַלע כּוחות, כּדי נישט אײַנצושלאָפֿן. עס ברעכן זיך אונטער איר די פֿיס, די אויגן פֿאַרשליסן זיך. שטייענדיק צווישן די צונויפֿגעקלעפּטע קערפּערס, ווײַזט זיך אויס חוהן, אַז זי איז הונדערטער יאָרן אַלט געוואָרן. אין איר האַרץ שלאָגט אַזאַ ווייטיק, וואָס נאָר שאַקאַלן קענען אויסוואָיען.

— איז דאָס דער אָ אַשוויענטשים?... — חזרט זי איבער אומזיניק — און דאָס בין איך?

## אין דער פֿרײַער שעה

ס'איז געווען פֿאַר מיטאָג. די פֿרויען זײַנען געלעגן אויפֿן

דיל און געשלאָפֿן. נעבן קאַטיען איז געשטאַנען אַ טשעך, אַ יונגער גוט־געפּלעגטער מאַן, אין אַן אָנצוג מיט געשטרײַפֿטע הויזן, און מיט פֿאַרדראָס געטענהט:

— איך בעט בײַ דיר אַזאַ קלייניקייט... און דו זאָגסט מיר אָפּ... וואָס מאַכט עס דיר אויס, געבן אַ דאָפּלטע זופּ פֿאַר מײַן מיידל... זי איז אַזאַ צאַרטע... זי וועט דאָ נישט אויסהאַלטן... — און שטילער צוגעגעבן — דו האָסט שוין פֿאַרגעסן אונדזער פֿרײַנדשאַפֿט פֿון דער היים, אונדזערע אָוונטן...

— איך קאָן נישט! — האָט קאַטיאַ האַרט אָפּגעענטפֿערט — איך מאַך נישט קיין אויסנאַמען צווישן די מענטשן. אַלע זײַנען גלײַך הונגעריק... עס פּאַסט מיר נישט פֿאַר זיי אַליין!

— איך פֿאַרשטיי דיך נישט! — האָט זיך געוווּנדערט דער מאַן — נאָך וועמען פֿרעגסטו? דו ביסט דאָך איבער אַלע... ביסט אַלץ! איך וויל ראַטעווען מײַן מיידל... כ׳קאָן דאָך נישט העלפֿן אַלע... דו זעסט דאָך אַליין, אַז זי איז גאָר אַן אַנדערע... ברויט וועט איר נישט פֿעלן... אָבער דו פֿאַרשטייסט דאָך, אַז איך קאָן נישט פֿון דער קיך אַרויסטראָגן טעפּלעך עסן...

— ניין, דאָס איז אויסגעשלאָסן! — האָט קאַטיאַ קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט — בײַ מיר איז אַ פּרינציפּ! — און ווי זי וואָלט געוואָלט פֿאַר אים זיך פֿאַרטיידיקן צוגעגעבן — ווען עס וואָלט געווען אַ מינדעריאָריקע אָדער אַן עלטערע פֿרוי, האָב איך אַ סענטימענט, אַ פֿליכט... אָבער איר?... פֿאַר וואָס קומט איר דאָס? אַזאַ יונגע, אַזאַ געזונטע... ווי זי וואָלט נישט פֿון געטאָ געקומען... אייניקע פֿון זיי האָבן מיר דערציילט, ווי זיי האָבן געלעבט פֿינף יאָר...

— זוך נישט קיין יושר... עס איז אַ מלחמה... דאָ איז אַלץ בלאָטע... צעפֿוילט... דאָ קאָן קיינער ניט זײַן אין אָרדענונג... באַטראַכט זיך! — האָט ער פֿאַרענדיקט אַן אַנטוישטער און צוגעגאַנגען צו זײַן מיידל, דער שיינקייט פֿון באַראַק.

קאַטיאַ איז צו אַגין צו אַן אויפֿגעבראַכטע:

— הערסט, פֿריד האָט זיך שוין אַ נײַע „כלה“ אין אונדזער

באַראַק געפּונען! דאָפּלטע זופּן זאָל איך איר געבן! עס קומט איר, ווײַל שוין אין צווייטן טאָג אַ הור געוואָרן! מאָרגן וועט זי אַרומגיין אין אַ זײַדענעם קלייד מיט שיכלעך אויף פּראַנצייזישע קנאַפּלען! אַ מיוחס... עס איז איר געלונגען די האָר צו ראַטעווען!

אַגי האָט זיך פֿאַרקוקט אויפֿן יונגן מיידל מיטן קלאָרן מילכיקן פּנים און מיט אַ שמייכל צוגעגעבן:

— זי איז דאָ נישט קאַליע געוואָרן. אַזאַ איז זי פֿון דער היים געקומען... קוק, ווי אַלע אַנדערע זעען־אויס... נאָר זעסטו, קאָטיק, מיר דאַרפֿן זיך מיט פֿרידן נישט אײַנרײַסן... וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט דען איין זופּ?

אויף מאַרישיעס האָר האָבן אַלע פֿרויען געקוקט מיט ווייטיק. אַניע, די קינדער־לערערין, האָט עס נישט געקאָנט אַריבערטראָגן.

— ווען בײַ מיר וואָלטן די האָר געבליבן, וואָלט איך אויך דאָ אַ פֿרײַנד געפֿונען — האָט זי עטלעכע מאָל איבערגעחזרט צו איר קוזינע ליזאַ, וועלכע זי האָט אין באַראַק צווישן נײַעם טראַנספּאָרט געפֿונען — פֿאַר אַ מאַן עקסיסטיר איך מער נישט. קיינער וועט אויף מיר זיך נישט אומקוקן.. איך בין נישט מער קיין פֿרוי... אויס! — און ווי זי וואָלט זיך געוואָלט פֿאַרטיידיקן, גענומען איבערצײַגן ליזען — מיינסט טאַקע, אַז אַלע, וואָס זײַנען אין לאַגער באַשעפּטיקט, זײַנען אויסוואָרפֿן? קוק ס׳אַראַ גוטער מענטש איז דער טשעך! נעכטן האָט ער מאַרישיען געבראַכט אַ ברויט מיט אַ מעסערל, און הײַנט אַ בליוזקע און אַ פּושקע מאַרמעלאַד! זאָג, פֿאַר וואָס האָבן מיר די מנוולים אָפּגעגאָלט דעם קאָפּ?

— אַניע, וואָס רעדסטו? — האָט די קוזינע, אַ פֿאַרעלטערט, אויסגעהאָרעוועט מיידל, זי געמוסרט — דו וואָלטסט מיט אַ פֿרעמדן מאַן... צוליב אַ פּושקע מאַרמעלאַד? — איר בלאַס פּנים איז נאָך בלייכער געוואָרן, אירע אויגן זײַנען פֿאַרלאָפֿן געוואָרן מיט טרערן — וואָס וואָלט די מאַמע געזאָגט, ווען זי וואָלט זיך דערוווּסט... זי איז דאָך נישט ווײַט... אין אַ צווייטער צוים... און דער מאַן האָט אפֿשר אַ פֿרוי... אויך דאָ אין לאַגער — — —

— אַלץ אײנס! — האָט אַניע גלײַכגילטיק געזאָגט — איך װיל איבערלעבן! עס גײט מיך קײן זאַך נישט אָן! איך קען אַלץ טאָן, אַלץ! — האָט זי נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט — איך בין יונג, דו פֿאַרשטײסט? װער קען מיך משפּטן?

— אָבער יעדער מענטש האָט דאָך אַ מאָראַל... — האָט זיך ליזע שװאַך געװערט — איך װאָלט עס קײן מאָל נישט געקענט — האָט זי כּמעט אױסגעשריגן... פֿאַר אַ פּושקע מאַרמעלאַד?...

— דאָס איז נישט מאַרמעלאַד, דאָס איז לעבן! — האָט איר אַניע האַסטיק איבערגעריסן — װאָס מיר מאָראַל? איך שפּײַ אױף אַלץ! קײן זאַך האָט נישט קײן װערט, עס איז גאָר נישט דאָ! דו זעסט דאָך ס׳אַראַ װעלט איז הײַנט! װער ס׳װעט זײַן שטאַרקער, דער װעט איבערלעבן...

— אױב קײן זאַך האָט נישט קײן װערט, טאָ װאָס פֿאַר אַ װערט האָט דאָס לעבן? איז בעסער אומצוקומען װי אַ רײנער מענטש!

— אומקומען? — האָט װי אַן עכאָ נאָכגעזאָגט אַניע — נײן, דאָס קען איך נישט!

אירע אױגן — האָבן זיך אָנגעצונדן. די ליפּן געציטערט. אױף דעם פּנים האָט זיך געגאָסן דער גאַנצער װײ פֿון אירע פֿאַרקנעכטע צװאַנציק יאָר.

— קוק, װאָס פֿאַר אַ שײנע װעלט איז הינטער די דראָטן! — האָט זי מיט פֿײַער גענומען רײדן — װען איך בין געפֿאָרן אין װאַגאָן און אַרױסגעקוקט אױף די פֿעלדער, האָב איך געװײנט פֿאַר בענקשאַפֿט... אַזאַ מין קלאָרער, רײנער הימל! אַזאַ מין הײסער, ליכטיקער זומער! און דאָ, הינטער די דראָטן, אומקומען אַ הונגעריקע און אַ נאַקעטע... פֿאַר װאָס? דעם ערשטן טאָג אין לאַגער האָב איך געקוקט אױף אַלע אָרדנערס װי אױף אונטערװעלט־מנוװולים. הײַנט פֿאַרשטײ איך אַלץ אַנדערש... יעדער װיל איבערלעבן! און איך װעל אױך פּרוּװן אַן אַרבעט זוכן... — האָט זי פֿאַרענדיקט.

— אַרבעטן הײסט: שלאָגן מענטשן! — האָט ליזע איבערגעריסן — אױב דו קענסט דאָס, איז אַ צװײטע זאַך... — זי האָט נידעריק

דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן און צו זיך אָנגעהויבן ריידן: גאָט מיינער, ווי שטאַרק איך וויל שטאַרבן! פאַר וואָס קאָן איך אַליין נישט מאַכן אַ סוף צו אַלעמען? איך האָב נאָר געוווּסט פון דאַכאַו, נאָר קיין פאָרשטעלונג האָב איך פון דעם אַלעמען נישט געהאַט. איך האָב געוווּסט, אַז דאָרט קומען־אום הונדערטער מענטשן, מען שיסט זיי גלייך אויס אָדער מ׳פייניקט אַזוי לאַנג ביז זיי שטאַרבן... פון דעם לאַגער האָב איך גאָר נישט געוווּסט! ווער קען וויסן, וויפל אַזעלכע לאַגערן זיינען נאָך פאַראַנען? און אומעטום איז דאָס זעלביקע. ניין, איך וויל מער נישט לעבן! וואָס קאָן שוין זיין די פרייהייט נאָך דעם אַלעמען?... ווי אַזוי וועלן מיר פאַרגעסן די „אַפּעלן״?... די נאַקעטע מענטשן, די רייען ביים קלאָזעט...

זי האָט יעדעס וואָרט פּאַמעלעך געצויגן, ווי זי וואָלט בעסער געוואָלט פאַרשטיין דעם זין פון אירע אייגענע רייד.

— וואָס הייסט דאָס, און ווי אַזוי געשעט דאָס, אַז איין מענטש שלאָגט אַ צווייטן? — האָט זי געפרעגט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן — וואָס איז ווערט אַ פאָלק, וואָס שאַפט אַזעלכע לאַגערן... און וואָס איז ווערט די וועלט, אַז זי האָט צו דעם דערלאָזט? מיר נאַרן זיך, אַז דער קריג וועט אין גיכן זיך ענדיקן... צו דעם וועט קיין מאָל קיין סוף נישט נעמען!...

— איך האַלט נישט פון דיינע חכמות. לאָמיר בעסער גיין אויסזוכן אַ פּושקע אויף זופּ! — האָט אַניע איבערגעריסן אירע רייד — אפשר טיילט מען ערגעץ ווו אין די באַראַקן? קום, מיר׳ן אויסקראַצן אַ קעסל. עס איז דאָך שוין מיטאָגצייט.

— די זון איז נאָך נישט אויפגעגאַנגען... — האָט ליזע אור־מעטיק געענטפערט — עס איז איצטער מסתמא ערשט עלף אַ זייגער... אויב דו ווילסט גייך, גיי אַליין. ווען זיי וואָלטן מיך געכאַפּט און געשלאָגן, וואָלט איך דאָס נישט איבערגעלעבט.

— דו ווילסט זיכער זיין דער ערשטער קרבן אין באַראַק! — האָט אַניע זיך צעשריגן — נעכטן איז אין באַראַק פון די אונגאַר־קעס אַ גאַנץ קעסל זופּ געבליבן! אַלע קענען אַן אויסוועג זוכן,

נאָר דו ליגסט אַ גאַנצן טאָג אויף דער ערד און טראַכטסט פֿון דער וועלט, פֿון יושר... אַ געלעכטער! דאָס וויכטיקסטע איז: האָבן אַ פּושקע מיט אַ לעפֿל! קום! — האָט זי נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט.

— איך וויל שלאָפֿן, אַלץ אַדורכשלאָפֿן... — האָט ליזע מיט אַ מאַטער שטים געזאָגט און זיך אויסגעצויגן אויפֿן דיל.

פֿאַרן באַראַק, אין זאַמד, איז געזעסן סאָניע מיט חוהן.

— איך פֿאַרשטיי נישט, וואָס איז מיט דיר פֿאָרגעקומען... — האָט חוה אָנגעהויבן — נאָך נעכטן ביסטו געווען אַ גאַנצע אויפֿטועריין און היינט ביסטו אויס מענטש. קיין וואָרט קען מען פֿון דיר נישט אַרויסבאַקומען. רק דו שווייגסט!

— נישטאָ פֿון וואָס צו ריידן — האָט סאָניע פֿאַרביטערט געענטפֿערט — אויס מיט אַלע מיינע פּלענער! איך האָב זיך שוין דעם אמת דערוווּסט... איך האָב זיך באַקענט מיט עטלעכע אונגאַרקעס, האָבן זיי מיר דערציילט פֿון לאַגער... די אונגאַרקעס זיינען דאָ דריי מאָנאַטן, נישט אומזיסט זעען זיי אַלע אַזוי אויס... זיי ווייסן אַלץ... איך פֿיל, אַז איך וועל אַראָפּ פֿון זינען... — האָט סאָניע פֿאַרצווייפֿלט אויסגעשריגן — דו ווייסט, וואָס זיי האָבן מיר דערציילט פֿון דער „רויטער“?

— ווער איז זי, די שלאַנג?

— שאַריט איז איר נאָמען! — האָט אָנגעהויבן מאַניע צו דערציילן — זי איז אָנגעקומען מיט אַ טראַנספּאָרט פֿון סלאָוואַקיע. אירע באַקאַנטע דערציילן, אַז זי שטאַמט פֿון זייער אַן אָנשטענדיקער פֿאַמיליע. די ערשטע טעג אין לאַגער האָט זי זיך אויפֿגעפֿירט זייער אָרנטלעך. נאָר אין דער צווייטער וואָך האָט זי געפּרוּווט אַנטלויפֿן. האָבן די וואַך זי געכאַפּט און צוגעשטעלט צו די ס.ס.־לייט. מיידלעך דערציילן, אַז די פּאָליציי האָט זי אַזוי לאַנג געשלאָגן, ביז זי איז געוואָרן בלוי און געשוואָלן. אַלע האָבן געמיינט, אַז זי וועט שטאַרבן. אָבער נאָך אַ צייט איז זי ווידער צו זיך געקומען און נאָך אַ מאָל באַוויזן צו אַנטלויפֿן. זי איז שוין געווען הינטער די דראָטן, ווען

די וואָך האָט זי דערזען. דאָס מאָל האָבן די ס.ס. געוואָלט זי הענגען. נאָר זי איז לעבן געבליבן אונטער אַ באַדינג: אַז זי וועט ווערן אַ שלעגערין... הײַנט צו טאָג איז זי אַזוי צערייצט געוואָרן, אַז זי קאָן אַ מענטש מיט אייגענע הענט דערהרגענען... איבער דער לאַגער־גאַס דרייט זיך אַרום דרעזי, פֿון די ס.ס־פּרויען. וועמען זי טרעפֿט, פּירט זי אַוועק צו זיך... דער ראַפּאָרט־פּירער פּאָרט־אַרום אויף זײַן ראָוער איבערן גאַנצן לאַגער... ווי איז דאָס מעגלעך, אַז די לעצטע צײַט זאָלן אַנטלויפֿן דרײַ הונדערט מענטשן?

— וואָס טוט מען? — האָט סאָניע געפּרעגט אַ פּאַרלוירענע — דאָ זײַן וויל איך נישט און אַנטלויפֿן קען איך נישט! חוה, לאָמיר בײדע באַגיין זעלבסטמאָרד... עס איז נישט פֿאַראַנען קיין לײַכטערער טויט ווי צוגיין צו די דראָטן... זיי זײַנען עלעקטריזירט... עס דויערט נישט לענגער ווי אַ פּאָר מינוט...

חוה האָט געקוקט אויף איר מיט ברייט־געעפֿנטע אויגן.

— זעלבסטמאָרד באַגיין? — האָט זי נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט — פֿאַר וואָס עפּעס זעלבסטמאָרד? טויזנטער מענטשן זײַנען אין לאַגער. אַלע גלייבן, אַז דאָס וועט זיך דאָך אַ מאָל ענדיקן!

— יאָ, ענדיקן! — האָט סאָניע אויסגעשריגן — אָבער זיי וועלן נישט לאָזן אַ לעבעדיקן עדות. אין דער לעצטער שעה וועלן זיי אונדז אויספּאַרטיקן. זיי האָבן אויף אַלעם צײַט. זיי וועלן אַלץ באַווײַזן! — האָט סאָניע אַן אויפֿגערודערטע געקלאָגט — פֿאַר וואָס קומט נישט אין לאַגער צו אַן אויפֿשטאַנד? פֿאַר וואָס קומט נישט צו אַ רעוואָלוציע? פֿאַר וואָס שווײַגט די וועלט? חוה, איך האָב הײַנט געזען, ווי די „קאַפּאָס" האָבן געשלאָגן די ברוקערס. נאָך יעדן קלאַפּ האָבן זיי זיך אויסגעדרייט אין צווייען פֿאַר ווייטיק... אָבער קיינער האָט נישט צוריקגעשלאָגן. אַלע האָבן ווײַטער געאַרבעט. איז אויב די מענער לאָזן זיך שלאָגן, אויב זיי זיצן דאָ, וואָס זשע קענען מיר שוין טאָן? יאָ, מיר זײַנען פֿאַר־

לוירענע מענטשן שוין פֿון ערשטן טאָג מלחמה. זייער בראָך וועט זיכער קומען — אָבער אונדזערער איז שוין... שוין געקומען!

ביידע מיידלעך זײַנען אַנטשוויגן געוואָרן און מיט מאַטע אויגן געקוקט אויף די שלאָפֿנדיקע ווײַבער אויפֿן דיל.

עס איז געווען אַ הייסער זומערטאָג. דער הימל דורכזיכטיק און קלאָר, באַדעקט מיט קליינע ווײַסע וואָלקנדלעך. די זון האָט אין גאָלד זיך צעגאָסן און געבאָדן דאָס זאַמד אין ליכטיקייט.

— ווי ס׳ברענט, ווי ס׳שטעכט די זון! — האָבן מיט האַס געביטערט די פֿרויען — עס זאָל כאָטש אַ טראָפּן רעגן פֿאַלן! אַ ביסל פֿײַכטקייט... דער הימל האָט אונדז פֿאַרשאָלטן, פֿאַרשאָלטן! און ווי לאַנג קאָן עס נאָך דויערן? יעדע שעה איז אַ יאָר. יעדער טאָג — אַן אייביקייט.

בײַם צווייטן באַראַק, ווו עס זײַנען געווען פֿרויען פֿון קליינע פּוילישע שטעטלעך, האָבן צוויי אָרדנערינס געפֿירט אַ שמועס. די „מאַמע״ פֿון וואַרשע מיט ראָזען פֿון פּאַריז. זיי האָבן געטראָגן פֿאַרביקע זײַדענע קליידלעך, מיט ווינטטיכלעך אויף די פּיס. מיט עקל האָבן זיי ביידע געקוקט אויף די מיידלעך, וואָס האָבן מיט די פֿינגער געקראַצט די קעסלען פֿון זופּ, און געשאָקלט מיט זייערע פֿריזירטע קעפּ:

— ווי שרעקלעך עס איז, אַז אַ מענטש איז בישט מער ווי אַ חיה.

— ווען איך ווייס, אַז כ׳וועל אומקומען פֿון הונגער, וואָלט איך דאָס נישט געקענט... — האָט ראָזע פֿון פּאַריז זיך אָנגערופֿן צו דער אָרדנערין העלענאַ, וועלכע מען האָט גערופֿן „די מאַמע״.

— יאָ, — האָט די „מאַמע״ געזאָגט — אַ מענטש איז גאָר נישט. אין מײַן באַראַק איז צווישן טויזנט נישטאָ אַפֿילו איינע, איך זאָל קענען זאָגן: די איז אַ ריכטיקער מענטש! אַפֿילו די גאָר־איני־טעליגענטסטע און פֿײַנע זײַנען אַזוי געמיין... פֿרעך! יעדע פֿון זיי קען גיין איבער מתים. איצטער זע איך וואָס פֿאַר אַ נאַרישע שפּיל איז דאָס גאַנצע לעבן! איבער דעם דראַנג צום לעבן איז

קיין זאַך נישטאָ; קיין ליבע, קיין מוטערשאַפט, קיין פריינדשאַפט! גאָר נישט... הײַנט זע איך דעם מענטש ווי ער איז, אָן דעקאָראַציעס...

— מען טאָר אַזוי נישט טראַכטן. איך וויל נישט פאַרלירן מײַן גלויבן אין מענטש. קען דען אַ לאַגער זײַן אַ פּרווו פאַרן מענטש? צווישן טויט און לעבן — ווער קען אויסהאַלטן דעם עקזאַמען?

ראָזע איז צוגעגאַנגען צו די מיידלעך בײַ די קעסלען און געפּרווט זיי אַוועקטרײַבן:

— גענוג שוין, גענוג! זוכט נישט קיין קלעפּ אויף אײַערע ביינער... באַלד וועט קומען די „רויטע"...

— עס איז נישט קיין אונטערשייד, צי איך וועל שטאַרבן פון הונגער אָדער פון קלעפּ... — האָט אַניע לאַכנדיק געענטפערט, האַלטנדיק אונטער דעם אָרעם אַ פולע פושקע זופּ, און פּאַמעלעך אַוועק צום באַראַק זוכן ליזען.

אין באַראַק נעבן חוהן איז געזעסן שאַריקאַ און זי געבעטן:

— קום, חוה, אַרויס אויף דער לופט. מיר'ן אַ ביסל זיך אַדורכגיין. דו ביסט דאָך שוין אין גאַנצן געל געוואָרן. מוזסט זיך אויסלערנען אַזוי ווי יעדער, זיך אַרויסגנבענען. וואָס מער דו וועסט מורא האָבן, אַלץ ערגער וועט זײַן. קום! — זי האָט חוהן ווי אַ קינד פאַר דער האַנט אָנגענומען און אַרויסגעפירט פון באַראַק, איר אָנגעוויזן אַ שטיין פאַרן באַראַק און געזאָגט — דאָ וועלן מיר זיך זעצן.

שאַריקאַ האָט זיך צו איר צוגעטוליעט, אָנגענומען פאַר דער האַנט און שטיל פאַרטרוילעך געזאָגט:

— ווייסט, איך האָב אַ... קאַהאַן!...

— וואָס האָסטו? — האָט חוה אַ פאַרוווּנדערטע איבערגעפרעגט.

— אַ... געליבטן... אַ מאַן... — האָט שאַריקאַ אַ פאַררויטלטע נישט דרייסט אָנגעהויבן דערציילן — ער איז אַ פּרעכטיקער, שטאַרקער מאַן, אַ פראַנצויז!

— אָבער, שאַריקאַ, דו דאַרפֿסט נאָך נישט, דו ביסט נאָך אַ קינד! — האָט זי חוה געמוסרט, גלעטנדיק איר קינדיש פּנימל — דו קענסט נישט די מענער. דו ווייסט נישט ווער זיי זײַנען. דו ביסט נאָך צו־יונג...

— איך האָב שוין פֿערצן יאָר. איך בין שוין אַ דערוואַקסענע! — האָט זיך שאַריקאַ געוועדט און מיט באַגײַסטערונג אויסדערציילט — ער איז נישט אַזוי ווי אַלע, ער איז אַן אַנדערער... ווייסט, ווי אַזוי מיר האָבן זיך באַקענט? הער: איך בין געשטאַנען בײַ דער טיר פֿון באַראַק און ער בײַ דער צוים. מיר האָבן אויף זיך געקוקט פֿון דער ווײַטנס... מיט אַ מאָל האָט ער אַ רוף־געטאָן: קליינע, כאַפּ! ער האָט פֿון דער קעשענע אַרויסגענומען אַ פּעקעלע און דורך דער צוים אַדורכגעוואָרפֿן. אין פּעקעלע איז געווען אַ זײַדן טיכל פֿאַרן קאָפּ און אַ שטיק ברויט מיט וווּרשט. ווען ער וואָלט נישט געווען אַ גוטער מענטש, וואָלט ער מיר דאָס אַלץ נישט געגעבן. ער האָט מיך אויסגעפֿרעגט, פֿון וואַנען איך בין און ווי איך הייס. ער הייסט לוי. אַ פּרעכטיקער נאָמען! נישט אמת? יעדן טאָג זעען מיר זיך דורך דער צוים — האָט זי מיט פֿלאַמען אויף די בעקלעך דערציילט — איך שטיי בײַ דער טיר פֿון באַראַק און ער שפּאַצירט לענגויס דעם דראָט... הײַנט האָט ער מיר אַרונטערגעוואָרפֿן אין אַ פּעקל אַ בליוזקע, אַ שפּיגעלע, אַ לעפֿל און אַ בלײַשטיפֿט... איצט וועל איך קענען צו אים שרײַבן... — זי האָט אַרויסגענומען פֿון קליינעם טעשעלע אַ צעקנאָדערט בריוועלע און מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם אָנגעהויבן לייענען: „טײַערע קליינע פֿרײַנדין! איך קוק אויף דיר שוין אַ לאַנגע צײַט פֿון הינטער מײַן צוים. איך וויל דיר העלפֿן. דײַן זיס פּנימל דערמאָנט מיר מײַן היים! איך טראַכט פֿון דיר טאָג־און־נאַכט! אונדז האָט דער גורל אין לאַגער צונויפֿגעבראַכט און מיר וועלן זיך שוין קיין מאָל נית שיידן. ווו איך זאָל נישט גיין, זע איך דײַנע גרויסע, לאַכנדיקע אויגן. איך ליב דיך! ווען מיר וועלן באַפֿרײַט ווערן, וועלן מיר ביידע צוזאַמען קיין פֿראַנקרײַך פֿאָרן. שרײַב, אויב דו ווילסט. באַ־

שרייַב מיר גענוי דייַן לעבן. אַלצדינג! קליינינקע, דו זאָלסט וועגן קיין זאַך נישט זאָרגן. עס וועט נאָך זייַן אַ גוט און שיין לעבן! האָף און וואַרט! איך האָב געהערט, אַז אין די נאָענטסטע טעג וועט זייַן אַ „סאָרטירונג" אויף אַרבעט. וווהין ווייסט קיינער נישט. דו דאַרפֿסט זיך פֿאַר דער „סאָרטירונג" אויסבאַהאַלטן. איך וועל אַלץ טאָן, אַז דו זאָלסט בלייַבן. מאָרגן קום איך צו דיר אין באַראַק. וואַרט אויף מיר אין אַ זייַט. מייַן קליין מיידעלע, כ'נעם דיך אַרום און קוש פֿיל מאָל. דייַנער — — —"

פ"ס: „באַהאַלט די בליי, קיינער זאָל זי בייַ דיר נישט געפֿי־נען. זאָלסט זיך היטן פֿאַר די ווייַבער, קיינעם גאָר גישט דערציילן! אין בריוו דערמאָן נישט, נישט מייַן און נישט דייַן נאָמען. גלייַך נאָכן איבערלייענען זאָלסטו אים צערייַסן. ד"ז".

שאַריקאַ האָט געענדיקט לייענען, פֿאַרזיכטיק צוזאַמענגעלייגט דעם בריוו און באַהאַלטן אין דער קעשענע פֿון דער בליוזקע.

— נו, זעסט ס'אַראַ מענטש ער איז! — האָט זי געזאָגט אַ צעשטראַלטע פֿון גליק און אירע אויגן האָבן געגליט ווי צעברענטע קוילן — איך האָב אים אויך ליב! איך טראַכט נאָר פֿון אים... גאַנצענע טעג! ווייסט, ווען איך בין אין לאַגער געקומען, האָב איך אָן אויפֿהער געוויינט. כ'האָב געוואָלט שטאַרבן. אָבער הייַנט וויל איך לעבן. די מלחמה וועט זיך ענדיקן און איך וועל צוזאַמען מיט אים קיין פֿראַנקרייַך פֿאָרן. ווי מיינסטו, דאָס מוז זייַן אַ שיין לאַנד! ווי גוט איז דאָס געשען, אַז איך האָב אים דאָ געטראָפֿן — האָט שאַריקאַ ווייַטער געצויגן — הייַנט האָט ער מיר געוויזן דרייַ פֿינגער דורך דער צוים. דאָס הייסט, אַז אין דרייַ חדשים אַרום וועט זיך ענדיקן די מלחמה. מיר ריידן יעדן טאָג אויף די פֿינגער... לאַנג וועלן מיר דאָ שוין נישט זייַן...

חוה איז אויפֿגעציטערט געוואָרן.

— דרייַ חדשים זאָגסטו? און מיר איז יעדער טאָג אַ יאָר. ווייס שוין אַליין נישט, ווען איך בין דאָ געקומען, און ווי אַלט איך בין איצטער געוואָרן! ווי אַלט...

— דו וועסט זיך צוגעוווינען... — האָט שאַריקאַ חוהן גענומען באַרויִקן.

— איך וועל דיר יעדן טאָג ברענגען עסן... אויב איך וועל אַ ראָק פֿון אים באַקומען, וועל איך דיר געבן מײַן קלייד. דו דאַרפֿסט פֿון קיין זאַך נישט טראַכטן... פֿאַרלאָז זיך אויף מיר...

— האָט שאַריקאַ הייס פֿאַרזיכערט. זי האָט זיך נענטער צוגערוקט צו חוהן און נישט דרייסט געפֿרעגט — פֿאַר וואָס דערציילסטו גאָר נישט פֿון דײַן לעבן? האָסט אַ מאָל געהאַט אַ געליבטן?

קעגן איר ווילן האָט זיך חוה פֿאַררויטלט:

— יאָ. — האָט זי געענטפֿערט און גלײַך אָפּגעהאַקט.

— און וואָס איז מיט אים געוואָרן? — האָט שאַריקאַ אומגעדולדיק איבערגעריסן — ווו איז ער?

— ער איז אַנטלאָפֿן פֿון געטאָ. אָבער דאָס איז נישט וויכטיק. איך טראַכט נישט מער וועגן אים.

שאַריקאַ האָט אין פֿאַרוווּנדערונג אויפֿגעשטעלט די אויגן:

— וואָס הייסט נישט וויכטיק? ווען מען האָט ליב, איז דאָך אויף דעם גאַנצן לעבן, אויף שטענדיק!...

— ווען איך האָב געהאַט פֿערצן יאָר, האָב איך פּונקט אַזוי געטראַכט... — האָט חוה אומעטים געענטפֿערט — הײַנט טראַכט איך פֿון קיינעם נישט. איך וויל נאָר וואָס גיכער פֿון דאַנען אַוועק... איך מיין צו אַ טראַנספּאָרט אויף אַרבעט זיך צושטעלן.

— ווילסט מיך דאָ לאָזן? — האָט שאַריקאַ מיט פֿאַרדראָס געפֿרעגט — וואָס וועט זײַן מיט מיר? מיינסט, אַז אין אַרבעט־לאַגער וועט דיר זײַן בעסער? אומעטום זײַנען די זעלביקע דײַטשן! אין אַן אַרבעט־לאַגער מוז יעדער שווער אַרבעטן און די דערנערונג איז די זעלביקע. שלאָגן טוט מען אומעטום פּונקט אַזוי! מײַן טאַטע האָט שטענדיק געזאָגט, אַז אין אַ מלחמה איז צום בעסטן צו זיצן אויף אַן אָרט...

— כ׳וועל דאָ נישט בלײַבן! — האָט חוה אַ צעמישטע אָנגעהויבן — איך האָב מורא פֿאַר אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער! ווי עס

זאָל נישט זײַן, איז בעסער צו זײַן אין אַן אַרבעט־לאַגער: יעדער אַרבעטער האָט רעכט... שאַריקאַ, פֿאַרדריי זיך נישט דײַנע יאָרן מיט ליבעס! דאָ קען קיין זאַך נישט געבוירן ווערן... מען מוז זוכן אַ וועג אויף אַרבעט...

פֿון דער ווײַטנס האָבן זיך באַוויזן מיידלעך מיט קעסלען זופּ.

— כ׳מוז צוריק אין באַראַק! — האָט זי אויסגערופֿן אַן איבערגעשראָקענע...

— כ׳וועל נאָך הײַנט צו דיר קומען, מיר׳ן ריידן אַ ביסל! — האָט שאַריקאַ שנעל פֿון זיך אַרויסגעוואָרפֿן.

מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ איז חוה אַוועק צוריק אין באַראַק.

פון בוך „פון לאַגער אין לאַגער“, ב״א 1950

יעקב גלאַטשטיין

# דער מזבח

ניט אַבֿרהם האָט דעם מזבח געבויט,
ניט אַן אייגענער טאַטע האָט אים באַשערט דעם טויט.
ס׳האָט אים צום מזבח געפֿירט אַ רשע, אַן אַכזר.
אַ שטאָלצער איז געגאַנגען אַ ייִד פֿונעם מחזור.
אָ, גאָט, אין זכות פֿון זײַן פֿרומער מאַמען
וועט מען רײַסן זײַן לײַב מיט אײַזערנע קאַמען.
אַ פּשוטן סוחר האָט מען אויסגעקליבן
און ווי אַ צדיק אים צום טויט געטריבן.
ווי גוט, וואָס ער איז אין די דריבנע אותיותלעך באַהאַוונט.
איצט ווערט ער אַליין אין סידור אַרײַנגעדאַוונט.
איצט ווערט ער אַליין אין מחזור אַרײַנגעשריבן.
ער, דער זון פֿון אַ פֿרומען חייט,
ווערט אַרײַנגעניגונט אין יום־טובֿדיקן פּיוט.

מרדכי שטריגלער

# ווערק „צע“

## קאַפּיטל 1

— I —

וואָס עס קומט־פֿאָר אין דער אָפּטיילונג פֿון סקאַרזשיסקער לאַגער, ווערק צע, איז נישט געווען צו פֿאַרשטיין. נישט אַנדערש, נאָר אַלע מענטשן זײַנען דאָ משוגע געוואָרן. די פּאָליאַקן, די דײַטשן, די אוקראַינער... און אויך די ייִדן זײַנען מיטגעריסן געוואָרן מיטן אַלגעמיינעם משוגעת.

וואָס איז דען דאָס גאַנצע ווערק צע? אַ גרויס ראָד פֿון מטורפֿן טויט, וואָס שלעפּט־אַרײַן מענטשן און נאָגט פֿון זיי אויס די בלוטן. בלויז די הוילע, ביינערדיקע כּלים, אין וועלכע דאָס לעבן איז פֿריִער געווען אַרײַנגעקנעטן. זיי ווערן שפּעטער אַרויסגעשלײַדערט אין דער ערד, אַזוי ווי מען וואַרפֿט־צו אַ געטרײַען הונט אַ ביין... ווי אַזוי זשע קען מען דאָ טראַכטן פֿון לעבן, פֿון ליבע־אינטריגעס און ראָמאַנען? טאָ פֿאַר וואָס האָבן די מאַכטהאָבערס אַ פֿול מויל מיט פּלענער, ווי אַזוי דעם לאַגער אויסצובויען, פֿאַרגרעסערן און פֿאַרשענערן אים?

איבער אַ יאָר צײַט זײַנען דאָ געשטאַנען אַ פּאָר אָפּגעצוימטע באַראַקן אין מיטן וואַלד. זיי זײַנען געווען אַרײַנגעקנעטן אין פּעטע בלאָטעס און באַוואָרפֿן מיט בערג שמוץ. ווער האָט דען באַדאַרפֿט אַנדערש? ס'איז סײַ ווי אַזאַ ווינקל, וואָס איז פֿאַרמשפּט אונטערצוגיין. די מענטשן דאָ זײַנען שוין טויט, נאָר זיי גייען נאָך אַרום איבער דער אייבערפֿלאַך פֿון זייערע קבֿרים. אַלע מאָל עפֿנט זיך נאָך אַ שטיק קבֿרדיקע ערד און שלינגט־אײַן איר חלק מענטשנלײַב. דאָס וועט אַזוי דויערן, ביז דער לעצטער נפֿש וועט זיך דאָ אַרומדרייען. ווען זשע קען עס אָנגיין. ווי אַזוי עטלעכע טויזנט ייִדן

גייען אַנטקעגן זייער שקיעה, אין דער טיף פֿון די וועלדער, בײַ סקאַרזשיסקאָ? וואָס קענען שוין אַזעלכע וועזנס, מיטן חותם פֿון טויט אין זייער מאַרך, באַווײַזן סימנים פֿון לעבן, פֿון פֿרייד, אינטריגע און איבערזוכט? דאָ דאַרף זייער געדאַנק זײַן פֿאַרנומען מיט דער איינער וואַרשעניש: אויפֿן אייגענעם פֿאַרלעש...

איז קלאָר געוועזן, פֿאַר וואָס די דײַטשן האָבן מיט אַ פּאָר חדשים פֿריִער אָפּגעשטעלט דאָס אויסברייטערן דעם לאַגער. ווער דאַרף דאָס גאַנצע אויספֿלאַסטערן, שענער מאַכן און באַקוועמער? דאָ איז אונטערגאַנג: איז אַ שאָד די מינדסטע אַרבעט, וואָס מ׳לייגט דאָ אַרײַן. זאָלן די לעבעדיקע מתים זיך שטיקן אין די פּאָר באַראַקלעך, טרעטן איינער אויפֿן צווייטן און אויסגיין — אָנגעלענט אין אַ ווענטל אָדער אויף אַ צווייטנס גוף... ס׳איז גענוג פֿאַר זיי!

אַז עס זײַנען פֿאַראַן ווייניק באַראַקן — איז שטילער. דאָס גאַנצע מקום רײַסט זיך נישט צו ווײַטע אויגן. ס׳איז שווערער עס צו דערבליקן. אויך דאָ אַליין ווערט דער גערויש אײַנגעפּרעסטער, דערשטיקט. בײַם מינדסטן געבן זיי מער לופֿט און פּלאַץ וועלן זיי ווערן לעבעדיקער, שפּירעוודיקער... פֿאַר וואָס זשע זאָל מען זיי אויפֿוועקן? דאַרף עס האָבן דאָס אויסזען פֿון אַ קאַסטן, אָנגעפּאָמפּעט מיט אימה פֿון פֿאַרניכטונג און מיט דער זיכערקייט, אַז באַלד ווערט מען אָפּגעמעקט.

האָבן אַלע פֿאַרשטאַנען, צוליב וואָס די נײַע באַראַקן זײַנען געבליבן מיט אָפֿענע מײַלער און נישט־צוגעשלאָגענע טיר־און־פֿענצטער. ווער דאַרף עס דען? זײַנען אויך די אָנגעהויבענע שטעגלעך אין מיטן פֿון די בלאָטעס געבליבן ניט פֿאַרענדיקט. די אָנגעשאָטענע שטיקער קאָקס און שטיינערברוך האָבן שנעל גענומען אײַנזינקען און די פּעטע, קלעפּיקע מאַסע האָט אַריבערגעיוירן די קרעציקע שטעגלעך־אָדערן, פֿון שוואַרצרויטן ווונדקאָליר. אויס מיטן טעמפּאָ און איפֿער, וואָס די דײַטשן האָבן אָנגעהויבן אַרויסווײַזן! ווער ווייסט עס דען נישט פֿאַר וואָס?

טאָ ווי אַזוי ראָיען די מענטשן ווײַטער אַרום, קעמפֿן פֿאַר אַ

ביסן ברויט און אַ שלונג זופּ? צוליב וואָס זוכן זיי נאָך אַרום תּענוג און ליבע־אָפּפאַל אויף דעם דאָזיקן מיסטקאַסטן פֿון טויט? פֿאַר וואָס שאַרן זיך נאָך, אין די נעכט, טונקעלע שאָטנס צו די מיידל־באַראַקן און טראָגן נאָך שטיקער געלעכטער צווישן די ציין? און פֿאַר וואָס זײַנען ווידער אַרײַנגעפֿאַלן אַ מחנה דײַטשן אַהער און ווידער אַלץ אויפֿגעוועקט פֿון דרימל?

זעט נאָר, זעט: עס קומען ווידער אָן עטלעכע אינזשענירן, מען מעסט שוין ווײַטער בײַ די צוימען און מ׳צייכנט פּלענער. עס באַווײַזן זיך ווידער אינספּעקציעס, וואָס וואַרפֿן־אָפּ און באַשטעטיקן. יעדער באַזונדער מוחט זיך אויס נײַע פּלענער, וואָס ער האַלט אין איין רעפֿערירן מיט דעם גאַנצן ערנסט. דערנאָך נעמען, צוריק ווי פֿריִער, אָנקומען גאַנצע וואַגאָנען מיט באַראַקן־געהילץ און קאָקסאָפּפֿאַל! עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ גערודער אַרום פֿעסער מיט קאַלך, האָלץ, כּלים און מאַשינען. עס האָבן זיך נאָך אַ מאָל באַוויזן די אײַזערנע שינעס און וואַגאָנעטקעס און אָנגע־הויפֿנט גאַנצע בערג מיט ליאַרעם, אַזוי ווי מען וואָלט זיך דאָ פֿאַרמאָסטן אויפֿצושטעלן אַ גאַנצע טומלדיקע שטאָט. זײַנען זיי דען נישט משוגע? פֿאַר וועמען? צוליב וואָס?

דער הויפּט־אינזשעניר, מיטן העלן אָנצוג, ווייסט אָבער גאָר נישט. מען האָט אים צוגעשטעלט מאַטעריאַל און מענטשן — מוז ער עפּעס מיט דעם מאַכן. ער דאַרף נאָר נאָכקוקן אויף די שטריכן פֿון דעם באַפֿוילענעם פּלאַן און ווײַטער — זאָל די וועלט זיך אי־בערקערן. ער קען נאָר פֿויל אונטערשמייכלען, ווען זײַנע געהילפֿן און אויפֿזעערס, גײַראָ, קאַפּערניק און קאָטלענגאַ, וויצלען זיך:

— אַ ייִדישע מדינה גייט מען דאָ אויפֿשטעלן! זי וועט זיך ציִען פֿון איין עק וואַלד ביז צום צווייטן... און ווען די דײַטשישע פּריצימלעך וועט זיך פֿאַרגלוסטן צו גיין אויף יאַגד, וועט מען קומען אַהער, אינעם חיות־גאָרטן, און — הוראַ אויף די ייִדעלעך! שוין איין מאָל דיר אַן אײַנפֿאַל! אָט דאָס הייסט אַ וועלטעלע מיט קלוגע קעפּעלעך!...

נאָר מילא, וואָס בהמשע מײַלער פּלאַפּלען אַלץ! דערווײַל איז געוואָרן אַן אָנגעלויף פֿון דײַטשישע מײַסטערס. יעדער פֿון זיי קומט דאָ עפּעס זען, שמייכלען פֿון עפּעס, וואָס נאָר ער איינער ווייסט. דאָקטער ראָסט אַליין ווערט נישט מיד אָנצוווײַזן די טעכניקערס מיט זײַן דאַרן פֿינגער, וואָס דאָ איז אַלץ פֿאַראַן צו טאָן. ער גרילצט מיט זײַן סוכאָטנער, זעגנדיקער שטים, בייזערט זיך, אײַלט און טרײַבט. עס דוכט זיך, אַז דאָס זעגט ער אײַן מיט זײַן קול יעדן בוים, וואָס פֿאַלט אין חלשות בײַ די זײַטן פֿון וואַלד.

דער אַרומיקער אימפּעט און טומל האָט אויך אויפֿגעוועקט די ייִדן, וואָס זײַנען שוין געגאַנגען אויף דער ערד מיט רעזיגנירטער אײַנגעשלאָפֿנקייט. אויב דאָ בויט מען און מען גרייט צו אַזוי פֿיל פּלאַץ, איז אַ סימן, אַז מען רעכנט נאָך אויס אויף די ייִדן דאָ, מען זאָרגט נאָך פֿאַר זיי און דערפֿאַר דאַרף מען זיך צוריק אויפֿרודערן, עפֿענען די אויגן. פֿאַר קיין פֿאַרמשפּטע צום טויט וואָלט מען נישט אַזוי פֿיל טאַראַראַמעוועט! ווערן אַלע אַרײַנגעצויגן אין טומלדיקן כּישוף, ווי גילגולים, וואָס קלאַמערן זיך אין אַ לעבנס־עכאָ פֿון זייער אַמאָל.

נאָר צוגלײַכן זיך מיט דער גאַנצער זיכערקייט קען עס נישט קיינער: בויען טאַקע די דײַטשן אַ ייִדישע שטאָט אין „ייִדן־ריינעם“ פּוילן פֿון 1943? אמת איז טאַקע, אַז זי ווערט אויפֿגעשטעלט פֿון באַראַקן מיט שמאָלינקע געסלעך און דאַרע, צעבראָכענע שטעגלעך. אָבער דאָך קאָסט דאָס אַרבעט. אַפֿילו קאַלך האָט מען געברענגט צום אויסווײַסן די צימערלעך! ווי איז עס דען מעגלעך, אַז דאָס זאָל געמאַכט ווערן אומזיסט, גלאַט אין דער וועלט אַרײַן?

בויט מען נישט אַ מאָל דעם ייִדישן מוראַשניק מיט דער איינציקער כּוונה: אַז דאָס דײַטשישע אויג זאָל שפּעטער האָבן אַ באַזונדערע פֿרייד, ווען דאָס אַלץ וועט צוריק אויסגעליידיקט ווערן, חרובֿ ווערן? עס שמעקט זיי נישט צו פֿאַרניכטן אַזאַ שטיקל וועלט, וואָס האָט זיך אַליין שוין אומגעברענגט מיטן געדאַנק, מיט רעזיגנירטקייט. וואָס פֿאַר אַ טעם האָט עס צו דערהרגענען אַזעלכע

טויטע נפֿשות? וועלן זיי דאָ אויספֿײַנערן, אויספּוצן, אַז עס זאָל דאָ נעמען צוריק ווייען מיט לעבן און נאָרמאַלע אילוזיעס — און דערנאָך...

אָבער ד״ר ראָסט, דער דירעקטאָר, שווײַגט פֿאַרביסן. און וואָס וויסן דען די פּוילישע מײַסטערס? קלאַפּן די האַמערס, קרעכצן די זעגן און דיביימער פֿאַלן. דער משוגענער יאַריד וועקט־אויף דעם וואַלד. עס קומען אָנצולויפֿן אײַלעוודיקע צוגן מיט מאַטעריאַל און די ייִדן לאָדן זיי אָפּ מיט צעהושטער פֿלינקקייט. די אוקראַינער וואַכלײַט שושקען זיך אַפֿילו איבער מיט די פּוילישע אויפֿזעערס, אַז דאָס זײַנען אַלץ משוגענע שטיק. זיי וויסן גענוי, אַז פֿאַר די ייִדן איז שוין אַלצדינג אומזיסט... אָבער די דײַטשן ווערן קיין מאָל נישט אַזוי ווײַט משוגע ביזן פֿאַרלירן דאָס באַוווסטזײַן. זיי קענען דערווײַל נאָך קאָנטראָלירן זייער שגעון, אים אָנדרייען און צושרויפֿן ביז דער מינדסטער האָר. דאָס ווילדע און דעזאָריענטירטע פֿון זייער משוגעת לאָזן זיי איבער פֿאַר זייערע מיטהעלפֿערס און שותּפֿים. פֿאַר זיך אַליין לאָזן זיי אָבער די גאַנצע אויסגערעכנטקייט און פּלאַנמעסיקייט פֿון זייערע שגעונות. קיינער פֿון די מיטלויפֿערס טאָר עס אָבער נישט וויסן. צו דעם דאַרפֿן זיי נישט קיין שותּפֿים! האָט טאַקע קיינער נישט געוווּסט, וואָס זיי זײַנען דאָ אויסן מיטן נײַעם רעש.

— II —

אַוודאי וועט די דאָזיקע וועלט אונטערגיין. ס׳איז אַזוי זיכער, אַז אַלע וויסן דערפֿון: די דײַטשן, פּאָליאַקן, אוקראַינער און בפֿרט די ייִדן גופֿא. נאָר עס טרעפֿט: מען אַרבעט אַ מאָל לאַנגע חדשים, בכדי אויפֿצושטעלן אַן אַרענע, אַ טעאַטער־סצענע, וואָס קיינער ווייסט נישט ווי לאַנג זי וועט דאַרפֿן זיך האַלטן. דאָך גרייט מען זי צו און מען פּוצט זי אויס מיט אַלע דעטאַלן. די אַלע אויסגעדאַרטע סקעלעטן ווייסן אײגנטלעך, אַז דאָ שטעלט מען נישט קיין נאָרמאַלע וועלט, אין וועלכער מען וועט קענען און דאַרפֿן לעבן.

דאָ מאַכט מען נאָר אַן אָרט פֿאַר אַ שפּיל אַזאַ, וווּ מען וועט דאַרפֿן אָפּשפּילן אַ שטיקל צײַט די ראָלן, וואָס אַ טײַוולדיקער רעזשיסער האָט אויסקאָמבינירט. ער האָט זיך פֿאַרשריבן אין זײַן ביכל, ווי לאַנג די מאַסן־סצענעס וועלן דאַרפֿן דויערן, וויפֿל מינוטן יעדער איינער פֿון זיי וועט דאַרפֿן אויפֿטרעטן ווי אַ לעבעדיקער... מיטן פֿאַרלאַנג צו עסן און אַן אָרט צום שלאָפֿן; צום גיין אויף אַ טרוקן שטעגל און אַ ווילן צו וואַשן זיך דאָס פּנים. דער רעזשיסער דערציילט עס אָבער קיינעם נישט. יעדער סטאַטיסט קען עס נאָר אָנפֿרעגן בײַ זײַן געזונט־צושטאַנד אָדער בײַ דער פֿאַרדאַכטיקער לופֿט, וואָס טראָגט זיך דאָ שטענדיק אַרום מיט גרויע סודות. די אַרענע דאָ דאַרף קענען אויפֿנעמען פֿיר טויזנט נפֿשות. דאָ וועלן זיי דאַרפֿן פֿאָרשטעלן זייער פֿאַרמעסט מיטן טויט, מיט דעם פּײַן און מיטן הונגער. זיי ווייסן אויך נישט, ווער עס וועט דאָ זײַן דער זײַטיקער צושויער, וווּ ער איז און וואָס ער זאָגט דערויף... מען קען אויך נישט וויסן, צוליב וואָס ער דאַרף עס נייטיק דעם ספּעקטאַקל... איז עס נאָר צוליב ריינעם פֿאַרגעניגן? ס'איז אויך מעגלעך, אַז דעם צוזאַמענשטעלער וועט דאָס מאַסן־שפּיל גמאס ווערן אין מיטן. וועט ער נישט וואַרטן ביז אַלע וועלן פֿון זיך אויסשעפּן אַלע מעגלעכקייטן. ער וועט פּלוצעם אַרויף מיט אַ פֿײַף אויף דער וואַקלדיקער עסטראַדע און אַ בריל טאָן: געענדיקט דאָס שפּיל! און — ס'וועט זיך ענדיקן... קיין ברירה וועט נישט זײַן. מ'וועט שטיל אַרונטערגיין ווי נישט־דערשפּילטע אַקטיאָרן, וואָס וואַרפֿן צום לעצטן מאָל אַ בליק אויף די צוגעפֿאַרבטע דעקאָראַציעס און קרעכצן דערבײַ: אוי, ווען דאָס זאָל געוועזן דויערן נאָך אַ פּאָר מינוט! נאָך סעקונדעס — און איך וואָלט געוועזן באַווײַזן מײַן כּוח! אַלץ אין מיר האָט זיך דערנענטערט צו יענעם מאָמענט... ווײ־ווײ, ער האָט מיר איבערגעריסן...

ווערט דאָ אַלץ צוגעגרייט ווי צו אַ סצענע. לעבן דאָ נישט אויס דאָס געשעענע, נאָר שפּילן עס אויס. זיי זײַנען צוגעפֿאַרבט און גרימירט, לויט דער גרויליקער מײַסטערהאַנט, וואָס האָט זיי סו־

געסטיאַגירט און גענומען זייער געמיט־צושטאַנד אין זײַן רשות. די וואָס דאַרפֿן דאָ אויפֿטרעטן ווייסן אַפֿילו, אַז נאָכן אָפּשפּילן מוז די אַרענע פֿרײַ ווערן, עס איז זיי אָבער גוט אַרײַנצוכאַפּן נאָך אַ מינוט און נאָך אַ מינוט פֿון זײַן אויף אַ לעבעדיקער סצענע...

די באַראַקן־ווענטלעך, וואָס מ׳פֿירט דאָ אָן, זעען־אויס ווי געמאַכט ספּעציעל פֿאַר נאָכגעמאַכטע שטיבלעך פֿון אַן אָפּערעטע, וואָס דאַרפֿן לאַנג נישט אָנהאַלטן... עס זעט־אויס אַזוי ווי מען וויל דאָ עמעצן אָפּנאַרן: מען וועט צוזאַמענקלאַפּן די ברעטלטשינע, אויסשמירן די קינדער־הײַזקעס מיט פֿאַרב, עס זאָל אויסזען ווי עפּעס לײַטיש. נאָר ווען עס וועט זיך ווער אָנשפּאַרן אין די ווענט — וועלן זיי געבן אַ פֿאַל־אײַן, די בעלקעס וועלן אַ זעץ געבן איבער די קעפּ און אַ פֿאַרבאָרגענער לץ פֿון דער זײַט וועט זיך פֿונאַנדערלאַכן:

— אוי, אידיאָטן, איר! איר האָט עס טאַקע געמיינט אויף אַן אמת? איר האָט נאָך געגלויבט, אַז דאָ שטעלט מען פֿאַר אײַך הײַזער? אָט, ווי עס זײַנען נאָך פֿאַראַן נאַראָנים אויף דער וועלט!

דאָס זײַנען אָבער נאָר די ערשטע קלערענישן. דערווײַל זײַנען עטלעכע נײַע באַראַקן פֿאַרטיק געוואָרן. שטייען זיי און וואַרטן אויף אַ באַפֿעל, וואָס זאָל וועגן זיי דעצידירן. זיי זעען־אויס אַנדערש ווי די פֿריִערדיקע. די אַלטע באַראַקן זײַנען געפֿאַרבט אויף אַ גרינגעלבלעכן טישקאָליר. פֿאַר נאַכט גיסן זיי זיך צונויף מיט דער פֿאַרב פֿון וואַלד און בײַ טאָג גיסן זיי זיך צונויף מיטן זונענגעל. דאָס איז אַ ספּעציעלער קאָליר, וואָס מאַכט אַז מען זאָל זיי פֿון דער הויך נישט דערקענען. אויך פֿון ווײַטן זעט מען זיי נישט שטאַרק אָן. דערפֿאַר אָבער זײַנען די נײַע באַראַקן־ווענט פֿײַכטלעך־ווײַס. מיט דער גאַנצער ווײַסער נאַקעטקייט פֿון יונג־געשניטענע זאַפּטביימער. בלענדן זיי אַוועק אין דער ווײַטקייט אַרײַן מיט אַ משוגעדיק־רופֿנדיקן געשריי.

— נאָסע ברעטער נאָך... זיי וועלן שפּעטער אײַנטריקענען פֿון

דער זון און עס וועלן זיך מאַכן גרויסע שפּאַרונעס... אוך, וואָס פאַר אַ לעבער!...

זיי באַדויערן נישט די יידן, וועלכע ס'וועט שפּעטער־צו זײַן קאַלט. דאָס ליגט זיי נישט אין זינען. זיי פילן זיך דאָ אָבער ווי שפּעטערדיקע באַלעבאַטים. די דײַטשן וועלן דאָך אַ מאָל אַוועק פון דאַנעט. טאָ ווער וועט ירשענען דאָס אַלץ, וואָס וועט נאָך זיי פאַר־בלײַבן? זײַנען זיי נישט צופרידן, וואָס מען ברענגט אַהער אַזאַ שלעכט מאַטעריאַל. די ירושה גייט זיי נישט אײַן. אָבער די דײַ־טשישע מײַסטערס אַרט עס נישט. זיי האָבן אַנדערע דאַגות. זיי קאָנטראָלירן נאָך, עס זאָלן זײַן גענוג פעסער מיט פאַרב: שוואַרצע, גרינע, רויטע... בלאָזט זיך די געדיכט־פעטע פליסיקייט אַנטקעגן דער זון מיט אַ באַזונדערן שטאָלץ, דערפאַר אפשר וואָס מיט איר וועט מען זוכן צו פאַרשמירן דאָס אויג פון דער וועלט...

אויך די יידישע פּאָליצײַ קומט אַלע מאָל זען, ווי עס האַלט. זיי העלפן אונטערטרײַבן די אַרבעטער, כאָטש קיינער האָט עס זיי נישט באַפוילן. זיי קוקן און שמייכלען צופרידן. מען קען נישט וויסן גענוי, וואָס עס טוט זיי דאָ אַזוי הנאה. נאָר פון די געציילטע ברעקלעך ווערטער, וואָס דערקײַקלען זיך ווײַטער פון זייער קרענצל, קען מען עס פאַרשטיין: יאָ, ליידיק וועלן די באַראַקן נית שטיין... און אַז מען בויט — וועט מען ברענגען פרישע פּאַרטיעס! און דאָס בלויזע דערמאָנען זיך אין נײַע גרופּעס מענטשן פאַרשאַפט זיי אַ באַזונדערע פרייד. מיט נײַע מענטשן זײַנען פאַרבונדן פרישע, פּאָליציייִשע עמאָציעס עס איז גוט זיך פאָרצושטעלן, ווי אַזוי עס מאַרשירט־אַרײַן אַ פרישער עשאַלאָן דורכן טויער. ער קומט פון ווײַט און די פּנימער זעט מען דאָס ערשטע מאָל. אַ נחתדיק געפיל רעגט זיי אויף: אויף דעם פּנים וועל איך האָבן די דעה, די מאַכט... און אויך אויף זיי אַלע, וואָס מאַרשירן דאָ אַרײַן, מיט דער שרעק פאַר דעם נײַעם אין די אויגן... הײַנט דאָס קוקן פון יענע מיט אַ דרך־ארץ געמישט מיט מוראָ פאַר די גלאַנציקע שטיוול און קײַלעכדיקן היטל! פאַרן שפּירן איין מאָל אַזאַ בליק אויף זיך

לוינט זיך צו זײַן לאַנגע יאָרן אַ פּאָליציאַנט אין אַ לאַגער! מען ווערט אויף אַ מאָל אַרומגענומען פֿון אַ גלעטנדיק־הערשער־געפֿיל, פֿון שפּירן זיך אַרויפֿגעהויבן הויך־הויך, איבער אַלע... דערצו קור־מען מיט יעדן טראַנספּאָרט אַזוי פֿיל שיינע מיידלעך און עס איז גוט, ווען זיי זעען דיך באַלד אָן ווי אײנעם פֿון די, וואָס האָט איבער זיי צו זאָגן... קומען זיי אַלע מאָל צו לויפֿן מיט פֿעסטע שטיוולטריט אויסמעסטן מיטן אויג, ווי לאַנג עס דאַרף דויערן ביז אַלץ וועט פֿאַרטיק זײַן. דאַן וועט מען זיכער ברענגען נײַע מענטשן. אין דעם זײַנען זיי זיכער. וועקט עס אויף אין זיי אַזאַ פֿיבערדיקן רייץ. די בלויזע דערוואַרטונג, די האָפֿענונג אויף אַזאַ דערוואַרטונג, לעבט זיי אויף: מען שטעלט פֿאַר זייערטוועגן אַ פֿאַרגרעסערטע מלוכה, אין וועלכער זיי וועלן באַפֿעלן! און מיט נײַע מענטשן קומען אויך נײַע מעגלעכקייטן.

עס טרעפֿט אַ מאָל, אַז אַ שטילער פּאָליציאַנט פֿאַרוואַרפֿט אַפֿילו אַ וואָרט פֿון ספֿק:

— נו, מ׳קען נאָך גאָר נישט וויסן! זיי קענען אויפֿשטעלן אַ גאַנצע מדינה און קיין לעבעדיקן נפֿש זאָלן זיי אַהין נישט ברענ־גען... זיי קענען ווייניק משוגע מאַכן, קלערט איר?

אַזאַ זאָג פֿאַרלירט זיך אָבער אין פֿריילעכן געררויש. די מער־הייט לויפֿט אַלע מאָל אַהין־און־צוריק, מיט דער זיכערקייט, אַז פֿאַר זיי האָט זיך נאָך די וועלט נישט געענדיקט.

— III —

שוין פֿיר חדשים, אַז מעכעלע דרייט זיך אַרום אין ווערק צע און ער קען נאָך אַלץ נישט פֿאַרשטיין, וואָס דאָ קומט אַזעלכעס פֿאָר מיט די מענטשן. ער פֿאָרשט־נאָך מיט באַהאַלטענע בליקן די פּאָליציי, קאָמענדאַנטן און יעדן מענטש, וואָס וואַרפֿט זיך אים נאָר אין אויג. דאָס וויל ער פֿון זייער יעדער תּנועה דערגיין, פֿאַר וואָס זיי פֿירן זיך דאָ אַזוי אויף, לעבן אַזוי, ווי עס וואָלט קיין נעכטן און קיין מאָרגן נישט געווען.

אין זײַן יוגנט האָט מעכעלע געלייענט ערגעץ וועגן אַזעלכע גאָר־קליינע באַשעפֿענישן, וואָס לעבן סך־הכּל אויף דער וועלט געציילטע שעהען. די דאָזיקע קליינע לעבנס האָבן אָבער נישט קיין אָנהײב, ווי קורץ עס איז דער משך פֿון עטלעכע שעה. ווי קליין זייער גוף איז, אַלץ גרעסער וואַקסט פֿאַר זיי אויף יעדע מינוט און סעקונדע. פֿאַר זיי קלאַפּט די צײַט מיט אַן אַנדער ריטעם און טעמפּאָ. אין אַ מינוט וואַקסן זיי אויס. אין צען מינוט אַרום, נאָכן געבוירן ווערן, געפֿינען זיי זייער זיווג און אין אַ האַלבער שעה אַרום קינדלען זיי שוין אַליין. ער האָט נאָך דעמאָלט נישט פֿאַרשטאַנען, ווי שטאַרק־אינטענסיוו עס קען ווערן יעדע מינוט, אויב זי איז אַן אָנגעזעענער טייל פֿון לעבן. באַשאַפֿט טאַקע די נאַטור באַזונדערע מינוטן פֿאַר אַזעלכע ברואים, וואָס האָבן אַן אַנדער כּוח ווי בײַ מענטשן? ווען ער איז געווען אַ קינד, האָט דאָס אים אָנגעגאָסן מיט טרויער: ווי אַזוי קען עפּעס ווערט זײַן אַ לעבן, וואָס דויערט ווינציקער ווי אַ מענטשנס נאַכטשלאָף? אַזאַ ברעקל צײַט פֿילט דאָך דער מענטש אַפֿילו נישט, ווען זי גייט בײַ אים פֿאַרלוירן!

...די דערמאָנונג פֿון יענע פֿליגן האָט אים ניט צו רו געלאָזט בײַם צוקוקן זיך צו דעם ווילדן געיעג פֿון דער פּאָליצײַ און סתּם אַרײַנכאַפּערס. ער האָט זיי גענומען דורך דעם פֿאַרשטיין אויף זײַן אייגענעם אופֿן:

— וואָס ווילן זיי דען, די מענטשן, וואָס באַגלאַנצן זיך דאָ אַזוי, אויף דעם לעבעדיקן בית־הקבֿרות? ווי אַזוי איז עס געקומען דערצו, אַז מענטשן, וועלכע האָבן אין נאָרמאַלע צײַטן נישט אָפּגעטאָן קיין שרעקלעכע זאַכן, זאָלן איצט גרייט זײַן אויף אַלץ, אַפֿילו אויף פֿאַרברעכנס, אַבי צו דערגרייכן קליינע מאַכטשטיקלעך, וואָס וועלן באַלד זיך ענדיקן?

אָבער דאָ האָט זיי דאָס לעבן אײַנגערעמט אין אַ קורצער פּערספּעקטיוו און זיי נאָר איבערגעלאָזט קליינע שעהען, מיט ווייניק זאַפּטן און האָריזאָנטן. זוכן זיי אויפֿצועסן דאָס ביסל געבליבענע טעג מיט צען מײַלער, אַרויסצײַען די לעצטע וואַרעמקייט פֿון אַלע

שיסן, וואָס זיי קענען נאָר דערגרייכן. זיי זוכן זיך אויסצולעבן און אויסצורוישן מיט אַלע מיטלען, וואָס זיי קענען נאָר אָנווענדן.

עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז ווען זיי זאָלן געווען האָבן די אויס־זיכטן אויף אַ לאַנג לעבן, וואָלטן זיי אויך געזויגן פֿון בעכער טראָ־פּנווייַז. סוף־כל־סוף האָט יעדער מענטש אין זיך אַ לעכץ נאָך מאַכט און דערגרייכונגען. אין יעדן מענטש דרימלען אויך חלומות, פֿאַר וועלכע ער איז גרייט צו טאָן — און טוט אויך — געוויסע פֿאַרברעכנס אָדער אָפּנויגונגען פֿון דער מאָראַל. איבער אַ לאַנג געווינטלעך לעבן ווערן זיי אָבער צעשאָטן און זעען זיך נישט אָן. דאָס וויסן, אַז ער האָט נאָך צייַט, צוימט אים אייַן. ער קען דער־פֿאַר זיך זעטיקן מיט אַ קליין ברעקל מאַכט יעדן טאָג און פֿרייען זיך מיט פּיצעלעך דערגרייכונגען. זיי וואָלטן אין לויף פֿון אַ סך יאָרן אָנגעצויגן די סומע פֿון זייערע שטרעבונגען. אויך די מיטלען, וואָס זיי וואָלטן דערבייַ צייַטנווייַז אָנגעווענדט, קענען אין אַ יאָרן־ים פֿאַרלוירן גיין און זיך נישט אַרויסזען אַזוי בולט. איין שטיקל נישט־אָרנטלעכקייט איז אַזוי ווייַט פֿון דעם צווייטן, אַז זיי פֿאַרלירן צווישן זיך דעם צוזאַמענהאַנג.

די זיכערקייט, אַז מען קען — און אַז עס איז אויך מעגלעך אַזוי — גיין געלאַסן צום ציל, דערלאָזן נישט די אינסטינקטן זיך אַרויסרייַסן און זיי אַרויסוואַרפֿן אויסער די פּסיכישע גרענעצן. איצט אָבער האָבן זיך אַלע לוסטן און באַגערן צוזאַמענגעדריקט אויף אַן ענגן שטח. זיי האָבן זיך דערפֿאַר אַרויפֿגעלייגט ווי אַ לאַסט און געפֿאָדערט דאָס זייעריקע. דערפֿאַר זייַנען זייערע סטי־כיעס איבערגעפֿורעמט געוואָרן, לויט דער טבֿע פֿון יענע באַשע־פֿענישן, וואָס מוזן אַלץ אָפּטאָן אין זייער לעבן... נישט אַלע קענען עס אַזוי. טייל דערשטיקן דעם דאָזיקן כּוח אין זיך. אַנדערע אָבער לאָזן אים פֿרייַ צעהוליען זיך אין די געבליטן.

מיטן דאָזיקן געדאַנק האָט מעכעלע גענומען זען דאָס גאַנצע ווערק צע. אַלע זינלאָזיקייטן פֿון די מענטשן האָבן באַקומען אַ זין: מען בויט דאָ אַ שטאָט. זאָל זייַן, אַז זי וועט דאָ לאַנג נישט אָנ־

האַלטן. מען דאַרף אָבער נישט פֿאַרקריכן מיטן געדאַנק אויף דער צווייטער זײַט פֿון איר באַשטימטקייט און טערמין. שלעפּן דערווײַל ייִדן די ברעטער, פֿרייען זיך אַפֿילו, וואָס דער לאַגער וואַקסט־אויס גרעסער און גרעסער, כאָטש עמעץ פֿון אַ ווינקל וואַרפֿט אַ מאָל אַרײַן אַ צווייפֿל:

— ווער ווייסט, פֿאַר וועמען מען גרייט עס דאָ צו...

דעם שטאָך פֿון אַזעלכע ווערטער דערפֿילן באַלד אַלע אין די הערצער. דאָ וויל מען אָבער אַזעלכעס נישט הערן. דעם פּסק־דין האָט שוין יעדער סײַ־ווי בײַ זיך אַרויסגעטראָגן און גאָר אַ סך געטראַכט דערפֿון — דוכט זיך אויס, אַז מען האָט עס שוין געהערט און יעדער זאָגט עס שוין צום וויפֿלטן מאָל. דאָס וויל ער נאָר סתּם איבערחזרן זיך און פֿאַרנודיען אַלעמען... בייזערט מען זיך פֿון אַלע זײַטן:

— וויפֿל איז דער שיעור דאָס איבערצופּלאַפּלען, שוטה אײנער; דאָס אַרײַנקלערן און ריידן וועט דיר דען בעסער מאַכן?

דער שלום מיטן גורל בײַ די סתּם־מענטשן דערגייט אַפֿילו אַזוי ווײַט, אַז טאָמער נעמט איינער קרעכצן אונטער דער משׂא פֿון די דאַכפּלאַטן, קענען עס אויך די אַנדערע נישט פֿאַרלײַדן. וואָרנט מען אים פֿון אַלע זײַטן מיט פֿאָרוווּרף:

— וועסט גיין אין דער האַלע 58... דאָרט וועט דיר זײַן לײַכטער, וואָס?

און דאָס שטילט יענעם אײַן. בלײַבט נאָר אָפּצוּוואַרטן אויפֿן גרייטן. דער קלוגער ציניקער פֿון ווערקע צע, אינזשעניר קורץ, האָט אַפֿילו דערויף זײַנע אַ באַליבטע פֿילאָסאָפֿיע:

— אַ גאַנצע וועלט מיט דײַטשן האָבן אויף זיך גענומען צו זאָרגן פֿאַר מיר, אויסצוקלערן וואָס מיט מיר צו טאָן, טאָ זאָל זיי כאָטש דאַרן דער קאָפּ און נישט מיר... זאָל זיי כאָטש די אײגנע מאַטערניש בלײַבן...

נעמען עס אַלע אויף, נישט מיט קיין ביטערן געלעכטער, נאָר מיט רעזיגנירטער הסכּמה.

# קאַפּיטל 25

— I —

אין ווערק צע האָבן זיך גענומען טרעפֿן מאָדנע אויסטערלישע זאַכן. קיין סעלעקציעס זײַנען נישט פֿאָרגעקומען. דער טראַנספּאָרט יידן, צוליב וועלכע מען האָט אויפֿגעשטעלט די נײַע באַראַקן, איז נאָך אַלץ נישט געקומען. האָט מען געמיינט, אַז עס וועט דאָ רויִק זײַן אַ שטיקל צײַט, מען וועט מאַכן קאָנצערטן, ראָמאַנסן, מאַכן קליינע אינטריגעלעך... אָבער דערווײַל האָבן גענומען געשען אַלערליי מאָדנע פּאַסירונגען, וואָס האָבן אַלע מאָל אויפֿגעטרייסלט דעם לאַגער.

אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט דער האַלע 58. אין פֿאַרלויף פֿון אַ קורצער צײַט האָט מען דאָרט אַרײַנגעטריבן אַ סך יידן צו דער אַרבעט. יעדן טאָג זײַנען אַ טייל פֿון זיי צוריקגעקומען מיט צעהאַקטע גלידער, געשוואָלענע. מען האָט געשמועסט, אַז קיין איין ייִד וועט פֿון דאָרט נישט אַרויס קיין לעבעדיקער. זשעלינסקי, סאַדזאַ, אַנטאָש און נאָך עטלעכע שקצים פֿון דער האַלע, צווישן זיי אויך סטאַך, האָבן באַשלאָסן יעדן טאָג צו מאַכן עטלעכע יידן פֿאַר קאַליקעס. האָבן גענומען פֿאַלן קרבנות. עס האָבן נישט געהאָלפֿן קיין אינטערווענצן בײַ די מײַסטערס. זייער צאָל האָבן זיי געמוזט האָבן. זשעלינסקי איז אין גאַנצן משוגע געוואָרן אויף דעם געביט. מען האָט גענומען שלאָגן די יידן, אַפֿילו בעתן דערלאַנגען די גראַנאַטן, אַ זאַך וואָס האָט אין קיין האַלע נישט פּאַסירט. די צוויי ברידער איבעשיץ, פֿון וואַרשע, צוויי סוחרישע יידן וואָס זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן אין 58סטל און געשלאָפֿן אין צווייטן באַראַק, זײַנען יעדן פֿאַרנאַכט אַהיימגעקומען מיט געבראָכענע ביינער. זיי האָבן זיך אַנדערצײילט שרעקלעכע זאַכן און דערבײַ יעדעס מאָל פֿאַר־ענדיקט:

— איר וועט זען... עס וועט פּאַסירן אַן אומגליק, אַ שרעק־לעכע קאַטאַסטראָפע! די גראַנאַטן פֿאַלן פֿון די הענט...

עס זײַנען אָבער אַוועק טעג אויף טעג און עס האָט גאָר נישט פּאַסירט, אויסער קלייניקייטן, וואָס האָבן אַלע מאָל געקאָסט דאָס לעבן פֿון אַ ייִד אָדער צוויי... אין יענע טעג טאַקע איז איין מאָל מעכלעס נאָענטסטער פֿרײַנד, אַבֿרהם־איסר, נישט אַהיימגעקומען פֿון דער נאַכטשיכט. מען האָט אים געזוכט איבערן גאַנצן לאַגער און איבער דער פֿאַבריק, אָבער קיינער האָט נישט געוווסט ווו ער איז אַהינגעקומען. ערשט דעם צווייטן טאָג, נאָך מיטאָג, האָט מען אים געפֿונען ליגן אין וועלדל, צווישן די געדיכטע ביימלעך, בײַם 58סטל. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די שקצים פֿון דאָרט האָבן אים געזען פֿאַרבײַגיין פֿון דער אַרבעט און אים אַהין פֿאַר־נאַרט. דער שטענדיק־הונגעריקער אַבֿרהם־איסר האָט זיך געלאָזט אַרײַנצײַען, הערנדיק אַז מען וויל אים געבן אַ ביסל זופּ, וואָס איז געבליבן פֿון נעכטן; אָבער דאָרט, צווישן די ביימער, האָבן זיי אים אַזוי לאַנג געשלאָגן מיט שטעקנס, ביז ער איז געבליבן ווי טויט. אויפֿן צווייטן טאָג ערשט האָבן זיי מיטגעטיילט, אַז אַ ייִד פֿון אַ פֿרעמדער האַלע האָט זיך דאָ געדרייט און געוואָלט עפּעס גנבֿענען. האָבן זיי אים געטאָן זײַן רעכט. דאָס אײַזערנע האַרץ זײַנס האָט אָבער נאָך אַלץ געאַרבעט. ווען מען האָט אים געבראַכט אין לאַגער אַרײַן, האָט ער נאָך געלעבט. ער האָט שוין מער נישט געקענט ריידן, נישט באַוועגן זיך. דער מעכטיקער גוף האָט זיך אָבער נישט געוואָלט אונטערגעבן דעם טויט אַזוי לײַכט. איז ער געלעגן אַ גאַנצן מעת־לעת און געגוססט.

...האָבן טאַקע די מענטשן פֿון צווייטן באַראַק מעכלען מקנא געווען:

— דו האָסט שוין איין מאָל אַ מזל! גראָד פֿאַרן אָנהייבן אַזוי פֿײַניקן אין 58סטל האָט מען דיך פֿון דאָרט אַרויסגענומען. איצט וואָלטסטו קיין איין טאָג דאָרט נישט אויסגעהאַלטן...

אָבער פֿרעדזשאַ איז דאָרט ווײַטער גערן געגאַנגען. איר איז

דאָרט גוט צו אַרבעטן, האָט זי יעדעס מאָל איבערגעחזרט. צו איר באַציט מען זיך גוט. אויך גוטשע, קויפמאַנס דיקלעכע כלה, האָט זיך ווידער געהאַלטן בײַ איר אָרט. וויפל מאָל מען האָט איר פאָר־געלייגט צו בײַטן די אַרבעט, האָט זי אַלץ אָפּגעלאַכט פון יענע:

— מיך וועט מען דאָרט נישט אויפעסן! זשעלינסקי ווייסט, ווער איך בין און ער וועט מיך קיין ריר נישט טאָן. . מען מאַכט־אָן מער גערודער ווי די מעשׂה איז אין דער אמתן!...

זײַנען די מיידלעך ווײַטער געבליבן דאָרט אַרבעטן.

— II —

אין איינעם אַ טאָג איז קויפמאַן געקומען מיט דעם גרויסן וואָגן עסן פון דער קיך, אַזוי ווי אַלע מאָל. אויפן פלאַץ האָבן שוין געוואַרט אויף אים הונדערטער מענטשן. פון אַלע זײַטן האָט מען זיך געריסן צו די פעסלעך זופּ, געדרענגט איינער אויפן אַנדערן און געשריגן מיט הונגעריקע קולות. קויפמאַן איז שוין צוגעוווינט דערצו און עס אַרט אים נישט מער. ווי יעדן טאָג, דעקט ער זיך אײַן די גלאַנציקע שטיוול מיט גראָבע שמאַטעס, ער ציט זיך אַרויף דאָס לײַוונטענע פאַרטעך אויפן אָנצוג און קריכט זיך פאַמעלעך אַרויף אויפן וואָגן, אין דער הויך. זײַן געהילף דיאַמאַנט מיט נאָך עטלעכע משרתים צעטרײַבן דערווײַל דעם עולם מיט דיקע שטעקנס און מיט די פויסטן. יעדן טאָג זעט זיך אויס, אַז די מאַסע וועט אַרויפפאַלן אויף די פעסלעך און זיי צעטראָגן מיט די הענט. זיי וועלן לינטשן קויפמאַנען מיט די פאָר געהילפן זײַנע, אָנזופן זיך מיטן קלעפיקן עסן איין מאָל פאַר אַלע מאָל און דערנאָך וואַרטן רויק אויף זייער פסק־דין... אין דער לעצטער מינוט ציִען זיי זיך אָבער צוריק, פאַרלירן זייער אַגרעסיוון אימפעטיקן שטורעם און בלײַבן ווײַטער אָפּהענטיק. זיי שטייען ווײַטער מיט טרוקענע צינגער און וואַרפן־אַרויף צו קויפמאַנען זייער כסדרדיק דערשלאָגן געבעט:

— פאַניע קויפמאַן... נאָך אַ ביסעלע... אַ קליינעם טראָפּן עסן!

הײַנטיקן טאָג איז ער געווען באַזונדערס רויִק, קויפֿמאַן. פֿון דער קיך האָט ער זיך צוגעכאַפּט אין דער האַלע 58. דאָרט האָט ער גזעזען זײַן גוטשען. זי האָט אים געשאַפֿן עפּעס אַ נײַע פֿאַר־בינדונג אין דער האַלע און מסתּמא וועט דאָ אַוועק אַ גאַנג... שמייכלט ער צופֿרידן פֿון זײַן הויכקייט אַראָפּ און אײַלט זיך נישט צום אויסטיילן...

ער קען שוין דאָ אַלע סטאַבילע אַרומשטייערס און ווייסט שוין יעדנס פּזמון פֿון אויסנווייניק. זײַן מלאכה איז לעצטנס פֿאַרגרע־סערט געוואָרן. אַלע, וואָס אַרבעטן בײַ די נײַע באַראַקן, מוזן בײַ אים פּערזענלעך נעמען זייער עסן. דערצו קומען אויך די אַלע, וואָס אַרבעטן דאָ בײַ נעבן־אַרבעטן. זעט ער טאַקע ווי מעכעלע שטייט אין אַ זײַט און עס טוט אים הנאה, וואָס „דאָס יאַטל“ מוז דאָ אויך וואַרטן אויף אים. שרײַט ער טאַקע אַריבער צו אים איבער אַלעמענס קעפּ:

— דע, שטיי נאָר דאָרט אײַן אויף אַן אָרט! מעגסט צוואַרטן אַ ביסל... אָרדענונג מוז זײַן! מעגסט אַפֿילו מיך דערנאָך ווײַטער באַשנידלען אין דײַנס אַ לידל... איך פֿײַף דערויף!

מעכעלע האָט גאָר נישט געטאָן קיין ספּעציעלס. דאָס האָט נאָר קויפֿמאַן אים ספּעציעל אַרויסגערופֿן, אַלע זאָלן זען ווער עס דאַרף אַלץ אָנקומען צו אים און ווי ער מאַכט נישט פֿון קיינעם קיין צימעס. מעכעלע פֿאַרשווײַגט. פֿאַרדריסט עס שוין קויפֿמאַנען. שרײַט ער שוין ווידער צו אים אַריבער:

— אינטעליגענטניק! ס'זאָלן דיר שרפֿען די געדערים! אַ מיוחס פֿון לאָקשן־קוידעש, זעסטו!

באַלד אָבער ציִען אים אָפּ אַנדערע קולות. ער ווייסט שוין וואָס יעדער איינער שרײַט און ער האָט אַ משונהדיקע הנאה אויסצוהערן איצט אַלעמען. קוקט ער זיך אַרום און זוכט עמעצן. בייגט ער זיך אַפֿילו אַראָפּ נידעריקער צום שטומען דיאַמענט און גיט אַ פֿרעג הויך אויפֿן קול:

— אַ חידוש! דער סאָקאָלאָווער רבי איז הײַנט נישטאָ?

פֿון אַלע זײַטן נעמען זיך צעשרײַען חניפֿהדיק־הונגעריקע קול־לות, וואָס ווילן ווײַזן, אַז זיי זײַנען גרייט קויפֿמאַנען צו דינען, אונטערצוהעלפֿן:

— סאָקאָלאָווער רבי! ווו ביסטו?

דאָס מיינט ער אַ קליין אויסגעדאַרט יידעלע, וואָס איז אַרײַנ־געפֿאַלן צו דער פּיקרין און ער קומט יעדן טאָג אַהער וואַרטן אויף אַ חסד פֿון קויפֿמאַנען. נאָך די ערשטע טעג אָפּאַרבעטן בײַ דער געלער אַרבעט האָט זיך בײַ דעם מענטש עפּעס אַ רודער געגעבן אין קאָפּ. ער האָט גענומען גיין אין די פֿאַרנאַכטן פֿון באַראַק צו באַראַק, אָנשטעלן אויף יעדן זײַנע פֿרומע, גרויסע אויגן און מיט שטילן געבעט אַרויסווייַנען פֿון זיך:

— כ׳בין דער סאָקאָלאָווער רבי... גיט׳ס מיר עפּעס... גיט׳ס! קויפֿט׳ס אַ מצווה!

אויך אים האָט דער הונגער גענומען טרײַבן צו קויפֿמאַנס וועגעלע. טייל מענטשן האָבן אים געקענט. ער איז פֿאַקטיש געווען אַ קינד פֿון אַ גרויס רביש הויז. נאָר דאָ האָט דער פּיקרין אין אים „עפּעס פּוגם געווען". אַזוי האָבן צווישן זיך געשמועסט עטלעכע חסידישע יונגע לײַט, וואָס האָבן זיך פֿאַרוואַלגערט אין ווערק צע אַרײַן. זיי האָבן זיך געהיט ווי פֿאַר פֿײַער, בישט צו דערציילן ווער דאָס קליינע יידעלע מיט די גרויסע קינדערישע אויגן איז... ווען מעכעלע האָט זיי געוואָלט אַרויספֿציִען אויף דעם, האָבן זיי נאָר געהאַט אײן ענטפֿער:

— נו, בזיון קדושים איז אויך אַ גרויסער חטא...

און בײַ אים אַליין איז אויך שווער געווען צו דערגיין. אויף יעדער פֿראַגע האָט ער נאָר אויסגעגלײַכט זיך, אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער דאַרער פֿויסט אין דעם אויסגעמאָגערטן האַרצברעטל און פֿײַערלעך אַ שאָס געטאָן:

— יאָך בין דער סאָקאָלאָווער רבי!

און באַלד פֿאַרגאַנגען זיך אין אַ יללה.

אַזוי איז ער געווען נאָרמאַל. אַלע פֿאַר טאָג האָט ער זיך געהיט אַרײַנצולויפֿן אין אַ באַראַק אַרײַן, ווו עס זײַנען געווען די אײנציקע פּאָר תּפֿילין פֿון רבינו תּם. ער האָט זיי געמוזט אָנטאָן יעדן טאָג. ער האָט אויך נישט פֿאַרגעסן מיטצוטראָגן מיט זיך אַ בלעכל וואַסער, זיך אַלע מאָל צו וואַשן די הענט. מיט יעדן איז ער אומגעגאַנגען אײדל און זײַן אײנציקער זאַך, וואָס ער פֿלעגט איבערחזרן צו יעדן, איז געווען:

— ייִדן, זינדיקט נישט... ייִדן!

נאָר אײן זאַך האָט אים אַרויסגעפֿירט פֿון גלײַכגעוויכט: עסן! זינט ער איז אַרײַנגעפֿאַלן צום געלן, האָט ער נישט געקענט גלײַכגילטיק קוקן אויף אַ שטיקל ברויט אָדער אַ ביסל זופּ אין יענעמס הענט... ער האָט זיך געוואָרפֿן אויף דער ערד, געוויינט, אויסגעשטרעקט די הענט, געבעטן און פֿאַרגאַנגען זיך אין אַ חלשותדיקן יאָמער:

— אַ ברעקל גיט מיר... אַ טראָפּן!...

...דאָס האָט קויפֿמאַנען שטאַרק אימפּאָנירט. פֿון קינדווײַז אויף האָט ער מורא געהאַט צו שטיין אין דער נאָענט פֿון אַ רבין. געוווסט, אַז דאָס איז אַ צו־הויכע זאַך פֿאַר אים... און דאָ שטייט אַזאַ אײנער צווישן דער מחנה און וואַרט גאָר, אַז קויפֿמאַן זאָל אים באַגליקן... האָט ער אים שטענדיק אָפּגעהאַלטן ביז צום סוף, מכּלומרשט חוזק געמאַכט פֿון אים:

— דע, מײַן מאַמע איז דאָך בײַ דיר אַמאָל געווען! דו האָסט איר אויך געגעבן אַ ברכה אומזיסט אָדער האָסט זיך געהייסן באַצאָלן? זאָג מיר!

איצט אָבער איז אים עפּעס אײַנגעפֿאַלן נאָך פֿאַרן טיילן אים אַ רוף צו טאָן... פֿון דער זײַט האָט זיך גענומען שפּאַרן אַ קליין, שמאָל גופֿל, קוים הויט און ביין. נאָך אים האָבן זיך געדרענגט אַ גאַנצע מחנה, וואָס האָבן געוואָלט דורך אים זיך דערנענטערן צו קויפֿמאַנען. ער אַליין האָט געמיינט, אַז קויפֿמאַן גיט אים שוין דאָס, אויף וועלכן ער וואַרט. האָט ער זיך נאָך פֿון דער ווײַטנס צעשריגן:

— פּאַניע קויפמאַן! געזונט און לאַנגע יאָרן אויף אײַך! באַכערס ווײַן זאָלט איר נאָך זוכה זײַן צו טיילן אין ירושלים! אָמן!!!

קויפמאַנס שמאָלע גאַמבע האָט זיך אויסגעקרימט ווי בײַ אַ מסחר, וואָס מ׳איז נישט אין גאַנצן צופרידן דערפון:

— סאַקאַלאָווער רבי! די ברכה האָב איך דאָך שוין איין מאָל געקריגן! זוכט מיר אויס עפּעס אַן אַנדערע... אָבער שנעל! איך האָב נישט קיין צײַט... מען דאַרף זיך נעמען צום אויסטיילן... שוין שפּעט...

דער מענטש האָט נישט תּופס געווען, וואָס קויפמאַן מיינט. ער האָט איצט איבער הויפּט פון גאָר נישט געקענט טראַכטן. דאָס לויפן צו קויפמאַנען איז בײַ אים געווען עפּעס אַנדערש ווי נאָר דאָס ביסל זופּ. באַקומען עסן — דאָס איז בײַ אים שוין געווען אַזאַ מין תּענוג, אַ נויטווענדיקייט, אַפילו ווען ער זאָל דאָס שפּעטער גאָר נישט נעמען אין מויל... איז ער דערפאַר געבליבן שטיין מיט אַן אָפן, פאַרגאַפט מויל און עפּעס געזוכט מיט די ליפּן אָנצו־כאַפּן די לופט... נאָר קויפמאַן איז שוין געוואָרן אומגעדולדיק. ער האָט זיך אָבער אײַנגעהאַלטן און מיט זײַן רויקן טאָן אַ זאָג געטאָן:

— נו, סאַקאַלאָווער! גיי דערווײַל אַוועק אין אַ זײַט און באַ־טראַכט זיך, אויב עס לוינט זיך דיר. דערווײַל לאָז מיך טאָן מײַנס. מיר וועלן שפּעטער שמועסן...

קויפמאַנס געהילפן האָבן דעם מענטש אָפּגערוקט אין דער צווייטער זײַט, צו די דראָטן. איז ער אַזוי שטיין געבליבן מיט אַן אָפן מויל, אומבאַוועגלעך, און אַרײַנגעקלערט אין עפּעס מיט צע־חושט־אויפגעריסענע אויגן... קויפמאַן האָט דערווײַל אויסגע־שטרעקט די האַנט צום טיילעפל און אים געוואָלט אַרײַנרוקן אין אַ קעסל אַרײַן. פּלוצעם האָט זיך אָבער געהערט אַ יאָמערלעך גע־שריי פון יענער זײַט מחנה:

— גע־וואַ־אַ־אַלד! פּאַניע קויפמאַן... אוי, גוואַלד!!

קויפּמאַן האָט זיך רויִק אויסגעדרייט צו יענעם:

— וואָס איז שוין ווידער?

יענער האָט עפּעס געוואָלט נאָך אויסשרייַען און נישט געקענט. קויפּמאַן איז שוין אומרויִק געוואָרן. עפּעס איז דער נישט געווען פון זייַנע באַקאַנטע פּנימער, וואָס ער זעט דאָ יעדן טאָג... עס זעט זיך אויך נישט, אַז ער זאָל שרייַען נאָך אַ ביסל עסן... יענע שרייַען אויף אַ גאָר אַנדערן אופן... האָט ער זיך שוין דענער־ווירט:

— וואָס בעבעסטו דאָרט? קום־צו נענטער... לאָמיך הערן אַ וואָרט:

יענער האָט זיך אָבער געשראָקן צו דערנענטערן. קענטיק, אַז עס קומען אים אָן שווער די רייד... אַדרבא, ער האָט זיך גענומען אָפּרוקן נאָך ווייַטער פון אַלעמען און ערשט פון דאָרט אויסגע־שאָסן אויף אַ מאָל:

— האַלע 58 ברענט! אַ סך יידן... גויִים... גוטשע... יאָ, גוטשע! — — —

— III —

אַ מינוט איז שטיל געוואָרן איבערן גאַנצן הויף. אַלע האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם. אויך קויפּמאַן איז געבליבן זיצן אַ פאַר־שטאַרטער, ווי ער וואָלט דאָ גאָר נישט באַנומען. באַלד האָט ער באַגריפן עפּעס גרויליקס. שווידערלעכס... ער האָט אַ בריל געטאָן, אַז דאָס גאַנצע פּלאַץ איז פאַרציטערט געוואָרן: אוי, אַ בראָך איז מיר! דער קאָכעדיקער לעפל איז אים אַרויסגעפאַלן און אַ קנאַל געטאָן אויף עמעצנס קאָפּ. ער האָט גאָר נישט געשפּירט. מיט איין שפּרונג איז ער שוין געשטאַנען נעבן יענעם, וואָס האָט עס אויס־געשריגן, און אים געכאַפּט פאַרן האַלדז, ווי ער וואָלט עס שולדיק געווען. זייַנע אויגן זייַנען מטורפדיק אַרויס פון די לעכער און איין צאָן האָט געקריצט איבעם אַנדערן:

— זאָג!!! רייד! ווו? וואָס?

יענער האָט אָבער קוים געכאָרכלט. האָט אים קויפֿמאַן אומגעשלײַדערט מיט אַ שטויס און ווײַטער געלאָפֿן. איבערן גאַנצן לאַגער האָט מען געהערט זײַנע ווילדע רעווערײַען:

— באַנדיטן, מערזאַווצעס!! כ׳וועל אַלעמען אויסהרגענען! ברענען זאָל די וועלט! שרפֿען זאָל זי מיט אַלעמען אין איינעם!

דאָס ערשטע מאָל האָט דער לאַגער געזען קויפֿמאַנען אין אַזאַ צושטאַנד. אין געציילטע מינוטן איז ער געוואָרן שוואַרץ ווי די ערד. ער האָט געוויינט, געריסן זיך די האָר פֿון קאָפּ. דערנאָך האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צום טויער און גענומען לויפֿן צעווילדעוועטערהייט אין פֿאַבריק אַרײַן.

בײַ די קעסלען מיט עסן איז דערווײַל געוואָרן אַ מהומה. די ערשטע מינוט האָט קיינער זיך עס נישט געקענט גלייבן: די פּעסערשטייען פֿולע, פֿאַרעדיקע — און קויפֿמאַן איז נישטאָ? באַלד אָבער האָבן זיך אַלע גענומען דרענגען אויף זיי, רײַסן זיך אַהין. הענט האָבן זיך אײַנגעקלאַמערט אין פּנימער. לײַב האָט זיך געקנוידערט אין לײַב. און די געשרייען האָבן צעריסן די לופֿט אויף שטיקער...

עטלעכע פֿאָליציי־לײַט זײַנען געקומען אָנצולויפֿן און לאַנג געדרעשעט מיט זייערע שטעקענעס אין די לײַבער, ביז גוף האָט זיך אָפּגעריסן פֿון גוף און צענדליקער צעשלאָגענע זײַנען געלעגן אַוועקגעשלײַדערטע אין אַלע זײַטן. ערשט דעמאָלט האָט זיך די קאָמענדאַנטין געכאַפּט, אַז קויפֿמאַן קען דאָרט אָנמאַכן אַ חורבן אין דער פֿאַבריק. אויף איר פֿײַף האָבן זיך אַ לאָז געטאָן נאָך איר אַ צענדליק פֿאָליציאַנטן און אויפֿן הויף איז צוריק שטיל געוואָרן. אויף קויפֿמאַנס אָרט האָט זיך באַזעצט דער פֿאָליציאַנט קאַץ. דאָס עסן האָט זיך ווידער אויסגעטיילט ווי געוויינלעך און די מענטשן זײַנען דערנאָך צעקראָכן איבער די באַראַקן, ווי קיין מאָל גאָר נישט.

ערשט שפּעט פֿאַר נאַכט האָבן עטלעכע פֿאָליציי־לײַט געבראַכט צו פֿירן קויפֿמאַנען אונטער די הענט. ער איז געווען בלאַס און שטום. קיין טריט האָט ער מער נישט געקענט טאָן און זײַנע פֿיס

האָבן זיך אים נאָכגעשלעפּט ווי געליימטע. די שוואַרצע האָר זײַנע האָבן אים געקלעפּט צום שטערן פֿון מידן שווייס. פֿון אַלע זײַטן האָט מען אין אים אַרײַנגערעדט, געטרייסט. עס האָט אָבער אויסגעזען, אַז ער הערט איצט גאָר נישט, ווייסט נישט פֿון גאָר... אַלע פּאָר מינוט האָט ער נאָר געוויזן שטום מיט דער האַנט, מען זאָל אים אַוועקגיין פֿון אויג. ווען ער האָט געהאַט פֿרײַ דאָס פּלאַץ, האָט ער אַ ווילדן שפּײַ געגעבן און זיך ווײַטער געלאָזט שלעפּן, ביז מען האָט אים אַרײַנגעטראָגן אין זײַן חדרל אַרײַן.

דערנאָך זײַנען געקומען די מענטשן פֿון פֿאַבריק און דערציילט, וואָס דאָרט איז פֿאָרגעקומען. אין דער האַלע האָט מען אָנגעהויבן אַרײַנשרויפֿן אַ נײַעם טיפּ צינדער אין די גראַנאַטן. צוליבן געיעג האָט עמעץ שלעכט אַ ריס געטאָן אַ צינדער. באַלד האָט זיך געהערט אַ מעכטיקער אויפֿרײַס און די גאַנצע האַלע איז אײַנגעהילט געוואָרן אין נעפּל. ערשט שפּעטער־צו האָט מען געפֿונען די הרוגים צעשאָטן איבער דער האַלע. טייל אבֿרים האָבן געקלעפּט אינעם סופֿיט און אין די ווענט. אַלע פֿרויען האָבן ספּאַזמירט. גוטשען האָט עס געטראָפֿן פֿון אַ זײַט און איר אָפּגעריסן אַ האַנט מיט אַ פֿוס. קויפֿמאַן האָט געפּועלט, אַז זי זאָל מען פֿירן אין אַ שטאָטיש שפּיטאָל. דאָרט האָט זי זיך געמאַטערט עטלעכע טעג ביז זי איז אויסגעגאַנגען. ער איז יעדן טאָג אַרויסגעפֿאָרן צו איר, אײַנגעריסן די וועלט, נאָר עס האָט נישט געהאָלפֿן. איז ער דערנאָך אַרומגעגאַנגען אַ שטיק צײַט ווי אַ שטומער, אויסגעטיילט דאָס עסן ווי מעכאַניש און מיט קיינעם קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. דער פּאָליציאַנט קאַץ, וואָס האָט געוווינט נעבן קויפֿמאַנען, האָט זיך נאָר איין מאָל אַרײַנגעכאַפּט בײַ נאַכט, צום „מנין", וואָס קויפֿמאַן האָט געמאַכט פֿאַר גוטשעס נשמה וועגן. ער האָט ווי שטענדיק געשוויגן, נאָר פֿאַרן אַרויסגיין אַ בורטשע געטאָן צו קויפֿמאַנען:

— עפּעס איז דאָ יאָ פֿאַראַן אַ חשבון אויף דער וועלט... דאָס טרעפֿט אָבער נישט אונדז, נאָר זיי...

ער האָט נישט געזאָגט קלאָר, וועמען ער מיינט מיטן „זיי",

נאָר קויפֿמאַן האָט אים, זעט־אויס, פֿאַרשטאַנען.

פֿון מעכעלעס באַראַק האָט דער אויפֿרײַס צוגענומען דעם דיקן קרעמער, וואָס האָט דאָ געהאַנדלט מיט ציינדלעך קנאָבל און פּויליש־ע ציגאַרעטלעך. פֿון די צווי ברידער אייבעשיץ איז נאָר איינער צוריקגעקומען מיט ווונדן אויפֿן לײַב; דער צווייטער איז צעריסן געוואָרן. אין יענעם פֿאַרנאַכט איז אויך הענעך געלאָפֿן צום טויער און געזוכט עפּעס מיט צעשראָקענע אויגן. ווען ער האָט אָבער געזען גיין פֿון דער ווײַטנס פּרעדזשען מיט אַ פֿאַרשטויבטן, בלייכן פּנים, האָט ער זיך צוריק אַרײַנגעשאַרט אין באַראַק אַרײַן, זי זאָל עס נישט באַמערקן.

— IV —

איבערן לאַגער האָט זיך פּלוצעם אַראָפּגעלאָזט אַן עפּידעמיע, וואָס האָט ביז איצט נישט געהאַט צו זיך קיין גלײַכן. קיין סעלעקציעס זײַנען איבער די פּאָר וואָכן נישט פֿאָרגעקומען. דערפֿאַר אָבער האָט דער נאָרמאַלער טויט גענומען פֿאַרכאַפּן גאַנצע באַראַקן. דאָס זיבעטל איז געוואָרן ענג פֿאַר דער צאָל קראַנקע און מ׳האָט געמוזט שנעל אויפֿרוימען אַ גאַנצן באַראַק, פֿון די נײַע, און אַרײַנפּאַקן אַהין כמעט אַ פֿערטל פֿון גאַנצן לאַגער. מענטשן, וואָס זײַנען נאָך בײַ טאָג געגאַנגען צו דער אַרבעט, האָבן זיך פֿאַר נאַכט גענומען דרייען אין קרעמפּן און מ׳האָט זיי געמוזט אַוועקפֿירן אַהין. די צאָל אַרבעטער אין דער פֿאַבריק האָט גענומען אײַנשרומפּן. אין איינעם אַזאַ פֿאַרנאַכט האָט מען אַוועקגעטראָגן שלמה סטאַראָבינסקין. אויפֿן צווייטן טאָג איז אַוועקגעפֿאַלן דער קרעפּטיקער און לוסטיקער ברוך שאַפּיראָ. פֿון מעכעלעס באַראַק איז פֿאַרשוווּנדן דער הויכער קעסטנבערג און מיט אים צוזאַמען נאָך עטלעכע מענטשן, וואָס קיינער האָט זייער נאָמען נישט געוווּסט. הונדערטער מענטשן האָט מען דאָרט צוזאַמענגעקוועטשט אין די צווי באַראַקצימערן. יעדן טאָג האָט מען אַרויסגעטראָגן פֿון דאָרט די טויטע און פֿאַרלייגט זייער פּלאַץ מיט אַנדערע.

ווען מעכעלע איז אַרײַנגעגאַנגען אַ מאָל מיט שאַפּיראָן צו סטאַראָבינסקין, האָט ער באַמערקט אַ פּאָר גרויסע אויגן קוקן אויף אים. ער האָט אים קוים דערקענט. דאָס איז געווען דער, וואָס האָט זיך אויסגערופֿן אין לאַגער אַלס סאָקאָלאָווער רבי. נעבן אים איז געלעגן אַ קיעלצער ייִנגל, וואָס האָט די גאַנצע צײַט זיך געהיטן פֿון טרפֿות. דאָס קיעלצער בחורל האָט דאָ געהאַט נאָר איין זאָרג: מען זאָל אים ברענגען תּפֿילין. ווען איינער האָט אים זיי שוין בײַ־ זאָרגט, האָט ער געהאַט צער דערפֿון, וואָס אינעם באַראַק טאָר מען זיי נישט לייגן, ווײַל ער איז פֿול געווען מיט אומריינקייט... איז ער טאַקע יעדן פֿרימאָרגן אַראָפּגעקראָכן מיט זײַנע שטעקעלעך־ פּיס פֿון געלעגער און אַרויס אויף דער צווייטער זײַט שוועל. ער האָט שוין אַליין נישט געקענט אַרומוויקלען די רצועות — ס'האָבן פֿאַרפֿעלט כּוחות... האָט אים צוגעהאָלפֿן דער בייזער משרת פֿון שפּיטאָל, כאָטש ער האָט דערבײַ געשריגן אויף אים, אַז ער ברענגט זיך אום און אַז נאָר הײַנט העלפֿט ער אים, דאָס לעצטע מאָל...

דאָס ייִנגל האָט אויך זיך אָנגעשטרענגט מיט אַ פֿרומער מצוה־ תּנועה אויפֿן פּנים צו דערלאַנגען אַלע מאָל אַ ביסל וואַסער דעם סאָקאָלאָווער. דער סאָקאָלאָווער איז אָבער שוין געווען פֿאַרטראָגן אין אַנדערע מחשבֿות. ער האָט שוין גאָר נישט באַנומען, וואָס מיט אים קומט־פֿאָר. זײַן קול איז געוואָרן טרוקן און הייזעריק, דאָס פּנים אײַנגעצויגן געוואָרן און די געלקייט פֿון פּיקרין האָט זיך נאָך מער אָנגעזען. ער האָט אָבער געהאַלטן אין איין שרײַען פֿאַרטראָגן, מיט די לעצטע כּוחות, מען זאָל אים אַוועקנעמען פֿון דאַנעט, אויפֿרודערן אַ וועלט, ווײַל אָן אים וועט שוין קיין איין „גוטער ייִד" אויף דער וועלט נישט בלײַבן... אין מיטן דער קראַנקער בהלה האָט אים קיינער נישט געהערט, אויסער זײַן פֿרו־ מער שכן, וועלכער האָט אים דרך־ארצדיק אויסגעהערט און אים געהאָלפֿן בײַ אַלע מענטשלעכע געברויכן. זײַן פּנים האָט זיך דערבײַ געלײַטערט, ווי בײַ אַ הייליקער עבֿודה. מעכעלע האָט זיך אויף

אַ ווײַלע פֿאַרהאַלטן און זיך באַלד אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, נעבן זייער נידעריק בעטל.

דאָס בחורל האָט געגערעדט רויִק, געלאַסן. ער איז געווען אַ יונג בית־המדרש־ייִנגל, ווען די וויסטע מהומה האָט אים פֿאַר־כאַפּט. נאָך הײַנט דרייט ער זיך אַרום און חזרט־איבער די בלעטלעך גמרא, וואָס ער האָט אַמאָל געלערנט אויסנווייניק. ער שרעקט זיך פֿאַר גאָר נישט: וואָס איז? דאָס שטיקל גוף זאָל אים אַ שאָד זײַן? עט... יאָ, אַ שאָד איז: ער האָט זיך געגעבן אַמאָל אַ נדר מקיים צו זײַן אַלע תרי״ג מצוות. ער האָט זיך אַפֿילו פֿאַרצייכנט אין אַ פּנקסל, וועלכע ער האָט שוין געטאָן און וועלכע נאָך נישט... און דער חשבון איז נאָך אַ גרויסער... נאָר וואָס צו ענטפֿערן „דאָרטן" וויסט ער שוין. ער האָט געקלערט און געקלערט וועגן דעם, ביז ער האָט עס זיך קלאָר געמאַכט. בפֿירושע גמרות פֿאַראַן דערויף. ער וועט עס באַווײַזן. איצט חזרט ער טאַקע די דאָזיקע שטעלן, ווי ווײַט ער געדענקט נאָר, זיי זאָלן אים נישט פֿאַרלוירן גיין בעת יענער שרעק, פֿאַר דעם משפּט...

דער סאָקאָלאָווער האָט אָבער געהאַט אַ שטאַרקן ווילן צום לעבן. ער האָט געשאָטן מיט פֿײַערדיקע רייד, געראַנגלט זיך מיט דער אָפּשוואַכונג און יעדעס ביינדעלע האָט זיך געוואָרפֿן פֿון דער שרעק פֿאַרן אויסגיין. די היץ זײַנע האָט אים צערודערט, געוואָרפֿן און אָפּגעטריבן דעם טויט יעדן טאָג פֿון זיך. ווען אַלץ אין אים איז שוין מיד געוואָרן, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אין די פּסוקים, וואָס האָבן אים געדאַרפֿט אַרײַנבלאָזן נײַע כוחות. זײַן קול האָט זיך דאַן געריסן איבער דעם גאַנצן באַראַק און ס'איז אים נישט מעגלעך געווען אײַנצושטילן:

— לא אָמות!!! כי אחיה! ואספר...

יעדעס וואָרט איז בײַ אים אַרויסגעקומען מיט אַ ביגונדיקן, דבֿיקותדיקן בריל, וואָס האָט אויפֿגעטרייסלט... ער האָט מעכעלען אָנגעקוקט מיט זײַנע גרויסע, פֿון היץ מטורפֿע בליקן און אויף אים געשאָטן זײַנע בריִענדיקע רייד, ווי אָנגעצונדענע שטיקער שוועבל...

אָבער פֿון אַלע זײַטן האָט מען מעכעלען געצויגן, גערופֿן צו זיך. יעדער איינער קראַנקער האָט געבענקט דערצו, אַז אַ געזונטער זאָל צוקומען צו זײַן בעטל... דאָס האָט זיי אפֿשר געבראַכט די אילוזיע, אַז דאָ איז מען גלאַט קראַנק, די וועלט איז ווי אַמאָל און מענטשן קומען מבֿקר חולה זײַן... האָט ער זיך געדרייט צווישן די פֿאַרלײַזיקטע סקעלעטן, אײַנגעזויגן אין זיך ימים מיט קראַנקע, צעפּלאָנטערטע רייד און קלוג־קלאָרע צוואות, דערציילונגען און ווידויים. זײַנען אים ביסלעכווײַז אַלע חולאים געוואָרן נאָענט און באַקאַנט. די איינציקע צוויי, וואָס האָבן געהאַט, ווער עס זאָל צו זיי קומען, זײַנען געווען שאַפּיראָ און סטאַראָבינסקי. פֿון אַלע זײַטן האָט מען זיי געבראַכט פֿאַרשיידענע זאַכן און מ׳האָט זיי צוגעהיט. שאַפּיראָ האָט זיך אַפֿילו אויפֿגעזעצט, געשמייכלט און נאָך געקלערט, ווי אַזוי ער וועט זיך נעמען מיט פֿרישע כּוחות צום לעבן. ער איז אָבער פּלוצעם אָפּגעשטאָרבן שטיל, מיט זײַן גײַסטיק און האָפֿערדיק שמייכעלע, וואָס איז אים נאָך געבליבן, נאָך אַלעמען, אויף די ליפּן און קליינע וואָנצעלעך... זײַן בעטל־שכן און פֿרײַנד, סטאַראָבינסקי, האָט באַלד נישט געהאַט קיין חשק זיך צו ווערן קעגן טויט. ער איז געלעגן און מיט קלאָרע געדאַנקען אַלץ צוגעזען און צוגעהערט. ווען מען האָט אים עפּעס אַרײַנגעבראַכט, האָט ער ביטולדיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. ער איז נאָר געוואָרן באַרײדעוודיקער. האָט ער גענומען דערציילן פֿון זײַן פֿריִערדיק לעבן, זיך אינטערעסירט מיט דעם וואָס עס קומט־פֿאָר אויף דער וועלט און מיט באַרעכנט־קייט אָפּגעוואַרט דעם סוף. נאָר ווען שאַפּיראָ איז געשטאָרבן, האָט ער צוגעמאַכט די אויגן און צוריק געוואָרן שווײַגעוודיק. זײַנע אויגן האָבן זיך ווידער אַוועקגעצויגן ווײַטער פֿון זײַן גוף און פֿון באַראַק־צימערל, ווי ער וואָלט וועלן זיך מיטרײַסן וואָס־שנעלער אין עפּעס אַ ווײַטן „אַהין" — צו וועלכן די כּוחות גייען־אויס פֿון בענקשאַפֿט. אויך דאָס אויסגיין איז בײַ אים צוגעגאַנגען רויִק, אָן אַ געשריי און אָן אַ פּיפּס...

זיי ביידע האָט מען געמאַכט לוויות, ביז צום קאָסטן נעבן דעם

קלאָזעט. אַ מנין פֿרײַנד האָבן זיך אַרומגעשטעלט. עמעץ האָט עפּעס געוואָלט זאָגן און איבערגעריסן אין מיטן. האָט אינזשעניר באַרטמאַן נאָר אויסגעזוכט אַ קליין פֿלעשעלע און מעכעלע האָט מיט כּתיבֿה־שריפֿט אויסגעקינצלט דעם נאָמען אויף פּאַפּיר. דאָס האָט מען צוגעבונדן בגנבֿה צו סטאַראָבינסקיס אויסגעדאַרטער האַנט. טאָמער וועט עמעץ אַ מאָל גראָבן אין דער ערד, אַרום סקאַרזשיסקאָ, און אָנטרעפֿן זיך אויף מענטשלעכע ביינער, זאָל ער כאָטש וויסן דעם נאָמען פֿון איינעם, וואָס האָט דאָ אַמאָל געלעבט. דערנאָך האָט מען אַרויפֿגעלייגט דעם גוף אויפֿן גאַנצן באַרג טויטע און דער בעל־עגלה האָט אַ שמיץ געטאָן די פֿערד...

— V —

די קאָמענדאַנטין האָט געוווּסט, וואָס זי זאָגט. ווי נאָר די עפּידעמיע האָט זיך אָנגעהויבן, האָט זי בײַ צײַטנס געוואָרנט:

— די דײַטשן וועלן נישט דערלאָזן... אַכט הונדערט מענטשן פֿעלן אין פֿאַבריק און דאָך גיט מען פֿאַר זיי ברויט, ווי פֿאַר לעבעדיקע! איך וועל דאָ גאָר נישט קענען העלפֿן. עס וועט געשען, ווי שטענדיק אין אַזאַ פֿאַל. איך ווייס שוין אויך, אַז אין צוויי וואָכן אַרום קומט־אָן אַ גרויסער טראַנספּאָרט פֿון טויזנטער מענטשן... קענען זיי ווידער מאַכן די אַלטע קונץ און איך טאָר דערבײַ נישט זאָגן קיין וואָרט...

טאַקע אַ פּאָר טעג נאָך סטאַראָבינסקיס טויט זײַנען אַרײַנגעפֿאָרן די גרויסע לאַסטאויטאָס אין לאַגער אַרײַן. די קאָמענדאַנטין מיט עטלעכע פּאָליצײַ האָבן צוגעפֿירט די ווערקשוץ מיט די פּאָר דײַטשן ביז צום באַראַק פֿון די קראַנקע. אין איין האַלבער שעה האָט מען אַלעמען אַרויסגעטריבן און אַרויפֿגעזעצט אויף די וואָגנס. עס איז גראָד געווען פֿאַר מיטאָג. ווער עס האָט געקענט, איז אַליין אַרויפֿגעקראָכן. צו די, וואָס האָבן זיך נישט געקענט רירן פֿון די געלעגערס, האָט די פּאָליצײַ געמוזט כאַפּן עטלעכע ייִדן, מען זאָל זיי אַרויסטראָגן.

אין לאַגער איז דאָס מאָל געווען שטיל. די מענטשן פֿון דער נאַכטשיכט האָבן זיך באַהאַלטן אין די באַראַקן און נישט געוואָלט ווײַזן זיך אין די אויגן מיט זייער חושכדיק געשטאַלט. מען האָט געשמועסט, אַז עס וועט פֿאַרפֿעלן צום קאָנטינגענט. אין דער שפּיץ פֿון די געסלעך זײַנען געשטאַנען קליינע גרופּקעלעך פּאָליציי, וואָס זײַנען געווען אויסערן דינסט, און געשמועסט צווישן זיך פֿון פֿאַרשיידענע זאַכן. זיי האָבן אַפֿילו אײַנגעהאַלטן עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן געמוזט ערגעץ בײַטיק גיין און זיי נישט געלאָזט צוריק אין באַראַק. דאָס האָט דער וואַכפֿירער שומאַן אויסגעדריקט זײַן כּעס, פֿאַר וואָס דאָ איז פּלוצעם אַזוי טויט, אַזוי ווי אַלע וואָלטן אויסגעשטאָרבן... האָבן זיי באַקומען אַ באַפֿעל צו מאַכן צוריק אַ נאָרמאַלע באַוועגונג. אַ פּאָליציאַנט איז אַפֿילו געקומען אויסזוכן מעכעלען, מיט אַ באַפֿעל פֿון ווײַזנבערגן, אַז ער זאָל גיין צונעמען דאָס מיסט פֿון לאַגער. מעכעלע האָט געמוזט נעמען די אײַזערנע וואַגאָנעטקע און מיט איר זיך אַרויפֿרוקן צום שפּיץ לאַגער, נעבן שפּיטאָל. דאָס האָט דער וואַכפֿירער געדאַרפֿט זען, אַז די אַרבעט גייט נאָרמאַל. באַלד האָט מען אַרויסגעטריבן נאָך אַ גרופּע ייִדן, וואָס האָבן דערווײַל געמוזט טראָגן די ברעטער פֿון די באַראַקן.

אַקעגנאיבער האָט מען שוין געהאַלטן בײַם פֿאַרענדיקן דאָס אַרויפֿלאָדן די מענטשן. די קאָמענדאַנטין איז געשטאַנען שטיל און מיט איר גומענעם שטעקן אָנגעוויזן, אַז עס זאָל זײַן פּלאַץ פֿאַר אַלעמען. מעכעלע איז געשטאַנען פֿון ווײַטנס, געשאַרט מיט דעם שווערן שויפֿל אין די בערגלעך שמוץ און זיך אײַנגעהערט אַלץ, וואָס מען קען נאָר פֿון דאָרט דערהערן. אָבער די קראַנקע אַליין האָבן נישט געשריגן, אַפֿילו נישט געוויינט. ערשט בײַם סאַמע סוף האָט אַ גוואַלד אויפֿגעריסן די לופֿט. דאָס האָט דער סאָקאָלאָווער זיך באַהאַלטן אונטער אַ בעט און איז אַנטדעקט געוואָרן אין דער לעצטער מינוט. די פּאָליציי האָט אים געוואָלט שלאָגן, צו באַווײַזן די שומרים, אַז זיי האַלטן אָרדענונג. אָבער שומאַן האָט זי געגעבן אַ צייכן ניט צו שלאָגן:

— ער גייט שוין סײַ־ווי... זאָל ער זײַן רויִק!

אָבער דער סאָקאָלאָווער האָט שוין געהאַלטן בײַ אַן אַנדער מין שרײַען, וואָס האָט גאָר נישט געהאַט קיין שײַכות מיט די דראָונגען. דאָס האָט ער געדאַרפט אַרויסוואַרפן פון זיך דעם לעצטן כּוח זײַנעם און דאָס לעצטע ברעקל דראַנג צום לעבן. איז ער נאָך געשטאַנען אײַנגעפּרעסט צווישן אַלע אײַנגעשוויגענע און זײַן קול האָט זיך געריסן צו יענער זײַט דראָטן, ווי ער וואָלט דאָ געווען אַלעמענס שרײַעוודיקער שליח־ציבור. ערשט אַן אַרויפגעשפּרונגענער ווערקשוץ האָט אים שטיל געמאַכט מיט אַ קאָלבעקלאַפּ איבערן קאָפּ.

פון ווײַטנס האָט מען נאָך געהערט, ווי שומאַן טרייסט מיט עפּעס די קאָמענדאַנטין:

— די צווייטע וואָך ברענגט מען שוין אַנדערע... אַ פּאָר טויזנט... יענע זײַנען אַלע געזונט... מען מוז מאַכן פּלאַץ פאַר זיי...

די וואַרקאָוויטשין האָט זיך געמאַכט נישט־וויסנדיק און מיט אַ געלאַסן קול אים איבערגעפרעגט:

— און וווהין פירט מען זיי, הער וואַכפירער?!

שומאַנס הייזעריק קול האָט אָפּגעענטפערט גלײַכגילטיק:

— צו דער קיך...

באַלד האָבן זיך די לאַסטאויטאָס צערעוועט און גענומען שלעפּן 180 מענטשן צו יענער זײַט טויער און צו דער אַנדערער זײַט לעבן. פון דער מחנה אַרויס האָט זיך גענומען הערן דעם סאָקאָלאָווערס באַנײַטער פּישטש, וואָס האָט זיך באַלד צוזאַמענגעגאָסן און פאַרלוירן געגאַנגען מיט דעם אויפגעוואַכטן געשריי פון דער גאַנצער עדה. מעכעלע האָט פאַרלוירן דעם געדאַנק. דער שויפל איז אים אַרויסגעפאַלן פון האַנט. ער איז געבליבן שטיין פאַרגליווערט און מיט משוגענע אויגן נאָכגעקוקט די אויטאָס, וואָס האַקן זיך אַדורך אַ וועג צווישן די צוויי שורות באַראַקן...

— VI —

יענעם טאָג האָט אָבער די פֿאַבריק פֿון ווערק צע געקענט זען אַ בילד, וואָס קיין מענטשלעכער מוח איז זיך נישט מסוגל אויס־צוקלערן.

אויף די לאַסטאויטאָס האָט מען אַרויפֿגעזעצט אַלעקן, מלבלען, קאַצן און נאָך עטלעכע פֿאָליציי. זיי האָבן געדאַרפֿט העלפֿן בײַם האַלטן אָרדענונג צווישן די געפֿירטע צום דערשיסן. ווי נאָר דער אויטאָ האָט זיך אַרויסגערירט פֿון טויער, זײַנען אַלע צוריק שטיל געוואָרן. כּל־זמן זיי זײַנען געווען אינעם שטח פֿון לאַגער, האָט נאָך דער לעבנס־אינסטינקט געשפּירט אַ שטיקל האָפֿענונג און אַרויס־געשריגן, כאָטש דער געדאַנק איז שוין געווען פֿאַראַליזירט. אינע־ווייניק זײַנען דאָ נאָך ייִדן, וואָס לעבן דערווײַל... קען נאָך פּאַסירן אַ נס און מען קען נאָך אין איין רגע צוריק ווערן ווי אַלע אַנדערע דאָ. ווי נאָר דער טויער האָט זיך צוגעשלאָסן הינטער זיי, איז שוין די האָפֿענונג אויסגעלאָשן. האָבן אַלע צוריק באַקומען די גלײַכ־גילטיקע רו פֿון רעזיגנירן. טייל האָבן אַפֿילו אָנגעהויבן צוריק צו טראַכטן מיט שׂכל און געפֿונען אַ טרייסט דורך שלום מאַכן מיטן גורל. איין פּאָליציאַנט, וואָס איז געזעסן אויף איינעם פֿון די אויטאָס, האָט שפּעטער דערציילט מעכעלען זײַן שמועס מיט איינעם פֿון די קראַנקע. יענער האָט גאָר אין דעם געזען אַ גוטע זאַך. ער האָט עס אים געגעבן צו פֿאַרשטיין מיטן שׂכל:

— סײַ־ווי בין איך באַשטימט צום טויט. ווען נישט דאָס, וואָלט איך זיך געמאַטערט דאָרט און וואָלט געשטאָרבן אין דער שטינקערײַ. דערנאָך וואָלט מען מיך אַרײַנגעשלײַדערט און איך וואָלט גאָר נישט געזען און געהערט... אַזוי בין איך ביז דער לעצטער מינוט מיט אָפֿענע אויגן. ביז צום סוף וועל איך אַלץ זען און הערן. איך וועל אַפֿילו פֿריִער אָנקוקן מײַן אייגענעם קבֿר, שפּירן די לעצטע רגעס פֿון לעבן אויף דער פֿרײַער לופֿט, מיט אַן אָפֿן מויל און לעבעדיקע חושים. איך ווייס, אַז איר קוקט אויף מיר מיט אַ געפֿיל, אַז דאָס רעדט אַ משוגענער. איך אָבער ווייס

שוין יאָ, וואָס איך זאָג. איך האָב גענוג געטראַכט וועגן דעם. דערפֿאַר פֿאַרשטיי איך מײַנע ווערטער. איר אָבער זענט נאָך איצט נישט מסוגל זיי צו פֿאַרשטיין...

ווען די צוויי מאַשינען זײַנען געקומען אויפֿן מיטן שטח פֿון דער פֿאַבריק, האָט שומאַן זיי געהייסן זיך אָפּשטעלן. קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס דאָס באַטײַט. נאָך גרעסער איז געווען די פֿאַרוווּנדערונג, ווען ער האָט געהייסן אַראָפּטרײַבן אַלע מענטשן פֿון די מאַשינען... וואָס קומט דאָ פֿאָר? איז ער משוגע געוואָרן? אָדער אפֿשר איז דאָך איין מאָל געשען אַ גרויסער נס? עמעצער פֿון דער מחנה האָט גענומען שרײַען פֿריידיקווילד און נאָך אים האָבן אַנדערע זיך גענומען פֿאַרגיין אין עקזאַלטירטע געשרייען. געציילטע זײַנען אַראָפּגעשפּרונגען און געוואָלט פֿאַלן צו שומאַנס פֿיס און זיי קושן פֿאַר גדולה... דער גרעסטער טייל איז אָבער געבליבן צעחושט און אַן פֿאַרשטאַנד געוואַרט ביז מען וועט זיי אַראָפּרײַסן מיט כּוח...

דאָס איז פּונקט געווען נעבן דער זעקסטער האַלע און דער קיך. שומאַן האָט געהייסן די גאַנצע גרופּע זיך אויסשטעלן אין דער ריי. נעבן דער קיך. זײַן קול איז געווען קאַלט און טרוקן, ווי שטענדיק:

— עס איז פֿאַר מיטאָג. איצט זײַנען נאָך די מענטשן הונגעריק און דעם הײַנטיקן טאָג זײַנען זיי נאָך צוגעשריבן צום חשבון... מוז מען זיי אָפּגעבן דאָס, וואָס זיי קומט נאָך...

און פֿון אַלע זײַטן האָבן זיך הונדערטער פּאָליאַקן פֿון די האַלעס און ווייניקע ייִדן צוגעקוקט, ווי מען טיילט־אויס טויטע מענטשן זייער חלק זופּ בײַ דער טיר פֿון דער קיך... דער פּינקטלעכער שומאַן האָט קיין ליגן נישט געזאָגט, ווען ער האָט געענטפֿערט דער קאָמענדאַנטין, אַז מען פֿירט זיי צו דער קיך...

די מענטשן האָבן זיך דערווײַל פֿאַרגעסן. ווען זיי האָבן דער־זען די קעסלען, פֿון וועלכע עס האָט זיך געטראָגן אַ קנויליקע פּאַרע, האָבן זיי זיך אַרײַנגעקוועטשט אין דער ריי און מיט הונגעריקן גיר

זיך געררוקט איינער נאָכן אַנדערן צו דעם קוכער מיטן טייללעפֿל אין האַנט... זיי האָבן זיך אַפֿילו געשטויסן, געזופּט מיט אַ קרעכץ דאָס קאָכיקע קלעפּעכץ פֿון די זשאַווער־שאַכטלען און געוואַרט אויף נאָך...

בײַ שומאַנען איז אָבער די צײַט ענג געוואָרן. האָט ער געגעבן אַ באַפֿעל און שוין האָט מען זיי גענומען אַרויפֿוואַרפֿן צוריק. טייל האָבן נאָך בײַם קריכן אויף דער מאַשין נישט אַרויסגעלאָזט דאָס בלעכל פֿון האַנט... ערשט ווען די טרומייטערן האָבן געגעבן דעם לעצטן סיגנאַל און די געפּראָפּטע כּלים האָבן אַ ריר געטאָן, האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ שוידערלעך געשריי, וואָס האָט געשפּאָלטן די וועלט... איצט האָבן זיי געשריגן ווי נאָר־וואָס־פֿאַרמשפּטע פֿון דאָס נײַ...

דאָס ערשטע מאָל און דאָס איינציקע מאָל האָבן דעמאָלט אַפֿילו דײַטשישע מײַסטערס אָװעקגעדרייט די אויגן און אַ סך פּאָליאַקן האָבן זיך צעוויינט... דאָס האָט אָמער געדויערט געציילטע סעקונ־דעס. באַלד זײַנען די צוויי געפּאַקטע מאַשיניקע טײַוולאָנים פֿאַר־שווונדן פֿון אויג און איבערגעלאָזט נאָך זיך וואָלקנס מיט שטויב.

אין לאַגער איז אָבער צוריק רויִק געוואָרן. די קאָמענדאַנטין איז אַרומגעגאַנגען תּיכּף נאָך דעם און געשריגן, מיטן זעלביקן קול ווי תּמיד, פֿאַר וואָס דאָ איז שמוציק אין יעדן ווינקל. קויפֿמאַנס וואָגן איז ווידער אַרײַנגעפֿאָרן מיט רעש און געפּילדער און ווי יעדן טאָג האָבן זיך אויף הײַנט אַרומגעשטעלט הונדערטער מענטשן וואַרטן. בלויז אין דער לופֿט האָט געפֿעלט דאָס געשריי פֿון סאָקאָ־לאָווער, וואָס האָט דאָ עטלעכע חדשים געפּלאַטערט אַרום דעם וואָגן.

יצחק קאַצענעלסאָן

# צו די הימלען

## פֿון בוך „דאָס ליד פֿון אויסגעהרגעטן יידישן פֿאָלק"

...הימלען, זאָגט, פֿאַר וואָס? אָ, זאָגט, פֿאַר ווען?
פֿאַר וואָס קומט עס אונדז אַזוי פֿאַרשעמט צו ווערן אויף דער
גרויסער ערד!
די ערד, טויבשטום, האָט ווי פֿאַרמאַכט די אויגן... איר הימלען
אָבער, איר האָט דאָך געזען,
איר האָט זיך צוגעקוקט פֿון אין דער הויך, פֿון אויבן, און ניט
איבער זיך געקערט!

ניט פֿאַרוואָלקנט האָט זיך אײַער בילִיקע די בלוי און האָט ווי
שטענדיק פֿאָלק געשעמערירט.
די זון אין רויטן, ווי אַ תּליון גרויזאַם, האָט אין שטענדיקן
געקוילערט זיך אין קרײַז,
די לבֿנה, ווי אַן אַלטע הור, אַ זינדיקע, איז אין די נעכט אַרויס
אויף איר שפּאַציר,
און שטערן האָבן צוגעווונקען שמוציק, געפֿינקלט מיט די
אייגעלעך ווי מײַז.

אַוועקט! איך וויל אויף אײַך ניט קוקן, איך וויל ניט זען אײַך,
ניט וויסן פֿון אײַך מער!
אָ, הימלען פֿאַלשע! אָ, גענאַרערישע, נידעריקע הימלען אין דער
הויך, אַך, ווי מיר פֿאַרדריסט —
איך האָב אַמאָל געגלויבט אײַך, פֿאַרטרויט מײַן פֿרייד, מײַן
אומעט אײַך, מײַן שמייכל און מײַן טרער,
איר זענט ניט בעסער פֿון דער מיאוסער דער ערד, דער גרויסער
הויפֿן מיסט!

איך האָב געגלויבט אײַך, הימלען, באַזונגען אײַך אין מײַנע לידער
אַלע, אין יעדן מײַן געזאַנג —
איך האָב געהאַט אײַך ליב, ווי ליב מען האָט אַ פֿרוי, זי איז אַוועק,
צערונען ווי אַ שוים,
איך האָב די זון אין אײַך נאָך אין מײַן פֿריסטער יוגנט, די זון
אין פֿלאַמען פֿון איר אונטערגאַנג,
פֿאַרגליכן מיט מײַן האָפֿענונג „אַזוי פֿאַרגייט מײַן האָפֿענונג,
אַזוי פֿאַרלעשט מײַן טרוים!“

אַוועקט! אַוועקט! איר האָט אונדז אָפּגענאַרט, גענאַרט מײַן פֿאָלק,
געגאַרט מײַן אַלטן שטאַם!
פֿון אייביק אָן — איר נאַרט אונדז, איר האָט די אָבֿות מײַנע,
די נבֿיאים מײַנע נאָך גענאַרט!
צו אײַך, צו אײַך, — האָבן זיי די אויגן זייערע געהויבן,
אָנגעצונדן זיך אין אײַער פֿלאַם,
די טרײַסטע אײַערע אויף דר'ערד האָבן זיי אויף דר'ערד דאָ,
אין בענקשאַפֿט אײַך גענאַרט.

אײַך געוואָלט.. צו אײַך די ערשטע אויסגערופֿן: האַזינו!
פֿרײַער איר — פֿאַרנעמט,
און שפּעטער ערשט די ערד. אַזוי מײַן משה און אַזוי ישעיה,
מײַן ישעיה: שמעו — הערט!
און שומו! ירמיה שרײַט: שומו! ווער־זשע, אויב ניט איר? וואָס
האָט איר פּלוצלינג זיך אַזוי פֿאַרפֿרעמדט?
אָ, הימלען אָפֿענע, אָ, ליכטיקע, איר הימלען. אָ, הימלען־הויך,
איר זענט דאָך ווי די ערד.

איר קענט ניט, איר דערקענט אונדז שוין ניט מער, פֿאַר וואָס?
צי האָבן מיר זיך דען
אַזוי געביטן? אַזוי געענדערט זיך? מיר זײַנען דאָך די זעלביקע,
די ייִדן פֿון אַמאָל —

און בעסער נאָך אַ סך... ניט איך! ניט איך וויל צו מײַנע
נבֿיאים זיך פֿאַרגלײַכן, ניט איך קען,
נאָר די ייִדן אַלע, די צום טויט געפֿירטע, די מיליאָנען מײַנע
אויסגעהרגעטע דאָ מיט אַ מאָל —

זיי זײַנען בעסער נאָך, מער אויסגעליטן, אויסגעלײַטערט מער
אין גלות דאָ! אָ, וואָס באַטײַט
אַ ייִד אַ גרויסער, אַן אַמאָליקער, אַנטקעגן קליין אַן איצטיקן,
אַ פּשוטן, אַ דורכשניטלעכן ייִד
אין פּוילן, ליטע, אין וואָלין, אין יעדן גלות — פֿון יעדן ייִדן
קלאָגט און שרײַט
אַ ירמיה אַרויס, אַן איובֿ אין יסורים גרויס, אַ מלך אַן אַנטוישטער
מיט אַ קוהלת־ליד.

איר קענט ניט, איר דערקענט אונדז שוין ניט מער, ניט קיינער,
ווי מיר וואָלטן זיך פֿאַרשטעלט!
מיר זײַנען דאָך די זעלביקע, די ייִדן פֿון אַמאָל, מיר זינדיקן נאָך
אַלץ צו זיך אַליין,
מיר זאָגן־אָפּ זיך אַלץ נאָך פֿונעם אייגענעם פֿון גליק און ווילן
אַלץ נאָך ראַטעווען די וועלט, —
וואָס זענט איר בלוי אַזוי, איר הימלען בלוי, בײַ אונדזער
אויסגעהרגעט ווערן? וואָס זענט איר אַזוי שיין?

איך וועל ווי שאול, ווי מײַן קעניג, זיך אַוועקלאָזן אין מײַנע
פֿײַנען צו דער בעלת אובֿ,
איך וועל דעם וועג געפֿינען, דעם פֿאַרצווייפֿלטן, דעם וועג דעם
חושכדיקן קיין עין־דור,
און כ׳רוף פֿון דער ערד אַרויס אַלע מײַנע נבֿיאים און באַשווער
די אַלע: קוקט, אָ, קוקט־אַרויף,
צו אײַערע הימלען־העל און שפּײַט אין פּנים זיי: צו אַלדי
שוואַרצע יאָר אײַך! צו אַלדי שוואַרצע יאָר!

איר האָט זיך, הימלען, צוגעקוקט פֿון אויבן, ווי מען האָט די
קינדער פֿון מײַן פֿאָלק געפֿירט
איבער וואַסערן, אויף באַנען און צו פֿוס, אין טעג אין העלע
און אין פֿינצטערע אין נעכט, צום טויט.
מיליאָנען קינדער האָבן בײַם דערהרגעט ווערן הענט צו אײַך
געהויבן — ס׳האָט אײַך ניט גערירט,
מיליאָנען מאַמעס אידעלע און טאַטעס — ניט פֿאַרציטערט האָט
אויף אײַך די בלויע הויט...

איר האָט געזען די יאָמעלעך[1], עלפֿיעריקע, אַליין די פֿרייד!
אַ פֿרייד, אַ גוטסקייט בלויז,
און די בנציונלעך, די יונגע גאונים, די ערנסטע, די זוכער...
אָ, טרייסט פֿון אַלץ וואָס לעבט!
איר האָט געזען די חנהס, וואָס האָבן זיי געהאַט, וואָס האָבן זיי
פֿאַר גאָט געהייליקט אין זײַן הויז,
איר האָט זיך צוגעקוקט... איר האָט קיין גאָט אין זיך ניט,
הימלען! הימלען! גאָרנישט, הימלען, אויסגעוועבט!

איר האָט קיין גאָט אין זיך ניט! עפֿנט־אויף די טויערן, איר
הימלען, עפֿנט־אויף זיי ברייט!
און לאָזט די קינדער אַלע פֿון מײַן אויסגעהרגעטן, פֿון פֿאַרפֿײַניקטן
מײַן פֿאָלק אַרײַן,
עפֿנט־אויף זיי צו דער גרויסער הימלפֿאַרט, גאַנץ אַ פֿאָלק
געקרייציקט שווער אין לייד
דאַרף אין אײַך אַרײַן... אָ, יעדער פֿון די קינדער מײַנע
אומגעבראַכט, קען אַ גאָט זיי זײַן!

אָ, הימלען אויסגעליידיקטע און וויסטע, הימלען ווי אַ מדבר
ווײַט און וויסט, איך האָב
מײַן איינציקן, מײַן גאָט, און אײַך פֿאַרלוירן, און זיי איז ווייניק
האָבן אין אײַך דרײַ —

דער ייִדישער, דער גאָט, זײַן גײַסט און דער גליל־ייִד פֿון זיי
גערהאַנגען איז זיי קנאַפּ,
זיי האָבן אַלע אונדז אין הימל אָפּגעשיקט — אָ, עקלדיקע און
געמיינע געטער־דינערײַ!

פֿרייט זיך, הימלען, פֿרייט זיך! — איר זענט געווען אָרעם,
איצט זענט איר רײַך,
אַ געבענטשטער אַזאַ שניט — גאַנץ, גאַנץ אַ פֿאָלק, אַזאַ אַ גליק
איז, הימלען, אײַך באַשערט!
פֿרייט זיך, הימלען אויבן, מיט די דײַטשן, און די דײַטשן אונטן
זאָלן פֿרייען זיך מיט אײַך,
און זאָל אַ פֿײַער פֿון דער ערד אויף אײַך אַרויסייגן און אַ פֿײַער
זאָל צעפּלאַקערן פֿון אײַך זיך אויף דער ערד!

23־26 נאָוועמבער 1943

אליעזר וויזל

# ...און די וועלט האָט געשוויגן

פראַגמענטן

## טעג פֿון פּײַן

דער לאַגער האָט אויסגעזען ווי נאָך אַ מגפֿה: ליידיק. בלויז אַ פּאָר עלעגאַנט־געקליידטע העפּטלינגען[1] האָבן שפּאַצירט פֿון איין בלאָק צום צווייטן.

קודם־כּל האָט מען אונדז געפֿירט אין באָד. די אַלטע לאַגער־טראַגעדיע. אויך אין גיהנום קומט מען נישט אָן טבֿילה.

---

[1] קאַצעטלערס.

אין באָדזאַל האָט אונדז באַזוכט דער לאַגער־עלטסטער. אַ הויכער, פֿעסט־געבויטער מאַן, אַ ריז, מיט ברייטע פּלייצעס, אַ ברייט מויל, אַ געזונטן קאַרק און גרויע, געקרײַזלטע האָר. דער ערשטער אײַנדרוק: אַ גוטער מאַן. אַ שטיפֿערישער שמייכל האָט פֿון צײַט צו צײַט זיך אָנגעצונדן אין די בלויגרויע אויגן זײַנע. אַ מענטש מיט אַזעלכע קלאָרע אויגן קען נישט זײַן קיין שלעכטער — האָב איך געטראַכט.

אין אונדזער טראַנספּאָרט האָבן זיך געפֿונען אַ פּאָר קינדער. צעניאָריקע, צוועלפֿיאָריקע קינדער. דער לאַגער־עלטסטער האָט זיך פֿאַראינטערעסירט מיט זיי, געשפּאַסט און געהייסן ברענגען עפּעס צו פֿאַרבײַסן.

נאָך דער באָד האָבן מיר באַקומען ריינע קליידער און דאַן האָט מען אונדז צוגעפֿירט צו צוויי צעלטן. דאָרט וועלן מיר וווינען ביז מ׳וועט אונדז פֿאַרטיילן אין אַרבעט־קאָמאַנדאָס. דאַן וועלן מיר אַריבערגיין אין אַ בלאָק.

אין אונדזער צעלט, נומער איינס, האָט געהערשט אַ מוראדיקע היץ. אַפֿילו אָטעמען איז כמעט אוממעגלעך געווען. פֿון פּרוון שלאָפֿן האָט קיין רייד נישט געקענט זײַן. ווי וועל איך דאָס אויסהאַלטן? — האָב איך זיך געפֿרעגט. אָבער נאָכן זון־אונטערגאַנג איז אַ ביסל קילער געוואָרן אין דרויסן און אויך אין צעלט. אין צווישן זײַנען די אַרבעט־קאָמאַנדאָס צוריקגעקומען פֿון דער אַרבעט. אַפּעל. מ׳זוכט באַקאַנטע. מ׳כאַפּט שמועסן דאָ און דאָרט. געפֿונען ווי אין אוישוויץ. מ׳פֿרעגט זיך נאָך, וועלכע קאָמאַנדאָ איז אַ גוטע, וועלכע אַ שלעכטע, אין וועלכן בלאָק ס׳איז כדאַי זיך אַרײַנצובאַקומען, און אַזוי ווײַטער, און אַזוי ווײַטער.

— בונא — האָבן אַלטע העפֿטלינגען דערציילט — איז אַ גאַנץ־גוטער לאַגער. נישט ווי בירקענאַו. די אַרבעט איז טאַקע אַ שווערע, אָבער — מ׳קען אויסהאַלטן. דער עיקר: נישט אַרײַנפֿאַלן אין אַ בוי־קאָמאַנדאָ...

גלײַך מ׳קען עפּעס טאָן קעגן אַזאַ עווענטואַליטעט. גלײַך נישט אַן אַנדער באַשליסט װעגן אונדזער גורל, נאָר טאַקע מיר אַלײן.

*

די קינדער צװישן אונדז האָבן נושא־חן געװען בײַם צעלט־עלטסטן.

אַ מאָדנער טיפּ איז ער געװען, דער צעלטעלטסטער. אַ דײַטש. אַ מערדער־פּנים מיט גראָבע, פֿלײשיקע ליפּן און לאַפּעס פֿון אַ װאָלף. זײַן גאַנץ װעזן האָט דערמאָנט אַ װאָלף און ספּעציעל װען איר האָט אים געזען אַרומגײן אין צעלט. פֿון לאַגער־עסן איז ער געװען אומנאָרמאַל־דיק. קוים װאָס ער האָט זיך גערירט. ער איז נישט געװען קײן דורכױס שלעכטער פּאַרשױן. אָבער האָט עמעצער אים אױפֿגערעגט, האָט ער אים ממש די בײנער צעבראָכן.

קינדער האָט ער ליב געהאַט. תּיכּף נאָך אונדזער אָנקומען האָט ער זײ געבראַכט ברױט, זופּ און מאַרגאַרין.

האָב איך זיך געװוּנדערט: װי קומט עס? אַזאַ מענטשלעכע באַצי:ונג צו קינדער אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער? דעמאָלט האָב איך נאָך נישט געװוּסט װעגן שענדלעכן קינדער־מסחר, װעגן דער שוידערלעכער האָמאָסעקסואַליטעט, װאָס בליט אין יעדן לאַגער און אויך אין בונא. װעגן דעם האָב איך זיך דערװוּסט ערשט שפּעטער.

דער צעלטעלטסטער האָט אונדז געמאָלדן:

— איר בלײַבט בײַ מיר דרײַ טעג. קװאַראַנטין. דערנאָך גײט איר אַרױס צו דער אַרבעט. מאָרגן — אַרצטלעכע [2] אונטערזוכונג.

אײנער פֿון זײַנע געהילפֿן — אַן אַלט קינד מיט רוצחישע אײ־געלעך און אַ סאַדיסטיש געשפּרענקלט פּנים — קומט־צו צו מיר:

— װילסט אַרײַנפֿאַלן אין אַ גוטער קאָמאַנדאָ?

— יאָ — ענטפֿער איך אים — אָבער מיט אײן באַדינג: צו־זאַמען מיטן טאַטן...

---

[2] מעדיצינישע.

— אין אָרדענונג! — זאָגט דער מאַכער — איך קען עס דערליידיקן. פֿאַר אַ גאָרנישט: דײַנע שיך. באַקומסט אַנדערע...

איך האָב זיך אָפּגעזאָגט. די שיך האָב איך געבראַכט פֿון דער היים. די איינציקע זאַך, וואָס איז מיר געבליבן פֿון אַמאָל. אַ נע־בעכדיקער אָנדענק. אָבער פֿאָרט אַן אָנדענק. די שיך זײַנען אין מײַנע אויגן אַ מין קוואַל מיט זכרונות.

— באַקומסט נאָך עפּעס: אַ פּאָרציע ברויט מיט אַ שטיק מאַר־גאַרין דערצו! — שלאָגט־פֿאָר דער קלײנער געהילף.

די שיך זײַנען באמת אים געפֿעלן געוואָרן. אָבער איך האָב זיך געהאַלטן בײַ מײַנעם. בײַ מײַנע שיך. און ביזן הײַנטיקן טאָג ווייס איך נישט, צי איך האָב גוט געהאַנדלט. די שיך האָט מען מיר שפּעטער סײַ ווי סײַ צוגענומען.

„אומזיסט פֿאַרלוירן אַ גוטע קאָמאַנדאָ, אַ פּאָרציע ברויט מיט מאַרגאַרין דערצו!

*

מעדיצינישע אונטערזוכונג. אונטערן פֿרײַען הימל. אין די פֿאַרמיטאָג־שעהן. דרײַ דאָקטוירים זיצן אויף אַ באַנק און מיר גייען צו צו זיי לויט דער ריי.

אַ קאָמעדיע. דער דאָקטער, פֿאַר וועלכן איך בין געשטאַנען, באַהאַנדלט מיך בכלל נישט. בלויז אַ פֿרעג געטאָן:

— ביסט געזונט?

דאָס איז אַלץ. ווער וועט עס וואַגן צו זאָגן, אַז מ׳איז קראַנק? בונאַ איז צו־נאָענט צו אוישוויץ און צו בירקענאַו...

דערפֿאַר איז אָבער דער צײנדאָקטער מער באַוווסטזיניק וועגן זײַן מיסיע. ער הייסט עפֿענען דאָס מויל ברייט־אָפֿן. ער זוכט נישט קיין שלעכטע ציין. עפּעס אַנדערש זוכט ער: גאָלד, גאָלדענע קאָ־ראָנעס. גאָלדענע ציין. עמעצער, וואָס פֿאַרמאָגט גאָלד אין מויל, מוז פֿאַרשרײַבן זײַן נומער. איך האָב געהאַט אַ גאָלדענע קאָראָנע.

די ערשטע דרײַ טעג זײַנען פֿאַרבײַ שנעל. אויפֿן פֿערטן טאָג, אין דער פֿרי, בעת מיר זײַנען געשטאַנען פֿאַרן צעלט נומער איינס,

זייַנען דערשינען אַ פּאָר קאַפּאָס און יעדער פֿון זיי האָט אויסגע־קליבן פֿאַר זיך די וואָס זייַנען אים געפֿעלן. מיר האָבן נושׂא־חן געווען ביי אַ יונגן קאַפּאָ. אפֿשר 18 יאָר אַלט געווען.

— דו... דו... דו... — האָט זייַן פֿינגער געטייַטלט אויף אַ צען מאַן. איר אַלע קומט מיט מיר.

אַלע צען — אייגענע. גוט. די גאַנצע צייַט זיך צוזאַמען גע־האַלטן, וועלן מיר בלייַבן צוזאַמען. געלויבט צו גאָט פֿאַר דעם.

דער קאַפּאָ גייט־פֿאָרויס. מיר גייען אים נאָך. אָפּגעשטעלט זיך בייַם אַרייַנגאַנג פֿון ערשטן באַראַק, נעבן לאַגער־טויער. דער אָר־קעסטער־בלאָק. דער קאַפּאָ — זייַן נאָמען: אידעק — האָט אונדז באַפֿוילן אַרייַנגיין. אַלגעמיינע איבעררעשונג: וואָס פֿאַר אַ שייַכות האָבן מיר מיט מוזיק?

דער אָרקעסטער שפּילט נאָך אַלץ. אַ מיליטער־מאַרש. תּמיד דעם זעלביקן. צענדליקער אַרבעט־קאָמאַנדאָס מאַרשירן־אַרויס דורכן טויער. לויט ריטעם. קאַפּאָס קאָמאַנדעווען: „לינקס! לינקס! לינקס, צוויי, דריי, פֿיר! לינקס!" ס.ס.־אָפֿיצירן האַלטן פֿעדער און פּאַפּיר אין האַנט. זיי ציילן, פֿאַרשרייבן וויפֿל העפֿטלינגען יעדע קאָמאַנדאָ פֿירט־אַרויס. דער אָרקעסטער שפּילט נאָך אַלץ. ביזן סוף. ביז די לעצטע קאָמאַנדאָ האָט פֿאַרלאָזט דעם לאַגער. און אַלץ דעם זעלביקן מאַרש. עס רייַצט־אויף די נערוון. אָט־אָט פּלאַצן זיי. אין צווישן ווייסן מיר ווייטער נישט צו וועלכער קאָמאַנדאָ מיר געהערן.

ענדלעך! די לעצטע קאָמאַנדאָ איז פֿאַרשוווּנדן אויף יענער זייַט טויער. דער קאַפּעלמייַסטער האָט אויפֿגעהערט דיריגירן. דער אָרקעסטער — צו שפּילן. אידעק, דער קאַפּאָ, צעשרייַט זיך:

— איינטרעטן!

שטעלט מען זיך אויס צו פֿינף אין אַ ריי. צוזאַמען מיט די מוזיקערס. מיר גייען־אַרויס. פֿאַרלאָזן דעם לאַגער. אָן מוזיק. לויטן ריטעם פֿון דעסט וועגן. דער מאַרש קלינגט נאָך אין די אויערן, שטורעמט נאָך אויף דאָס בלוט.

— לינקס! — שרײַט אידעק — לינקס! לינקס, צוויי, דרײַ, פֿיר! לינקס!

נו — יענע זײַט טויער. איצט קען מען כאַפּן אַ שמועס. די מוזיקערס זײַנען כמעט אַלע ייִדן. יוליעק, אַ פּוילישער בחור מיט ברילן און אַ ציניש געלעכטערל אויפֿן בלאַסן פּנים; לוי, אַ האָלענדישער בחור: אַ באַרימטער פֿידלער געווען. תּמיד וויינט ער, וואָס מ׳לאָזט אים ניט שפּילן בעטהאָווען. ייִדן טאָרן ניט שפּילן דײַטשישע מוזיק: אַזוי האָט הימלער באַשלאָסן. הײַנץ, אַ בערלינער ייִנגל מיט אַ גלענצנדיקן חוש פֿאַר הומאָר. און אַנדערע. דער פֿאַראַרבעטער איז אַן אינטעליגענטער פּאָליאַק. אַ וואַרשעווער סטודענט: פֿראַנעק.

יוליעק דערציילט:

— מיר אַרבעטן אין אַן עלעקטרי־מאַגאַזין. נישט ווײַט פֿון לאַגער. די אַרבעט איז נישט צו־שווער. נישט־איבעריק געפֿערלעך. נאָר — אידעק, דער קאַפּאָ, ווערט צו מאָל משוגע און דעמאָלט איז סכּנת־נפֿשות צו געפֿינען זיך נעבן אים.

הײַנץ שמייכלט צו מיר:

— האָסט מזל, קליינער, ביסט אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ גוטער קאָמאַנדאָ...

דער וועג האָט געדויערט צען מינוט. אָט — דער עלעקטרי־מאַגאַזין.

אַ דײַטשישער ציוויל־באַאַמטער (אויפֿן לאַגער־לשון: אַ מײַסטער) קומט אונדז אַקעגן. ער שענקט אונדז אַזוי פֿיל אויפֿמערקזאַמקייט, ווי אַ סוחר שענקט אַ טראַנספּאָרט אַלטע שמאַטעס. ער באַטראַכט אונדז מבֿינותדיק, צי מיר זײַנען גענוג שטאַרק צו אַרבעטן, צו מיר מאַכן נישט דעם אײַנדרוק פֿון פֿוילע בטלנים, און דאַן פֿאַרפֿירט ער אַ שמועס מיטן קאַפּאָ וועגן דער אַרבעט־צעטיילונג.

אונדזערע חבֿרים־מוזיקערס זײַנען געווען גערעכט: אַ לײַכטע אַרבעט. זיצן אויף דער פּאָדלאָגע פֿון מאַגאַזין און ציילן שרויפֿן, עלעקטרישע לעמפּלעך און אַנדערע קליינע אינסטרומענטן.

דער קאַפּאָ דערקלערט אונדז די וויכטיקייט פֿון דער אַרבעט און זאָגט, אַז אויב עמעצער וועט פּרוּוון זיך אַרויסדרייען פֿון אַרבעט, וועט ער אים ווײַזן וואָס ער קען. די מוזיקער־חבֿרים באַרויִקן מיך:

— האָב נישט קיין מורא, קליינער, ער זאָגט נאָר אַזוי. ער מוז אַזוי זאָגן. דער מײַסטער שטייט דאָ. אידעק איז געפֿערלעך נאָר, ווען אַ מאָרד־שגעון באַפֿאַלט אים... האָב נישט קיין מורא, קליי־נער!

מורא? שוין לאַנג אויפֿגעהערט מורא צו האָבן. וואָס קען נאָך געשען, וואָס ס׳איז נישט געשען?

מיר זײַנע אַרײַנגעגאַנגען אין עלעקטרי־מאַגאַזין. אַ סך צי־ווילע פּוילישע אַרבעטער. אייניקע פֿראַנצייזישע פֿרויען. זיי ווינקען זיך איבער מיט די מוזיקערס. מן־הסתם אַלטע באַקאַנטע. פֿראַנעק, דער פֿאָראַרבעטער, זעצט מיך אַוועק אין אַ ווינקל און הייסט מיר ציילן שרויפֿן:

— דאָ וועסטו אַרבעטן, — זאָגט ער — מאַטער זיך נישט. יאָג זיך נישט. נאָר זײַ פֿאָרזיכטיק: אַז ס.־ס.־מאַן זאָל דיך נישט פּאַקן! פֿאַרשטאַנען?

— פֿאַרשטאַנען. — ענטפֿער איך — אָבער הער פֿאָראַרבע־טער... איך וויל זײַן נעבן פֿאָטער!

פֿראַנעק האָט זיך פֿאַרטראַכט אַ ווײַלע, דאַן געענטפֿערט:

— אין אָרדענונג. דײַן פֿאָטער וועט אויך אַרבעטן דאָ, נעבן דיר.

איך האָב אים געדאַנקט, פֿראַנעקן. מײַן פֿאָטער איז צופֿרידן. ער זאָגט:

— מיר האָבן מזל. אויב מיר וועלן נישט האָבן קיין אַנדערע אַרבעט, וועלן מיר איבערלעבן די מלחמה.

עקיבֿא דרומער אַרבעט נישט ווײַט פֿון אונדז. ער שעפּטשעט אַ תּפֿילה. אַ קאַפּיטל תּהילים. אַן אויסטערליש יאוש־געלעכטערל צעגיסט זיך אויף זײַן הויכן, פֿאַרבענקטן שטערן.

צו אונדזער גרופּע זײַנען צוגעטיילט געוואָרן נאָך צוויי ייִנגלעך: יאַסי און טיבי. צוויי ברידער. פֿון אונגוואַר (טשעכאָסלאָוואַקיע). יאַסי איז דער עלטערער. זיי ווייסן: זיי זײַנען יתומים. די עלטערן אומגעקומען. גלײַך בײַ דער סאַמע ערשטער סעלעקציע. אין בירקענאַו. זאָרגן זיי בלב ובנפש איינער פֿאַרן אַנדערן. יעדער וויל געבן דעם צווייטן זײַן שיסל זופּ, זײַן פּאָרציע ברויט. אַן אַבסאָלוטער מסירת־נפש.

מיר האָבן זיך מיט זיי שנעל באַפֿרײַנדט.

אין דער היים האָבן זיי געהערט צו אַ ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. געלערנט העברעיִשע לידער. פֿלעגן מיר טאַקע אונטערזינגען — פּיאַניסימאָ — לידער וועגן דער שטילקייט פֿון ירדן און דער מאַיעסטעטישקייט פֿון ירושלים. אָפֿט האָבן מיר גערעדט וועגן ארץ־ישראל. אויך זייערע עלטערן האָבן נישט געהאַט דעם מוט צו ליקווידירן אַלץ און עולה זײַן. אויך אין אונגוואַר האָט מען געקענט קויפֿן סערטיפֿיקאַטן.

האָבן מיר טאַקע באַשלאָסן, אַז אויב מיר וועלן דערלעבן די באַפֿרײַונג, וועלן מיר קיין טאָג נישט וואַרטן און — הײַדאַ! מיט דער ערשטער שיף קיין חיפֿה!

עקיבא דרומער האָט געפֿונען אַ פּסוק אין תנך, וואָס לויט זײַנע גמטריות וועלן מיר זוכה זײַן צו דערלעבן די גאולה אין די נאָענטסטע פּאָר וואָכן. אָבער ווער גלייבט נאָך אין גמטריות? ווער גלייבט נאָך אין דער תורה? און אין אמת פֿון דער תורה? ווער האָט נאָך כּוח צו גלייבן אין וואָס עס זאָל נישט זײַן?

*

מאָנאָטאָנע טעג. מיר האָבן זיך צוגעוווינט צום נײַעם לעבן־שטייגער.

מיר האָבן פֿאַרלאָזט די צעל און איבערגעגאַנגען וווינען אין מוזיקער־בלאָק; נומער 36. דאָ האָבן מיר באַקומען אַ שיינע דעק, אַ שיסל און אַ שטיקל זייף. דער בלאָקעלטסטער איז געווען אַ דײַטשישער ייִד. אַ פֿאַרגעניגן צו האָבן פֿאַר אַ הערשער איבער

זיך אַ ייִד! אַלפֿאָנס האָט ער געהייסן. אַ קליינער, אויסגעדאַרטער יונגער מאַן מיט אַ דערשטויגענדיק אַלט פּנים. אין בלאָק האָט מען אים ליב געהאַט. ער האָט געזאָרגט פֿאַר זײַן בלאָק, ווי פֿאַר אייגענע חבֿרים. בײַ יעדער געלעגנהייט פֿלעגט ער „אָרגאַניזירן" אַ קעסלזופּ פֿאַר יוגנטלעכע, שוואַכע און סתּם אַזוי פֿאַר אַלע, וואָס האָבן געחלומט מער וועגן אַ שיסל זופּ ווי וועגן פֿרײַהייט.

יעדן אין דער פֿרי פֿלעגן מיר אויפֿשטיין אַרום פֿינף אַ זייגער און צוואַרטן ביז אַלע קאָמאַנדאָס האָבן אַרויסגעמאַרשירט. דאַן פֿלעגן מיר אויך גיין צו דער אַרבעט. אַ פּוסטע גרויקייט, אַ ליידיקע לאַנגזאַמקייט האָט פֿאַרשלייערט אונדזערע טעג און אויך אונדזערע מחשבֿות.

אַמאָל, צוריקקומענדיק פֿון דער אַרבעט, רופֿט מען מיך צום בלאָקשרײַבער:

— דו ביסט עס אַ־7713?

— יאָ.

יאָ, איך בין עס. אַ־7713. נישט אליעזר וויזל, נאָר אַ־7713, אַ נומער. אַ נומער איז געוואָרן דער אינהאַלט פֿון מײַן „איך". האָט מיך עמעצער גערופֿן בײַם נאָמען — האָב איך נישט געענטפֿערט, נישט געוווּסט, אַז מיך מיינט ער, געטראַכט בלויז, אַז אַ ווײַט, פֿרעמד קול רעדט צו מיר פֿון טיפֿן גרוב פֿון דורות. מײַן נאָמען איז געוואָרן אַן אַנאַכראָניזם, אַ סתירה צו מיר אַליין. בלויז דער נומער האָט גערעדט צו מײַן באַוווּסטזײַן. אַפֿילו פֿון שלאָף פֿלעג איך אויפֿשפּרינגען, אויב מ'האָט מײַן נומער גערופֿן. געוועזן צײַטן ווען איך האָב מײַן נאָמען בכלל פֿאַרגעסן. פֿאַרגעסן ווי איך הייס.

— אַ־7713, — זאָגט דער בלאָקשרײַבער — גלײַך נאָכן אָוונטברויט מוזסטו גיין צום ציינאַרצט. אומבאַדינגט!

— וואָס וויל ער פֿון מיר? — פֿרעג איך — די ציין טוען מיר נישט ווײ...

— נישט מיר שטעל פֿראַגן — ענטפֿערט דער בלאָקשרײַבער — נאָר אים, דעם אַרצט...

וואָס קען ער וועלן פֿון מיר. דער ציינדאָקטער? די אַלטע מורא פֿאַרן אומבאַקאַנטן דערוועקט זיך אין מיר פֿון דאָס ניי.

גלײַך נאָכן אָונטערבריט בין איך געגאַנגען אין ק. ב. (ראָשי־תיבות: קראַנקענבוי: שפּיטאָל). אַ ריי פֿון צוואַנציק העפֿטלינגען האָבן געוואַרט פֿאַר דער טיר.

— וואָס וואַרט איר דאָ? — פֿרעג איך זיי.

— מ׳האָט אונדז גערופֿן! — קלינגט פּשוט זייער ענטפֿער.

באַלד אָבער זײַנען מיר געוווּיר געוואָרן: מ׳רײַסט גאָלדענע ציין! דערפֿאַר האָט מען פֿאַרשריבן אונדזערע נומערן, בעת דער מעדיצינישער אונטערזוכונג...

נישטאָ קיין מיטל קעגן דעם? ניין. מסתמא אַ באַפֿעל פֿון לאַגער־קאָמענדאַנט. אפֿשר נישט גיין? אַ נאַרישע עצה. אויסבאַהאַלטן זיך? ווו? מען מוז גיין. מ׳האָט גערופֿן! אָט, בין איך טאַקע שוין אינעווייניק.

דער ציינדאָקטער איז אַ טשעכישער ייִד, מיט אַ טויטן־מאַסקע אויפֿן פֿאַרטריקנטן פּנים. ווען ער רעדט, זעט מען זײַנע פֿאַרפֿוילטע און צעקאַליעטשעטע ציין. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף דער אָפּעראַציע־שטול. ער האָט זיך געוואָלט נעמען צו דער עבֿודה.

— וואָס גייט איר טאָן, הער דאָקטער? — פֿרעגט איך אים הכנעהדיק.

— אַראָפּנעמען דײַן גאָלדענע קאָראָנע! — ענטפֿערט ער כּמעט גלײַכגילטיק.

— פֿאַלט מיר אײַן אַ געדאַנק:

— איר מוזט עס טאָן הײַנט, הער דאָקטער? אפֿשר קענט איר עס אָפּלייגן אויף אַ פּאָר טעג? איך האָב גראָד איצט פֿיבער...

ער פֿאַרטראַכט זיך, נעמט־אָן מײַן פּולס... איך האָב געזיגט.

— גוט, קליינער. ווען דו וועסט זיך בעסער פֿילן — קום! אָבער וואַרט נישט, איך זאָל דיך לאָזן רופֿן!

געווונען אַ פּאָר טעג. כולו רווח.

אַ וואָך דערנאָך בין איך ווידער צו אים געקומען — מיטן אַלטן תּירוץ: הויכע פּיבער. אים איז געפעלן געוואָרן, וואָס איך בין געקומען אַליין, כמעט פרייוויליק, און ער האָט ווייטער מסכּים געווען צוצוואַרטן אַ ביסעלע. דריי מאָל האָב איך געשפּילט דאָס זעלביקע שפּיל. דאָס פערטע מאָל האָב איך מער קיין תּירוץ נישט באַדאַרפט: זיין קאַבינעט איז פאַרשלאָסן געוואָרן אויף מערערע טעג. ער, דער טשעכישער ציינדאָקטער, איז געזעסן אין בונקער. ס׳האָט געוואַרט אויף אים די תּליה. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן: ער האָט געהאַנדלט — אויף זיין אייגענעם חשבון — מיט די גאָלדענע ציין פון די העפטלינגען.

טויטשטראָף!

קיין רחמנות צו אים האָב איך נישט געפילט. רחמנות האָבן אויף אים, ווען איך בין נישט פעיִק אויף מיר אַליין רחמנות צו האָבן?

פאַרקערט: איך בין צופרידן געווען. צופרידן, וואָס איך האָב געראַטעוועט די גאָלדענע קאָראָנע. אפשר וועט זי מיר צו נוץ קומען שפּעטער... וואָס קען מען וויסן? פאַר גאָלד קויפט מען ברויט און — לעבן!

שפּעטער האָב איך זי טאַקע פאַרלוירן, די גאָלדענע קאָראָנע... און פאַר גאָרנישט.

*

זיבן ווייטער טעג זיך געלאָפן. טעג. לאַנגווייליקע, אָן ליכט, אָן ענדערונג, אָן פאַרב, אָן אינטערעס. איין טאָג איז געווען גלייך צום אַנדערן, איין טאָג האָט זיך געיאָגט נאָכן אַנדערן און מיר האָבן זיך געפונען אין אַ פאַרכישופטן קרייז. אוממעגלעך געווען זיך אַרויסצורייסן פון אים. אין האַרצן האָט זיך פאַרוואָרצלט די קרענק פון גלייכגילטיקייט צו אַלעמען. גאָרנישט האָט מיך אינטערעסירט. גאָרנישט — אויסער די נעבעכדיקע שיסל זופּ אָדער די קליינע, פאַרשרומפּענע פּאָרציע ברויט. ברויט, זופּ — אָט צו

וואָס דאָס לעבן האָט זיך רעדוצירט. צו חיי־שעה. און מיר האָבן איינגעגראָבן אונדזערע שוואַרצע נעגל אין אָט דער חיי־שעה־עק־סיסטענץ, אין אָט דעם פֿאַרגעניגן פֿון פֿאַרגייענדיקן מאָמענט. צו דער אַרבעט זײַנען מיר ווײַטער געגאַנגען גאַנץ פֿרי, האַרט פֿאַר זונאויפֿגאַנג. אין עלעקטרי־מאַגאַזין האָבן קיין נײַע געשעענישן זיך נישט אָפּגעשפּילט, נײַע אַרבעטער זײַנען נישט צוגעקומען, דער הײַנט איז תּמיד געווען גלײַך צום נעכטן. אַ מזל... — וואָס אידעק, דער יונגער קאַפּאָ, פֿלעגט האָבן סאַדיסטישע שגעון־אַנפֿאַלן... אַזוי אַרום, אַ דאַנק זיי, האָבן מיר געפֿילט די פֿאַרעם פֿון דער צײַט. און אויך איר אינהאַלט. איר וואָג.

אידעק... אַ דאַנק אים האָב איך באַקענט זיך מיט אַ מאָדנער פֿראַנצייזישער פֿרוי אין מאַגאַזין. אַ שיינע, יונגע פֿרוי איז זי געווען. אָפֿט פֿלעג איך אַרבעטן נעבן איר. טרויעריקע, שוואַרצע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט פֿון איר פֿאַרטרויִמט פּנים. זעלטן האָבן מיר געהאַט אַ געלעגנהייט צום אַרויסריידן אַ וואָרט צווישן זיך. דײַטש האָט זי נישט געקענט, נאָר פֿראַנצייזיש. פֿראַנצייזיש האָב איך ווידער נישט פֿאַרשטאַנען. פֿלעגן מיר אַרבעטן צוזאַמען, אויס־טוישן בליקן צײַטנווײַז און דאָס איז געווען אַלץ. אָבער איך ווייס נישט פֿאַר וואָס, איך האָב געהאַט דעם אַבסורדאַלן און נישט־באַגרינדטן אײַנדרוק, אַז זי, די פֿראַנצייזקע, איז אַן „אַנוסה", אַ ייִדיש מיידל, וועלכער ס'איז געלונגען זיך אויסגעבן פֿאַר אַ קריסטין און דערפֿאַר איז זי נישט אין קאַצעט, נאָר אויף פּשוטער צוואַנגאַרבעט.

איז געקומען אַ טאָג, ווען אידעק איז משוגע געוואָרן און צו מײַן אומגליק בין איך געשטאַנען צום נאָענטסטן פֿון אים. בין איך טאַקע געווען דער אויסדערוויילטער קרבן זײַנער. ער האָט זיך געוואָרפֿן אויף מיר, מיך געשלאָגן מיט זײַנע פֿויסטן — ביז בלוט האָט מיך באַגאָסן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. און דער פֿאַקט, וואָס איך האָב געשוויגן — נישט געהאַט קיין כּוח צו שרײַען — האָט נאָך מער צעפֿלאַקערט זײַן סאַדיסטישן כּעס,

וואָס ער האָט אויסגעלאָזט צו מיר. לסוף האָט ער זיך באַרויִקט און מיך צוריקגעשיקט אַרבעטן, גלײַך ס'וואָלט גאָר נישט געשען, גלײַך מיר וואָלטן ביידע זיך באַטייליקט אין זעלביקן שפּיל און מײַן ראָל איז געווען פּונקט אַזוי וויכטיק ווי זײַנע.

איך האָב זיך צוריקגעשלעפּט צו מײַן אַרבעטפּלאַץ און האָב געמיינט, אַז דער גאַנצער הימל האָט אויף מיר זיך אײַנגעבראָכן. פּלוצעם האָב איך געפֿילט, אַז עמעצער געפֿינט זיך נעבן מיר און פּרוּווט אָפּווישן דאָס בלוט פֿון מײַן פֿאַרוווּנדטן שטערן: זי! די פֿראַנצייזישע אַרבעטערין! זי האָט געשמייכלט צו מיר מיט איר אייביקן אָבֿל־שמייכל, מיר דערלאַנגט אַ שטיקל ברויט און זי האָט געקוקט גלײַך אין מײַנע אויגן אַרײַן, כּדי איך זאָל פֿילן, אַז זי איז מיט מיר, אַז זי פֿילט וואָס איך פֿיל... כ'האָב באַמערקט, אַז זי וויל עפּעס זאָגן, נאָר — האָט מורא. געציילטע סעקונדעס האָט זי געפֿירט אַן אינערלעכן קאַמף מיט זיך אַליין: ריידן אָדער נישט ריידן. דאַן האָט זי מסתּמא אָנגענומען אַ באַשלוס... זי האָט מיט פֿיל צאַרטקייט געגלעט מײַן שטערן און אָנגעהויבן ריידן צו מיר — אויף אַ כמעט גוטן דײַטש:

— פֿאַרבײַס דײַנע ליפּן, ברודערל... וויין נישט! האַלט, באַהאַלט דעם צאָרן אין דיר. אויף שפּעטער. אַ טאָג וועט קומען, ווען דו וועסט קענען אים ווײַזן דער וועלט. אָבער — ער איז נאָך נישטאָ, דער טאָג. דערווײַל — וואַרט, פֿאַרבײַס דײַנע ליפּן און וואַרט...

אירע ווערטער — און דער פֿאַקט, וואָס זי רעדט און פֿאַרשטייט דײַטש — האָבן מיר ביז גאָר איבערגעראַשט און געהאַט אויף מיר אַ וווּנדערלעכע ווירקונג.

אַ ווײַלע דערנאָך האָט זי מיך געפֿרעגט:

— פֿילסטו נאָך ווייטיק?

איך האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. יאָ, מײַן גאַנצער גוף איז דורכויס ווייטיק. פֿון קאָפּ ביז פֿיס. זי האָט געגלעט מײַן האַנט,

מײַן שטערן און אַ מאָדנער חלום האָט זיך באַוויזן אויף איר הערלעך־שיין טונקל פּנים — — —

...אַמאָל איז געשען אַזאַ מעשׂה. מיר האָבן געהאַט אַ שווערן טאָג. געדאַרפֿט אויפֿלאָדן אַ וואַגאָן מיט דיזל־מאָטאָרן. דײַטשישע מײַסטערס זײַנען די גאַנצע צײַט געשטאַנען נעבן אונדז און קאָנטראָלירט די אַרבעט. דאָס האָט אַרויסגעבראַכט אידעקן פֿון די כּלים. זײַן האַרץ און כּעס — האָט ער צו אונדז אויסגעלאָזט. דאָס מאָל איז דער נאָענטסטער קרבן צו אים געווען — מײַן פֿאָטער.

— דו, אַלטער פֿוילער! — האָט ער אויף אים געשריגן און מיט אַן אײַזערנער רוט געשלאָגן איבערן פּנים, איבער די פּלייצעס.

מײַן אַלטער פֿאָטער האָט זיך צוזאַמענגעבראָכן אין צווייען, ווי אַן אַלטער בוים, אין וועלכן דער דונער האָט אַרײַנגעשלאָגן.

איך האָב זיך צוגעקוקט צו דער דאָזיקער סצענע און — נישט רעאַגירט. געשוויגן האָב איך. און געטראַכט אַפֿילו זיך צו דערווײַטערן פֿון אָרט, בכדי דער קאַפּאָ זאָל זיך אויף מיר אויך נישט וואַרפֿן. נאָך מער: אויב איך בין בייז געווען, אויב איך בין אויפֿגעבראַכט געווען אין דאָזיקן מאָמענט, איז עס געווען נישט אויפֿן קאַפּאָ, אויף אידעקן, נאָר אויפֿן פֿאָטער. בייז געווען, וואָס ער האָט נישט געוווּסט זיך אויסצוהיטן פֿון אידעקס היסטערישן אָנפֿאַל. אָט וואָס דער לאַגער האָט געמאַכט פֿון אַ בן־יחיד, פֿון אַ געטרײַען זון, פֿון אַן עמפּינדלעך קינד. איך בין מער בייז געווען אויפֿן פֿאָטער ווי אויפֿן רוצח, וואָס האָט אים געשלאָגן.

עקיבֿא דרומער, דער לאַנגער חסיד, האָט מיך באַשולדיקט שפּעטער. ער האָט געזאָגט:

— אליעזר, איך פֿאַרשטיי דיך נישט! ווי אַזוי האָסטו זיך געקענט צוקוקן צו אידעקן, ווי ער שלאָגט דײַן אייגענעם פֿאָטער, און — נישט וואַרפֿן זיך אויפֿן קאַפּאָ?! הרגענען אים אָדער דיך אַליין וואָלסטו באַדאַרפֿט... ס'טײַטש! מ'שלאָגט דײַן טאַטן און דו — שווײַגסט!

דאָס לעצטע ביסל בלוט פֿון די אָדערן איז געלאָפֿן אין קאָפּ.

איך האָב זיך פֿאַרשעמט. עקיבֿא דרומער איז גערעכט — האָב איך געטראַכט. וואָס איז געוואָרן פֿון מיר?

און אין האַרצן האָב איך אָנגענומען אַ באַשלוס: אויב אַזאַ סצענע וועט זיך איבערחזרן, וועל איך מער ניט שטיין מיט פֿאַרלייגטע הענט. אָבער געוווּסט האָב איך, אַז וואָרשיינלעך וועל איך ניט זײַן בכּוח אַדורכצופֿירן דעם באַשלוס.

דער פֿאָטער האָט מן־הסתּם פֿאַרשטאַנען, וואָס עס שפּילט זיך אין מיר אָפּ. ער האָט אָפּגעווישט דאָס שנירל בלוט, וואָס האָט זיך געשלענגלט פֿון זײַן מויל, און מיר געזאָגט:

— מאַך דיר נישט קיין יסורים. עס טוט בכלל נישט וויי...

זײַן פּנים איז געווען אָנגעשוואָלן — און איך האָב זיך געמאַכט ניט זעענדיק.

*

פֿראַנעק, דער וואַרשעווער סטודענט, דער פֿאָראַרבעטער, האָט מיט אַ מאָל דערזען בײַ מיר דעם גאָלדענעם צאָן אין מויל. האָט ער חשק באַקומען צו אים.

— יינגל, גיב מיר דײַן צאָן! — האָט ער זיך צו מיר אין אַ שיינעם טאָג געווענדט.

האָב איך געענטפֿערט, אַז ס'איז מיר אוממעגלעך זײַן ווונטש צו דערפֿילן. אָן דעם צאָן קען איך נישט עסן.

— יינגל, האָסטו דען וואָס צו עסן?

האָב איך געפֿונען אָן אַנדערן ענטפֿער. דער צאָן איז פֿאַרשריבן בײַם ציינדאָקטער. איז אויב איך וועל אים אַוועקגעבן במתּנה, קען עס מיך און אים, פֿראַנעקן, גאַנץ טײַער אָפּקאָסטן.

— יינגל! — ענטפֿערט דער פֿאָראַרבעטער — לעבסט איך אַ טעות. אויב דו וועסט נישט געבן מיר דעם צאָן, קען עס דיר טײַערער קאָסטן!

מאָדנע: דער סימפּאַטישער, אינטעליגענטער פֿראַנעק האָט אויפֿגעדעקט זײַן אמתן פּרצוף. די תּאווה צו גאָלד איז שטאַרקער פֿון דערציִונג, פֿון איבערצײַגונג, פֿון פּרינציפּן. אומעטום איז עס

אַזוי. ספּעציעל אין לאַגער. האָב איך געענטפֿערט פֿראַנעקן, אַז איך מוז זיך שואל־עצה זײַן מיטן פֿאָטער.

— פֿרעג דײַן פֿאָטער, ייִנגל! — זאָגט פֿראַנעק מיט זײַן ווייכער שטימע — מאָרגן ברענג אַ תּשובֿה! מאָרגן!

ווען איך האָב דערציילט דעם טאַטן וועגן דער נײַער גזירה, איז ער בלאַס געוואָרן ווי דער ווײַסער הימל איבער אונדזערע קעפּ.

— ניין, מײַן קינד, — האָט ער געזאָגט — מיר טאָרן עס נישט טאָן.

— און אויב ער וועט פּרוּוון זיך נוקם זײַן אין אונדז?

— ער וועט נישט וואַגן, מײַן קינד.

פֿראַנעק האָט יאָ געוואַגט. ער האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט. זײַן מענטשלעכקייט האָט אים פֿאַרלאָזט. אַפֿילו זײַנע זשעסטן און זײַנע אויגן האָבן באַקומען אַ האַרטן אויסדרוק. קלוג איז ער געווען, פֿראַנעק. האָט ער געוווּסט מײַן שוואַכן פּונקט. געוווּסט וווּ צו קלאַפּן, בכדי איך זאָל עס פֿילן.

מײַן פֿאָטער האָט קיין מאָל נישט געמאַכט קיין מיליטער־דינסט. דערפֿאַר איז אים שווער אָנגעקומען צו גיין אין שפּאַן, אַרײַנקומענדיק און אַרויסגייענדיק פֿון לאַגער. האָט טאַקע מײַן פֿאָטער נישט איין מאָל באַקומען געשלאָגן פֿון אידעקן אָדער פֿון אַן ס.־ס.־מאַן פֿאַר זײַן נישט־דיסציפּלינירט גיין. און מיר האָבן ביידע — דער פֿאָטער און איך — זייער געליטן דערפֿון. יעדן טאָג האָבן זיך די זעלביקע אינצידענטן איבערגעחזרט. אין דער פֿרי און אין אָוונט. האָב איך אַ מאָל באַשלאָסן צו געבן דעם פֿאָטער לעקציעס. לערנען אים גיין אין שפּאַן. ווי אַזוי טוישן דעם שריט, ווי אַזוי צו מאַרשירן מיטן זעלביקן ריטעם. מיר פֿלעגן מאַכן די איבונגען אונדזערע פֿאַרן בלאָק. איך האָב געשריגן: „לינקס! לינקס!“ און ער, דער פֿאָטער, פֿלעגט — — — גיין. אָפֿט מאָל האָבן העפֿטלינגען זיך פֿאַרזאַמלט אַרום אונדז און — געלאַכט:

— קוקט; היי, חבֿרה, קוקט! דער קליינער אָפֿיציר לערנט דעם אַלטן גיין! היי, קליינער, גענעראַל איינער, וויפֿל פּאָרציעס באַקומסטו פֿון אַלטן דערפֿאַר.

אין מיר האָט דאָס האַרץ געבלוטיקט.

לעצטנס האָט דער פֿאָטער געמאַכט פֿאָרשריט. זײַן גיין איז שוין געווען צום דערלײַדן. איז אָבער פֿראַנעק דערשינען אויף אונדזער האָריזאָנט. און אים האָט זיך פֿאַרגלוסט מײַן גאָלדענער צאָן, האָט זיך געעפֿנט אַ קאַפּיטל פֿון שלעק. יעדן טאָג, בײַם אַרויסמאַרשירן און אַרײַנמאַרשירן, האָט ער געשלאָגן דעם פֿאָטער:

— קענסט נאָך אַלץ נישט גיין אין שפּאַן, דו, אַלטער?

— עס איז נישט מײַן שולד... — האָט דער פֿאָטער תּמיד געשטאַמלט און זײַן פּנים האָט זיך פֿאַרקרימט פֿון ווייטיק און בזיונות.

בערך צוויי וואָכן האָט עס אַזוי געדויערט. מער האָבן מיר נישט געקענט אויסהאַלטן. מען מוז זיך אונטערגעבן. נישט בײַ־געשטאַנען דעם נסיון.

ווען איך האָב מודיע געווען פֿראַנעקן, אַז ער האָט געזיגט, דער צאָן איז זײַנער — האָט ער מיר נישט געדאַנקט, נאָר האָט אויסגעשאָסן אין אַ ווילד געלעכטער:

— איך האָב געוווּסט, געוווּסט, ייִנגל, אַז דו וועסט קומען צום שׂכל. בעסער פֿריִער ווי שפּעטער. איצט אָבער, ווײַל דו האָסט מיך געלאָזט אַזוי פֿיל וואַרטן, וועט עס דיך קאָסטן אַ פּאָרציע ברויט. אַ פּאָרציע ברויט פֿאַר מײַנס אַ באַקאַנטן. ער איז אַ ציינדאָקטער פֿון וואַרשע. ער וועט דיר אַרויסנעמען דעם צאָן. דער פּרײַז: אַ פּאָרציע ברויט!

צו ערשט האָב איך נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט:

— וואָס? — האָב איך זיך געוואָרגן מיט ווערטער — דו ווילסט טאַקע, אַז איך זאָל געבן דעם ציינדאָקטער מײַן ברויט, כּדי דו זאָלסט באַקומען דעם צאָן?

פֿראַנעק האָט געלאַכט — צופֿרידן און גליקלעך פֿון זײַן געלונגענעם אײַנפֿאַל:

— וואָס זשע דען וואָלטסטו געוואָלט? איך זאָל דיר דעם צאָן מיט אַ שטעקן אָדער מיט דער פֿויסט אויסברעכן?

זײַן אַרגומענט איז געווען איבערצײַגנדיק.

אין זעלביקן אָוונט האָט מיר דער וואַרשעווער ציינדאָקטער אַראָפּגעריסן די גאָלד־קאָראָנע. די „אָפּעראַציע" איז פֿאָרגעקומען אין בית־הכּסא. געאַרבעט האָט ער, דער ציינדאָקטער, מיט אַ פֿאַרזשאַווערטן לעפֿל. ס'איז נישט צוגעגאַנגען אַזוי לײַכט. ס'האָט ווײ געטאָן. אָבער צום סוף האָט ער באַקומען זײַן פּאָרציע ברויט און פֿראַנעק — דעם גאָלדענעם צאָן.

די מאַרש־צרה האָט טאַקע אויפֿגעהערט. פֿראַנעק איז געוואָרן צוריק מענטשלעך. פֿון מאָל צו מאָל האָט ער מיר אַפֿילו צוגעוואָרפֿן אַ פּאָר לעפֿל זופּ. אָבער — קיין סך נוצן פֿון צאָן האָבן מיר נישט געהאַט. צוויי וואָכן נאָך אונדזער קאַפּיטולאַציע פֿאַר פֿראַנעקן איז אָנגעקומען אַ באַפֿעל, אַז אַלע פּאָליאַקן מוזן אַריבערגעפֿירט ווערן אין אַן אַנדער לאַגער. דער פֿראָנט איז צו־נאָענט...

אידעק, פֿראַנעק — בײדע האָבן אונדז פֿאַרלאָזט. איך האָב נישט געבענקט איבעריק נאָך אידעקן. נאָך פֿראַנעקן — אויך נישט. געבענקט האָב איך בלויז נאָך מײַן צאָן.

— מיר וואָלטן געקענט באַקומען פֿאַר אים ברויט און זופּ

— האָב איך טרויעריק זיך מתחרט געווען אויף מײַן שוואַכקייט לגבי פֿראַנעקן.

מילא, צו־שפּעט חרטה צו האָבן. אַן אומזיסטיקער קרבן געווען.

*

אײדער אידעק האָט זיך מיט אונדז געזעגנט האָט ער מיר איבערגעלאָזט לעצטגעלט. ער האָט מיר געגעבן אַ לעקציע ווי מ'שלאָגט מלקות. 25 מלקות האָב איך באַקומען פֿון אים. פֿאַר

וואָס? ווײַל איך האָב געוואָגט צו קוקן. קוקן אויף אים, אויפֿן קאַפּאָ.

געווען איז דאָס אין אַ זונטיקדיקן פֿאַרמיטאָג. אונדזער קאַמאַנדאָ האָט גראָד דעם טאָג געמעגט בלײַבן אין לאַגער. איז אָבער אידעקן געגאַנגען ממש אין לעבן, מיר זאָלן אַרויסמאַרשירן. גיין אַרבעטן. פֿאַר וואָס די דאָזיקע פּלוצעמדיקע התלהבֿות צו דער אַרבעט?

צוויי שעה שפּעטער האָב איך פֿאַרשטאַנען די סיבה.

אידעק איז געקומען צו אַ ראַנדעוווּ. צו אַ ראַנדעוווּ מיט אַ שיקסע.

גלײַך נאָך דעם ווי מיר זײַנען אַרײַנגעקומען אין עלעקטרי־מאַגאַזין האָט ער אונדז איבערגעגעבן אין פֿראַנעקס רשות און געזאָגט:

— טוט וואָס איר ווילט. אָבער — טוט עפּעס. אַרבעט! ווען ניט — וועט דער טײַוול אײַך נעמען...

און איז פֿאַרשוווּנדן אין מיסטעריעזן לאַבירינט פֿון מאַגאַזין.

קיין פּרעציזע און וויכטיקע אַרבעט האָבן מיר נישט געהאַט. האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט אין מאַגאַזין און געזוכט, גענישטערט, אפֿשר האָט אַ ציוויל־אַרבעטער איבערגעלאָזט בטעות אַ שטיקל שיריים, אַ שטיקל ברויט. צופּעליק בין איך דערגאַנגען צו אַ זײַטיק צימערל. איך האָב געהערט, אַז עפּעס שושקעט מען זיך דאָרט. דער נײַגער האָט מיך געשטופּט צו זען, וואָס דאָרט קומט־פֿאָר. און איך האָב געזען. אַלץ. אַ שטרויבעט, אידעק און אַ יונגע פּוילישע שיקסע. אירע לאַנגע, שוואַרצע צעפּ זײַנען געווען צעלאָזן, צעבורזשעט. זי איז געלעגן אויפֿן בעטל — האַלב נאַקעט. אידעק — אויך. ער איז אויך געלעגן האַלב נאַקעט. יעדן טאָג פֿלעג איך זען די דאָזיקע שיקסע געבן ווײַס ברויט און ווורשט אידעקן. איצט האָב איך פֿאַרשטאַנען, פֿאַר וואָס אידעקן האָט זיך אַזוי פֿאַרגלוסט צו אַרבעטן. איך געדענק נישט, וואָס פֿאַר אַ טײַוול האָט מיך איבערגערעדט. איך געדענק בלויז, אַז איך האָב

זיך צעלאַכט אויפֿן הויכן קול. עפּעס איז עס מיר אויסגעקומען קאָמיש, אַז אידעק זאָל שלעפּן הונדערטער מענטשן צו דער אַרבעט, בכדי ער זאָל קענען באַפֿרידיקן זײַן יצר־הרע, בכדי ער זאָל קענען ליגן מיט אַ פּוילישער שיקסע אויף אַ שטרויבעט...

אידעק האָט דערהערט מײַן לאַכן. ער האָט מיך דערזען. ער איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון בעטל. די שיקסע האָט געפּרווט פֿאַרדעקן איר נאַקעטע ברוסט. מײַנע פּיס האָבן געוואָלט אַנטלויפֿן. אידעק איז געווען פֿלינקער. ער האָט מיך אָנגעכאַפּט בײַם קאָלנער. איך האָב געוווּסט: איצט בין איך פֿאַרלוירן. אידעק האָט זיך צוגעבויגן צו מײַן פּנים און מיט אַ קאַלטער, אײַנגעהאַלטענער שטים געזאָגט:

— וואַרט אַ ביסל, קליינער... וועסט באַלד זען, אַז מ׳טאָר זיך נישט אויפֿהייבן פֿון דער אַרבעט און גיין בלאָנדזשען איז דײַטשישע מאַגאַזינען... וועסט באַלד זיך איבערצײַגן, אַז ס׳איז געפֿערלעך צו זײַן נײַגעריק...

דאַן האָט ער מיך צוריקגעשיקט צו מײַן אַרבעטפּלאַץ. אַ מורא איז מיך באַפֿאַלן. דאָס האַרץ האָט פֿאָרויסגעזאָגט טונקעלע נבֿואות. און ס׳האָט נישט געזאָגט קיין ליגן.

אַ האַלבע שעה אײדער די אַרבעט האָט זיך געדאַרפֿט אָפּשטעלן, האָט דער קאַפּאָ צונויפֿגערופֿן די גאַנצע קאָמאַנדאָ. אַפּעל. קיינער האָט נישט פֿאַרשטאַנען די סיבה דערפֿון. בלויז איך. איך האָב פֿאַרשטאַנען.

דער קאַפּאָ האָט געהאַלטן אַ קורצע רעדע:

— דאָ, אין קאַצעט, איז פֿאַראַן אַ געזעץ: אַן אײַנפּאַכער העפֿטלינג האָט נישט דאָס רעכט צו מישן זיך אין יענעמס געשעפֿטן. מ׳טאָר נישט זײַן נײַגעריק. איינער פֿון אײַך האָט עס נישט — אָדער: שלעכט — פֿאַרשטאַנען. וועל איך זיך באַמיִען אים דאָס געבן צו פֿאַרשטיין...

אַ שטיק אײַז איז אַדורכגעלאָפֿן מײַן רוקנביין.

— אַ־7713 צו מיר!

רבונו־של־עולם, וואָס וועט איצט געשען מיט מיר? — האָבן אַלע מײַנע אבֿרים געפֿרעגט. איך בין אַרויסגעטראָטן פֿון דער ריי און צוגעגאַנגען צו אים, צו אידעקן.

— ברענגט אַ קליין קעסטל! — האָט דער קאַפּאָ באַפֿוילן.

עמעצער האָט אויסגעפֿירט זײַן באַפֿעל.

— בייג זיך איבערן קעסטל! — האָט ווידער געקלונגען אידעקס באַפֿעל.

איך האָב געפֿאָלגט, מעכאַניש. זיך געבויגן. טיף געבויגן.

אידעק האָט דאַן אַרויסגענומען אַ לעדערנע שפּיצרוט און אָנגעהויבן שלאָגן מײַן פֿאַרבויגענעם קערפּער, מיט אַ סאַדיסטישן שמייכעלע אַרום די ליפּן, מיט אַ רציחה־אויסדרוק אויף זײַן קליין און רויט פּנימל:

— איינס... צוויי... — האָט ער געציילט!

צווישן איינס און צוויי האָט ער אַ ביסל צוגעוואַרט. געוואָלט, איך זאָל האָבן צײַט צו פֿילן יעדן קלאַפּ באַזונדער. אָבער בלויז די ערשטע פֿינף־זעקס קלעפּ האָבן ווי געטאָן. די איבעריקע האָב איך כמעט נישט געפֿילט. פֿאַראַן אַ גרענעץ צו דער פֿילבאַרקייט פֿון גוף. איך בין געווען אויף יענער זײַט גרענעץ.

— צען... עלף...

אידעקס שטים האָט געקלונגען כמעט נאָרמאַל. צו מיר איז זי דערגאַנגען פֿון דער ווײַטנס, ווי פֿון הינטער אַ שטיינערנער מויער.

— דרײַ און צוואַנציק...

נאָך צוויי קלעפּ! — האָב איך אומבאַוווסטזיניק זיך געטרייסט, זיך דערמוטיקט.

— פֿיר און צוואַנציק, פֿינף און צוואַנציק!

געענדיקט. איך בין אַוועקגעפֿאַלן אַ געחלשטער. פֿאַרלוירן דאָס באַוווסטזײַן. אידעק האָט געהייסן ברענגען וואַסער און גיסן אויף מײַן פּנים.

— אויפֿשטיין! — האָט אידעק באַפֿוילן.

איך האָב געוואָלט אויפֿשטיין. איך האָב מורא געהאַט נישט

צו פּאָלגן. דאָס וואָלט באַטײַט נײַע קלעפּ. איך האָב אַזוי געוואָלט פּאָלגן אידעקן אין יענעם מאָמענט... אָבער — דער קערפּער איז געווען שטאַרקער פון מײַן ווילן. ער האָט נישט געפּאָלגט.

— אויפשטיין! — האָט אידעק פון דאָס נײַ באַפוילן.

האָב איך געפּרוווט כאָטש ענטפערן, אַז איך קען קיין אבֿר נישט רירן, אָבער קיין ווערטער זײַנען אויף די ליפּן נישט געקומען.

בלית־ברירה, האָט אידעק גערופן צוויי העלפּטלינגען. זיי האָבן מיך אויפגעשטעלט און אונטערגעהאַלטן.

— קוק צו מיר! — האָט אידעקס שטים מיך געפּאַטשט אין פּנים.

איך האָב געקוקט צו אים. אין האַרצן — אַ מחשבֿה: אַ שאָד וואָס דער פאָטער געפינט זיך דאָ, מיט מיר צוזאַמען! אים האָבן די קלעפּ מסתּמא מער וויי געטאָן ווי מיר אַליין!

— הער זיך צו, חזירישער זון? — האָט אידעק קאַלטבלוטיק מיך געוואָרנט — דאָס האָסטו באַקומען בלויז צוליב דײַן נײַגער. פינף מאָל אַזוי פיל וואַרט אויף דיר, אויב וועסט וואַגן עמעצן צו דערציילן, וואָס דו האָסט געזען! פאַרשטאַנען?

יאָ, איך האָב פאַרשטאַנען. איך האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. געשאָקלט נישט איין מאָל, נישט פינף מאָל, נאָר צענדליקער מאָל. גלײַך דער קאָפּ האָט מיט אַ מאָל באַשלאָסן, אַז פון איצט אָן וועט ער נישט אויפהערן שאָקלען זיך אויף יאָ, יאָ, יאָ.

דאַן האָב איך דערפילט אַ חשק צו ברעכן. צו אויסברעכן אַלץ, וואָס איך האָב געהאַט אויפן מאָגן און אויפן... האַרץ.

## דער יום־הדין

...לכּבֿוד סוכּות האָבן די ס.־ס. אונדז צוגעגרייט אַ מתּנה.

מיר זײַנען צוריקגעקומען פון דער אַרבעט. אין לאַגער האָט געהערשט אַ מאָדנע שטימונג. אַ שטימונג פון אומרו. דער אַפּעל

האָט דאָס מאָל געדויערט ווייניקער ווי תמיד. דאָס עסן איז פֿאַרטיילט געוואָרן אין אײַלעניש.

צו יענער צײַט בין איך נישט געווען מיטן פֿאָטער צוזאַמען אין איין בלאָק. די סיבה: מען האָט מיך צוגעטיילט צו אַן אַנדער קאָמאַנדאָ, צו בויאַרבעט. 12 שעה אַ טאָג האָב איך געשלעפּט 50 קילאָדיקע שטיינער אויף די פּלייצעס.

היות דער טאַטע איז געבליבן אין דער מוזיקער־קאָמאַנדאָ און ווײַטער געאַרבעט אין עלעקטרי־מאַגאַזין, איז ער פֿאַרבליבן אין זײַן געוועזענעם בלאָק נומער 36. איך אָבער בין אַריבערגעשיקט געוואָרן אין בלאָק 57, אין שפּיץ פֿון וועלכן ס'איז געשטאַנען אַ גוטער דײַטשישער ייִד, שלאַנק, נידעריק געבויט, מיט אַ שאַרפֿער נאָז און מיט נאָך אַ שאַרפֿערן בליק.

ובכן, יענעם סוכּות־אָוונט האָט אַ נערוועזיטעט געהערשט אין לאַגער. דער בלאָקעלטסטער אונדזערער האָט באַפֿוילן נישט צו פֿאַרלאָזן דעם בלאָק נאָכן אָונטברויט. און אַ שרעקוואָרט האָט געטראָגן זיך פֿון מויל צו מויל, פֿון האַרץ צו האַרץ: סעלעקציע!

מיר האָבן געוווּסט דעם באַטײַט פֿון דעם דאָזיקן וואָרט. פֿון צײַט צו צײַט קומט אַ הויכער ס.־ס.־אָפֿיציר אַראָפּ און קאָנטראָלירט די העפֿטלינגען. טרעפֿט ער אַ שוואַכן צווישן זיי — אויפֿן לאַגער־לשון: מוזלמאַן — פֿאַרשרײַבט ער זײַן נומער און יענער איז אַ פֿאַרטיקער קאַנדידאַט צום קוימען.

מאַרטין, דער שטובעלטסטער, האָט פֿאַרטיילט די זופּ און דאָס מאָל נישט געשלאָגן מיטן גרויסן אײַזערנעם לעפֿל איבער די קעפּ פֿון די העפֿטלינגען.

נאָכן אָפּעסן האָט מען זיך פֿאַרזאַמלט גרופּעסווײַז צווישן די בעטן און געפּרוווט די שאַנסן וואָס מ'האָט צו בלײַבן לעבן. עלטערע העפֿטלינגען דערציילן:

— איר האָט מזל. איר האָט מזל, וואָס איז זײַט געקומען שפּעט. און נישט מיט צוויי יאָר צוריק. הײַנט איז אַ גן־עדן לגבי דעם, וואָס דאָ איז געווען דעמאָלט. דעמאָלט איז בונאַ אַ גהינום

געווען. וואַסער איז נישט געווען. דעקן — אויך נישט. עסן — פּיל ווייניקער ווי היינט. ביי נאַכט פּלעגט מען שלאָפן כּמעט נאַקעט און אָן דעקן. און אין דרויסן און אינעווייניק אין די בלאָקן איז געווען 30 גראַד פּראָסט. טאָגטעגלעך זיינען הונדערטער מענטשן אומגעקומען. געפאַלן ווי פליגן אין לאַגער און ביי דער אַרבעט. די אַרבעט איז געווען שווער, טויזנטפאַכיק שווערער ווי די היינטיקע. די קאַפּאָס האָבן באַקומען באַפעלן צו הרגענען יעדן טאָג אַ געוויסע צאָל העפטלינגען. און סיבות און מיטלען האָבן נישט אויסגעפעלט. חוץ דעם איז יעדע וואָך פאָרגעקומען אַ סעלעקציע. אַ שטרענגע, אומברחמנותדיקע סעלעקציע... יאָ, איר האָט מזל! מזל האָט איר, וואָס איר זייט אַזוי שפּעט געקומען.

מזל האָבן מיר גאָר!

שטיל איז געוואָרן אין בלאָק. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט שנעל, טייוולאָניש שנעל.

— גענוג! דערציילט נישט ווייטער! — האָב איך זיך געבעטן ביי זיי, ביי די עלטערע העפטלינגען — איר וועט דערציילן מאָרגן, איבער מאָרגן.

זיי האָבן זיך צעלאַכט און זייער געלעכטער האָט מיך אויפגעשוידערט:

— גוט, קליינער. האָסט מורא? מילא. אויך מיר האָבן מורא געהאַט. דעמאָלט איז געווען פאַר וואָס מורא צו האָבן. היינט? היינט האָט איר מזל. מזל וואָס איר זייט געקומען שפּעט.

עלטערע ייִדן — און בעיקר אַזעלכע, וואָס האָבן נאָך נישט אַדורכגעמאַכט קיין סעלעקציע — זיינען געשטאַנען אין אַ זייט און געשוויגן. גלייך זיי האָבן זיך געהיט נישט אַרויסצורײדן אַ וואָרט, בכדי נישט צו דערמאָנען דעם גורל, אַז זיי לעבן נאָך. בעסער זאָל ער אין זיי פאַרגעסן.

פרומע ייִדן האָבן זיך גענומען צום אַלטן מיטל: זיי דאַוונען, זאָגן תהילים. די אויגן ווערן איינגעגראָבענער, טיפער, טונקעלער, ווי כוואַליעס אויף אַ שטורמישן ים.

אין אַ שעה אַרום...

אין אַ שעה אַרום וועט אונדזער גורל פֿון דאָס נײַ געחתמעט ווערן. לחיים — למוות. טויט אָדער ווײַטערדיקע פּײַן. אָט, דער נײַער יום־הדין פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. נאָר דאָס מאָל זײַנען מיר אָן אַ מליץ־יושר. דער איינציקער מליץ־יושר דאָ קען זײַן דײַן געזונטער קערפּער, מוסקולן אָדער דער גורל, דער צופֿאַל. איך האָב נישט געהאַט קיין צוטרוי צו קיין איינעם פֿון זיי. איך האָב זיך דערמאָנט אין פֿאָטער... וואָס וועט זײַן מיט אים? אַן אַלטער מאַן געוואָרן. אַזוי פֿאַרעלטערט זיך. אָפּגעשוואַכט, מאָגער, מיד, פֿאַרמאַטערט. קוים וואָס ער זעט, ווו ער גייט. וואָס זשע וועט זײַן מיט אים?

דער בלאָקעלטסטער אונדזערער איז דענערווירט. זינט 1933 האָט ער זיך געפֿונען אין פֿאַרשיידענע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. ער ווייס: הײַנט אין אָוונט וועט ער זײַן געצוווּנגען אַרויסצוגעבן פֿון זײַן בלאָק אַ געוויסע צאָל מענטשן צום מולך. און דאָס טוט אים וויי. ער וואָלט געוואָלט אונדז אַלע ראַטעווען, ראַטעווען פֿון דער סעלעקציע. ווי אַזוי?

אַרום נײַן אַ זייגער אין אָוונט דערשײַנט ער צווישן אונדז. זײַן פּנים איז טונקעלער, זײַנע אויגן מידער, זײַן מויל פֿאַרביטערטער ווי אַלע מאָל.

— אַכטונג! — בעט ער זיך בײַ אונדז.

שטילקייט.

— הערט זיך גוט צו צו מײַנע רייד!

זײַן שטימע האָט געציטערט. דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך הער זײַן שטימע ציטערן. תּמיד קלינגט זי אַזוי זיכער מיט זיך, אַזוי זיכער אין איר אייגענעם כּוח.

— אין געציילטע מינוטן וועט פֿאָרקומען די סעלעקציע — דערקלערט אונדז דער בלאָקעלטסטער, וואָס פּרוּווט אײַנוויקלען זײַנע רייד אין אַ זאַכלעכן טאָגטעגלעכן טאָן — איר דאַרפֿט אײַך אויסטאָן נאַקעט. דאַן אַרײַנגיין איינציקווײַז אין דער שרײַבשטובע.

בײַ דער טיר װעלן שטײן די ס.־ס.־דאָקטוירים. איך װיל האָפֿן, אַז איר װעט אַלע אַדורכגײן בשלום דעם עקזאַמען. אָבער, למען־השם, איר מוזט פֿאַרגרעסערן די שאַנסן אײַערע צום לעבן! אײדער איר גײט־אַרײַן אין דער שרײַבשטובע — מאַכט גימנאַסטיק, כּדי דאָס פּנים זאָל באַקומען קאָליר; צװײטנס — גײט נישט לאַנגזאַם, נאָר לויפֿט! לויפֿט, גלײַך דער טײַװל װאָלט זיך געפֿונען הינטער אײַך! לויפֿט! קוקט נישט אַהינטער! לויפֿט, אַנטלויפֿט! — ער האָט אויך אַ װײַלע איבערגעריסן זײַן רעדע — און דער עיקר: האָט נישט קײן מורא!

פֿאַר װאָס האָט ער געדאַרפֿט צוגעבן די לעצטע פֿאָר װערטער? צי האָט ער נישט געװוּסט, אַז דאָס בעסטע מיטל אָנצוּװאַרפֿן אַ מורא אויף עמעצן איז צו זאָגן אים, ער זאָל נישט האָבן קײן מורא?

איך האָב גענומען זיך אויסטאָן. די קלײדער געלאָזט אויפֿן בעט. הײַנט אָװנט איז נישטאָ קײן סכּנה, זײ זאָלן געגנבֿעט װערן. אַפֿילו גנבֿים האָבן אַנדערע דאגות אין אַזאַ שעה.

מיט אַ מאָל איז אין גאַנצן שטיל געװאָרן אין בלאָק. מ׳האָט ממש געקענט הערן דעם אומרו, װאָס האָט געבושעװעט אין די הערצער.

טיבי און יאָסי, די צװײ ברידער, װאָס זײַנען צוזאַמען מיט מיר אַריבערגעקומען אין דער נײַער קאָמאַנדאָ און אין נײַעם בלאָק, זײַנען צוגעקומען צו מיר און געזאָגט:

— לאָמיר שטײן און גײן צוזאַמען!

יאָסי מורמלט עפּעס מיט די ליפּן. זעט־אויס, ער דאַװנט. מאָדנע: איך האָב קײן מאָל נישט געװוּסט, אַז יאָסי איז אַ פֿרומער. עפּעס האָט פֿרומקײט זיך נישט געקלעפּט צו זײַן געשטאַלט, צו זײַן כאַראַקטער, און ער אַלײן האָט זיך תּמיד געהאַלטן פֿאַר אַ נישט־גלײביקן. אײגנטלעך איז זײַן איצטיק דאַװנען גאָר נישט קײן סימן. פֿאַר אַ סעלעקציע — דאַװנט זיך אַלײן. אויך מיר האָט זיך געװאָלט שעפּטשען אַ תּפֿילה. און ס׳איז נײטיק געװען

אַנצוּווענדן אַלע מײַנע אינערלעכע כּוחות, כּדי נישט צו לאָזן זיך באַהערשן דורך דער שוואַכקייט פֿון מאָמענט. טיבי האָט געשוויגן. שרעקלעך בלאַס איז ער געווען. דער גאַנצער בלאָק איז שוין געשטאַנען נאַקעט. בשעתן לעצטן יום־הדין שטייט מען תּמיד נאַקעט פֿאַרן בית־דין.

די וואָס זײַנען געשטאַנען נאָענט צום פֿענצטער האָבן אי־בערגעגעבן די ידיעה:

— זיי זײַנען אָנגעקומען... אָנגעקומען...

„זיי" — דרײַ הויכראַנגיקע ס.־ס.־אָפֿיצירן. צווישן זיי — ד"ר מענגעלע, דער באַרימטער ד"ר מענגעלע, דער וועלכער האָט אונדז אויפֿגענומען בשעת דער ערשטער סעלעקציע אין בירקענאַו.

עלטערע העפֿטלינגען חזרן נאָך אַלץ איבער די זעלביקע פֿראַזע:

— איר האָט מזל! געקומען שפּעט...

איך דענערוויר זיך. איך בעט זיך בײַ זיי:

— הערט־אויף! שווײַגט אַ ביסל! צי זײַנען אונדזערע נערוון נישט גענוג געשפּאַנט?

די טיר פֿון דער שרײַבשטובע האָט זיך געעפֿנט. דער בלאָק־עלטסטער איז אַרײַנגעקומען און, פֿרווונדיק שמייכלען, אַ פֿרעג געטאָן:

— נו? גרייט?

יאָ. מיר זײַנען געווען גרייט. די ס.־ס.־דאָקטוירים — אויך. ד"ר מענגעלע האַלט אַ ליסטע אין האַנט. די נומערן פֿון בלאָק. ער גיט אַ ווונק דעם בלאָקעלטסטן:

— מען קען אָנהייבן!

דרײַ ווערטער. בלויז דרײַ ווערטער. צענדליקער לעבנס וועלן פֿאַרשניטן ווערן צוליב די דאָזיקע דרײַ ווערטער. אוי, פֿאַר וואָס איז דאָס געגעבן געוואָרן דעם מענטש?

די סעלעקציע האָט זיך אָנגעהויבן. קודם לויפֿן־אַדורך די פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן פֿון בלאָק. שטוב־עלטסטע, משרתים,

קאַפּאָס, פֿאַראַרבעטערס, זיי זײַנע אַלע געזונט. אַ וווּנדער? וואָס פֿעלט זיי דען אין לאַגער? דאַן הייבן־אָן אַדורכגיין די טיר גע־ווײנטלעכע העפּטלינגען. ד״ר מענגעלע באַטראַכט זיי פֿון קאָפּ ביז פֿיס. טייל מאָל שטעלט ער אָפּ איינעם, פֿאַרנאָטירט זײַן נאָמען. יענער איז שוין אַ פֿאַרלוירענער. איין מחשבֿה ברענט אין מוח: נישט לאָזן פֿאַרנאָטירן דעם נומער פֿון מײַן לינקער האַנט. נישט לאָזן! דאָס וואָלט באַטײַט: טויטאורטייל!

אָט שטיי איך שוין פֿאַר דער טיר. בײַ דער שוועל. בלויז צוויי — פֿאַר מיר. טיבי און יאָסי. זיי לויפֿן. איינער נאָכן אַנדערן. כּמעט נישט קיין דיסטאַנץ צווישן זיי. איך באַוויַז צו זען, אַז מענגעלע האָט נישט פֿאַרשריבן זייערע נומערן. עמעצער שטופּט מיך פֿון הינטן. לויף! קוראַזש! איך לויף. איך לויף, נישט ווייסנדיק, אויפֿן מאָמענט, צו וואָס און וווּהין איך לויף. מאָדנע פֿראַגעס צעפּלאַקערן זיך אין מוח לויפֿנדיק: צי בין איך נישט צו־מאָגער? צו־אויסגעדאַרט? איך לויף, אפֿשר דרײַ מעטער. אפֿשר דאָס אויך נישט. מיר האָט אויסגעדוכט, אַז איך לויף שוין אַזוי זיבט יאָרן, לאַנגע יאָרן און צענדליקער, הונדערטער קילאָמעטערס. ענדלעך! אָט שטיי איך שוין, פֿאַרסאָפּעט, פֿאַר־מאַטערט, נעבן יאָסי און טיבי. די ערשטע פֿראַגע:

— ער האָט מיך פֿאַרשריבן?

— ניין! — יאָסי איז באַרויִקט, דעריבער גיט ער צו מיר אַ שמייכל — ער וואָלט אַפֿילו נישט באַוויזן עס צו טאָן. ביסט געלאָפֿן אַזוי שנעל...

איך צעלאַך זיך. בין גליקלעך. ס'ווילט זיך צעקושן מיט ביידע ברידער. אין יענעם מאָמענט האָבן מיר פֿאַרגעסן אין דער גאָרער וועלט. פֿאַרגעסן, אַז די סעלעקציע דויערט ווײַטער און אַז צענדליקער אַנדערע מענטשן — אפֿשר באַקאַנטע, פֿרײַנד — פֿאַרשרײַבן זיך דערווײַל אין דער ליסטע פֿון מלאך־המוות. איך האָב אַפֿילו פֿאַרגעסן אין פֿאָטער.

ערשט שפּעטער, מיט עטלעכע מינוט שפּעטער, ווען איך

האָב געפּילט, מיטן גאַנצן קערפּער געפּילט, אַז איך בין ניצול געוואָרן, ערשט דאַן האָב איך זיך דערמאָנט אין אים. וואָס איז מיט אים?

טיבי און יאָסי באַרויִקן מיך. באַלד וועט מען אַלץ וויסן. באַלד, נאָך דער סעלעקציע. דאַן וועט אָפּגעשאַפן ווערן די לאַגער־שפּערע. מען וועט מעגן פֿאַרלאָזן די בלאָקן. דאַן וועט מען אַלץ געוואויר ווערן.

אינעווייניק אין בלאָק שטייען מענטשן, וואָס לאַכן און וויינען. עס וויינען די פֿאַרשריבענע און ס׳לאַכן די אַנדערע.

עלטערע העפֿטלינגען חזרן נאָך אַלץ איבער זייער פּזמון:

— איר האָט מזל...

אָבער איצט האָבן זייערע ווערטער מיך מער נישט אַרויס־געבראַכט פֿון די כּלים. זאָלן זיי ריידן! פֿאַר וואָס נישט? מיר האָבן טאָקע געהאַט מזל. יעדנפֿאַלס — איך. איך האָב געהאַט מזל.

און ער, דער פֿאָטער?

די סעלעקציע־אָפֿיצירן זײַנען אַוועק. דער בלאָקעלטסטער איז אַרײַנגעקומען צו אונדז און אויף זײַן פּנים האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אונדזער אַלעמענס מידקייט. ער האָט געזאָגט:

— אַלץ איז אַדורך אין דער בעסטער אָרדענונג. נישט גע־זאָרגט! קיינעם פֿון אײַך וועט גאָר נישט פּאַסירן! קיינעם פֿון אײַך...

ער האָט נאָך אַלץ געפּרוּווט טראָגן אויפֿן פּנים די מאַסקע פֿון שמייכל.

עמעצער, אַ לאַנגער, דאַרער ייִד, מיט צוזאַמענגעבראָכענע פּלייצעס און געשוואָלענע פֿיס, האָט געפֿרעגט מיט זײַן שטים פֿון איינעם, וואָס וויל גלייבן אין עפּעס און קען נישט:

— אָבער... אָבער, הער בלאָקעלטסטער! מ׳האָט דאָך מײַן נומער פֿאַרשריבן!

דער בלאָקעלטסטער האָט אויפֿגעהערט שמייכלען. ער איז

בייז געוואָרן, וואָס מ׳וויל נישט גלייבן זײַן שקר, וואָס מ׳לאָזט זיך נישט טרייסטן פֿון זײַנע רייד:

— וואָס פֿרעגט איר שאלות? — האָט ער זיך צעשריגן אויפֿן לאַנגן ייִד — איר גלייבט מיר נישט?! איך זאָג אײַך בפֿירוש, אַז ס׳וועט אײַך גאָר נישט געשען און איר ווילט דווקא זײַן פּעסימיסטיש געשטימט! נאָר איינער! איך וועל אײַך קיין ליגן נית זאָגן! איר מעגט, נאָך מער, איר מוזט מיר גלייבן.

אין צווישן האָט דער לאַגערגלאָק זיך צעקלונגען און מיר האָבן באַקומען דערלויבעניש אַרויסצוגיין אין לאַגער. די לאַגער־שפּערע איז אַריבער. אַ סימן, אַז די סעלעקציע — אויך.

אַ הימל פֿון בלײַ האָט געהאָנגען איבערן לאַגער. אַפֿילו די גליקלעכע העפּטלינגען האָבן זיך געפֿילט אומעטיק. טיבי און יאָסי עסן־אויף זייער קאַלט־געוואָרענע זופּ. איך האָב מײַנע אויפֿגעגעסן פֿריִער, פֿאַר דער סעלעקציע.

איך לויף מיט אַלע כּוחות צום 36סטן בלאָק, זען וואָס עס הערט זיך בײַ אים, בײַם פֿאָטער.

אים אויפֿן וועג באַגעגנט. ער איז געקומען צו מיר.

— נו? ווי איז עס אַדורך בײַ דיר?

— און בײַ דיר?

מיר האָבן זיך קעגנזײַטיק באַרויִקט. איצט אָטעמט זיך לײַכ־טער. איך בין געווען גליקלעך.

גליקלעך. גליק איז אַ רעלאַטיווער באַגריף. אומגליק אויך. אויף וויפֿל דאָס אומגליק איז גרעסער, אויף אַזוי פֿיל איז די געשעעניש, וואָס איז מסוגל צו ברענגען גליק — קלענער. איינס איז אָפּהענגיק פֿון אַנדערן.

מיר ריידן וועגן פֿאַרשיידענע ענינים. עס רעדט זיך לײַכטער. ווידער אַ מאָל פֿאַרטריבן דעם טויט, אים באַזיגט. דער פֿאָטער האָט פֿאַר מיר אַ מתּנה: אַ האַלבע פּאָרציע ברויט. ער האָט גע־פֿונען אין עלעקטרי־מאַגאַזין אַ שטיק גומע, וואָס קען פֿאַרביצט

ווערן אויף גומע־זוילן. האָט ער עס פאַרקויפט פאַר אַ האַלבע פּאָרציע ברויט.

דער גלאַק... מ׳מוז גיין שלאָפן.

דער גלאַק! דאָס איז געווען מײַן גרעסטער שונא אין לאַגער. ער איז געווען דער אַלמעכטיקער גאָט און הערשער. מיט זײַן הסכּמה, לויט זײַן רצון האָבן מיר באַקומען עסן, געגאַנגען שלאָפן, זיך וואַשן און אַרבעטן. אין דער פרי האָט ער אונדז אַרויסגעריסן פון די אָרעמס פון חלום און אין אָוונט — פון די אָרעמס פון פרײַנד. אוי, האָב איך אים פײַנט געהאַט, דעם גלאַק! און ווען איך פלעג אַ מאָל, אַ מאָל האָבן די העזה און וועבן אַ נישט־רעאַלן, אַ נישט־אמתן טרוים וועגן פרײַהייט, וועגן אַ פרײַ לעבן, האָב איך עס פאַרגעשטעלט ווי אַ לעבן אָן אַ... גלאַק. ער איז געוואָרן דער סימבאָל פון קאַצעט אין מײַנע אויגן. דער סימבאָל פון מײַן יאוש, פון מײַן גורל. אָפט מאָל האָב איך געמיינט, אַז איך גיי־אַראָפּ פון זינען, צוליב אים, צוליבן גלאַק.

— אַ גוטע נאַכט, פאָטער, דער גלאַק... האָט געקלונגען.

— אַ גוטע נאַכט, מײַן זון!

דער הימל האָט אָנגעהויבן וואַשן זיך. שטיקער שמוציקע וואָלקנס האָבן זיך אָפּגעריסן פון אים און אַנטלאָפן פאַרן ליכט פון די שטערן. מיט אַ שעה צוריק איז דער הימל פון בלײַ געווען. ווו איז אַהינגעקומען דאָס בלײַ? איבעריק צו טראַכטן בכדי צו געבן אַ תּשובֿה: ער איז בײַ מיר אין האַרצן.

*

אַ פּאָר טעג זײַנען אַדורך. אין דער סעלעקציע האָבן מיר שוין כּמעט פאַרגעסן. מ׳איז געגאַנגען צו דער אַרבעט. ווי געווינטלעך. אונדזער קאָמאַנדאָ האָט געהאַט איינע פון די שווערסטע אַרבעטן: אויפלאָדן שווערע שטיינער אויף דײַטשישע וואַגאָנען. נאָך יעדער שעה אַרבעט פלעג איך מיינען, אַז איך וועל פאַלן אין חלשות און מער נישט אויפשטיין. די ראַציעס זײַנען געווען

מאָגערער ווי פריִער. אָבער חוץ דעם האָט זיך אַלץ געפירט ווי ביז איצט. גאָר נישט האָט זיך געענדערט. האָבן טאַקע אייניקע באַמערקט:

— אַ סימן, אַז דער בלאָקעלטסטער האָט יאָ געזאָגט דעם אמת: ס'וועט קיינעם גאָר נישט געשען!

אַ סימן... פאַר וואָס נישט? זײַנען דאָך געווען צווישן אונדז אַזעלכע, וואָס זייערע נומערן זײַנען פאַרנאָטירט געוואָרן דורך ד"ר מענגעלע. יעדער איז געווען זיכער — און בעיקר זיי אַליין — אַז זיי זײַנען פאַרלוירן. און אָט — גייען זיי צו דער אַרבעט, ווי מיר אַלע, באַקומען ברויט, זופּ, ווי מיר אַלע...

נאָר דער בלאָקעלטסטער אַליין האָט פאַרלוירן זײַן שמייכל, זײַן טרויעריק־ענערגישן שמייכל, בעת מ'האָט געפּרוווט דערמאָנען די סעלעקציע אין זײַן אָנוועזנהייט.

ביז...

אין אַ שיינעם — אַ שיינעם? — פרימאָרגן. מ'איז אויפגעשטאַנען ווי יעדן טאָג פאַרן זונאויפגאַנג. מ'האָט זיך געוואַשן. באַקומען שוואַרצע קאַווע. ברויט. ווי אַלע מאָל.

פלוצעם קומט־אַרײַן דער בלאָקעלטסטער און רופט־אויס:

— רויִק! איך בעט אײַך צו זײַן רויִק אויף אַ ווײַלע. איך האָב דאָ אַ ליסטע פון נומערן... איך וועל זיי פאָרלייענען. די אַלע, וואָס איך וועל רופן, גייען נישט צו דער אַרבעט: פאַרבלײַבן אין לאַגער!

און מיט אַ ווייכער, ביז־גאָר ווייכער שטימע האָט ער פאַרגעלייענט אַ צענדליק נומערן פון פּאַפּיר, וואָס האָט געציטערט אין זײַן האַנט.

מ'האָט זיך גוט צוגעהערט צו די נומערן. עטלעכע פּנימער זײַנען בלאַס געוואָרן. מיט אַ מאָל האָבן מיר פאַרשטאַנען: סעלעקציע־נומערן!

אונדזער האָפענונג איז געווען אַ פאַלשע. מענגעלע האָט

נישט פֿאַרגעסן. דער טויט האָט טאַקע פֿאַרשפּעטיקט צו קומען אויפֿן ראַנדעווו, אָבער — ער איז געקומען.

אַ קיל ווינטל האָט געבלאָזן. אין מזרח איז דער הימל רויט געוואָרן. אַ גאָלדענער פּאַס האָט זיך באַוויזן אויפֿן האָריזאָנט.

דער בלאָקעלטסטער פּרווט אַרײַנגיין צוריק אין זײַן צימער. צען מענטשן רינגלען אים אַרום. זיי רײַסן שטיקער פֿון זײַן קאָסטיום:

— העלפֿט! איר האָט דאָך אונדז מבֿטיח געווען! גאָלדענע הבֿטחות? העלפֿט! איר קענט אונדז העלפֿן! מיר ווילן גיין אַר־בעטן, מיר זײַנען גוטע אַרבעטער, מיר קענען, מיר ווילן...

וואָס האָט ער געקענט טאָן?

האָט ער געפּרוווט זיי באַרויִקן, דערקלערנדיק אַז דער פֿאַקט, וואָס זיי בלײַבן אין לאַגער, האָט קיין שום באַטײַט נישט, קיין שום טראַגישן באַטײַט נישט...

— אָט זעט איר, איך פֿאַרבלײַב יעדן טאָג אין לאַגער — נו, געשעט מיר עפּעס?

קיינער האָט נישט געלאַכט פֿון זײַן וויץ.

אין צווישן האָט דער גלאָק זיך צעקלונגען:

— אײַנטרעטן!

באַלד וועלן מיר זײַן בײַ דער אַרבעט. הײַנט אַרט מיך נישט, וואָס די אַרבעט איז אַזאַ שווערע. אַבי זײַן ווײַט, ווײַט פֿון בלאָק, ווײַט פֿון דער סצענע, וווּ טראַגעדיעס ווערן געבוירן און פֿאַרלוירן.

פּלוצעם זע איך, ווי מײַן פֿאָטער לויפֿט צו מיר. אין אים האָב איך כמעט פֿאַרגעסן. איך פֿיל, ווי אַן אומרו באַפֿאַלט מיך:

— וואָס איז געשען?

ער קען קיין וואָרט נישט אַרויסברענגען פֿון זײַנע ליפּן. ער איז פֿאַרוואָלקנט און צעבראָכן.

— איך בין אויך... מיר האָט מען אויך... געהייסן... בלײַבן אין לאַגער!

אינסטינקטיוו האָב איך געוווּסט דעם המשך פֿון דער פּראָזע.

יעדע צרה קומט אומגעריכט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז מ׳האָט מיט אַן אײַזערנער פּויסט מיר אַ זעץ געגעבן אין פּנים:

— ווי אַזוי איז עס געשען?

ווײַזט זיך אַרויס: מ׳האָט זײַן נומער יאָ פֿאַרשריבן, נאָר ער האָט עס נישט באַמערקט.

— וואָס קען מען טאָן, פֿאָטער?

ער פּרוּווט מיך באַרויִקן. ער פּרוּווט מיך דערמונטערן. ער — מיך. ער זאָגט:

— ס׳איז גאָר נישט. ס׳איז נאָך ניט זיכער. פֿאַראַן שאַנסן צו ראַטעווען זיך. ס׳וועט זײַן הײַנט אַ צווייטע סעלעקציע — אַ דעצידירנדיקע...

איך האָב געשוויגן. נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן. נישט גע־האַט וואָס צו זאָגן.

דער פֿאָטער רעדט ווײַטער. איצט איז דער ריטעם פֿון זײַנע רייד געוואָרן שנעלער. ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט נישט באַווײַזן מיר צו זאָגן אַלץ, וואָס ער האָט צו זאָגן, אַז באַלד, באַלד וועל איך צוזאַמען מיט די איבעריקע מוזן אַרויסמאַרשירן צו דער אַרבעט און — ער וועט פֿאַרבלײַבן אַליין, אַליין...

— אָט, נעם דאָס מעסער — זאָגט ער צו מיר — איך דאַרף עס מער נישט האָבן. דיר וועט עס צו נוץ קומען. נעם דעם לעפּל אויך. פֿאַרקויף זיי נישט. שנעלער! נעם וואָס איך גיב דיר! ירושה!

טרערן זײַנען אַנגעלאָפֿן אין מײַנע אויגן. אויך אין זײַנע, אין פֿאָטערס. מיר קוקן ביידע אַוועק אין אַ זײַט. איך שטרענג זיך אָן מיט אַלע כּוחות אַרויסצוזאָגן אַ וואָרט:

— רייד נישט אַזוי, פֿאָטער! — ענטפֿער איך אים — פֿאָטער, רייד נישט אַזוי! איך וויל נישט הערן אַזעלכע ווערטער. האַלט בײַ דיר דעם לעפּל און אויך דאָס מעסער. דו דאַרפֿסט זיי האָבן גענוי ווי איך. איבעריקנס, מיר וועלן זיך זען הײַנט אָוונט. איך בין זיכער אין דעם...

דאַן האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט זײַנע מידע, טרויעריקע אויגן, וועלכע זײַנען טונקעלער געווען ווי אַלע מאָל צוליבן טרערן־פֿאָרהאַנג, וואָס האָט זיך אויף זיי אַראָפּגעלאָזט, און געזאָגט:

— איך בעט דיך... נעם... טו, וואָס איך הייס דיר, מײַן קינד! דו מוזסט פֿאָלגן דײַן פֿאָטער!

אונדזער קאַפּאָ שרײַט־אויס דעם באַפֿעל צו מאַרשירן.

די קאָמאַנדאָ גייט־פֿאָרויס צום טויער. איך בײַס זיך די ליפּן, כּדי נישט צו וויינען. איך וואַרף אַ בליק הינטער זיך. דער פֿאָטער איז געבליבן אָנגעשפּאַרט אין בלאָק. ער קוקט־נאָך נאָך מיר. דאַן נעמט ער לויפֿן. ער וויל מיך דעריאָגן. מסתּמא האָט ער פֿאַרגעסן עפּעס, וואָס ער האָט געוואָלט מיר זאָגן. אָדער סתּם אַזוי, געוואָלט זיך געזעגענען מיט מיר. ער איז געלאָפֿן. אָבער מיר זײַנען צו־שנעל געגאַנגען.

אָט זײַנען מיר שוין בײַם טויער. אַ ס.־ס.־מאַן ציילט אונדז. פֿאַרשרײַבט. דער קאַפּאָ הייסט אָנטאָן די היטלען. מיר זײַנען שוין אויסערן לאַגער.

דער פֿאָטער איז געבליבן אינעווייניק.

צי וועל איך אים נאָך זען אַ מאָל?

במשך דעם גאַנצן טאָג בין איך אַרומגעגאַנגען ווי אַ לבֿנה־קריכער. טיבי און יאָסי האָבן זיך באַמיט מיך צו טרייסטן. דער קאַפּאָ — אַ ייִדישער בחור פֿון לאָדזש — אויך. ער האָט מיר צוגעטיילט צו לײַכטער אַרבעט. אַ ספּעציעלע באַציִונג! דאָס האָט מיר וויי געטאָן. צוליב איר האָב איך זיך שוין געפֿילט אַ יתום. מ׳האָט אויף מיר רחמנות! זיי ווייסן, וואָס ס׳איז געשען; זיי ווייסן, וואָס ס׳שפּילט זיך אָפּ אין האַרצן פֿון אַ יתום, און דעריבער האָבן זיי רחמנות...

איך האָב געטראַכט: אַפֿילו איצט העלפֿט מיר דער פֿאָטער! אַ דאַנק אים האָב איך אַ לײַכטערע אַרבעט!

די שעהן האָבן זיך געצויגן פּאַמעלעך, פּאַמעלעך. איך האָב אַליין נישט געוווּסט, וואָס איך וויל: דער טאָג זאָל שנעל אַדורכ־

גיין אָדער נישט. פֿון איין זײַט האָבן איך מורא געהאַט פֿאַרן אָונט, פֿאַרן ליידיקן אָונט, פֿאַר דער זיכערקייט, וואָס ער וועט מיט זיך מיטברענגען, אָבער פֿון דער אַנדערער זײַט האָב איך געוואָלט וויסן, וואָס ס'איז געשען מיט אים, מיטן פֿאָטער.

ענדלעך האָט די זון — וועלכע רעכנט זיך נישט מיט מײַנע ספֿקות — זיך דערמאָנט אונטערצוגיין. מ'גייט־צוריק אין לאַגער. דאָס האַרץ שלאָגט מיט אַ האַמער. דער פּולס: 140 אַ מינוט. די אויגן זײַנען אויסגעשטאַרט, זיי נישטערן, זיי פּרוּוון זען, וואָס ס'טוט זיך דאָרט, דאָרט אין לאַגער; די פֿיס גייען שנעל, שנעלער, שנעלער, שנעלער, עס ווילט זיך לויפֿן...

דאָס ווערעמל פֿון סקעפּטיציזם עגבערט אין האַרץ און פֿרעגט: צו וואָס זיך אײַלן, טיפּש איינער? צי וועסטו נישט באַקומען געננג פֿרי די ידיעה, די שלעכטע בשׂורה?

מוזיק. דער אייביקער מיליטערישער מאַרש. אָט דער לאַגער. דער טויער. ס.־ס.־מענער ציילן אונדז. מיר זײַנען אינעווייניק.

איך לויף גלײַך צום פֿאָטערס בלאָק.

צי זײַנען פֿאַראַן ניסים אויף דער ערד?

אָט איז ער...

ער האָט זיך געראַטעוועט. באַוויזן צו איבערצײַגן די ס.־ס.־דאָקטוירים, הײַנט, בשעת דער צווייטער סעלעקציע, אַז דײַטשלאַנד וועט אין אים פֿאַרלירן אַ וויכטיקן אַרבעטער, אויב מ'וועט אים אַוועקנעמען פֿון בונאַ. מיר צעקושן זיך. איך גיב אים צוריק דאָס מעסער מיטן לעפֿל.

אין האַרצן פֿרעגט זיך נאָך אַלץ אַ פֿראַגע: צי זײַנען פֿאַראַן ניסים אויף דער ערד?

און איך ענטפֿער אויפֿן הויכן קול:

— יאָ, פֿאָטער, ס'זײַנען פֿאַראַן ניסים...

די סעלעקציע האָט זיך פֿאַר אונדז פֿאַרענדיקט מיט אַ נס.

*

עפּילאָג: עקיבֿא דרומער האָט אונדז פֿאַרלאָזט. ער איז געפֿאַלן אַ קרבן פֿון דער סעלעקציע. לעצטנס האָט ער זיך געפֿילט קראַנק, פֿאַריאושט. ער פֿלעגט אַרומגיין מיט פֿאַרלוירענע אויגן און דערציילן יעדן איינעם זײַן שוואַכקייט:

— איך קען מער נישט אויסהאַלטן... איך קען מער נישט...

מיר, מײַן פֿאָטער און איך, פֿלעגן פּרוּוון אים דערמונטערן, דערמוטיקן, דערציילן אים וועגן דער באַהאַלטענער זון, וואָס דאַרף אויפֿגיין צו מאָרגנס, אָבער ס'האָט נישט געהאָלפֿן. ער האָט זיך געהאַלטן בײַ זײַנעם: ער קען מער נישט קעמפֿן, ער האָט נישט מער די כּוחות, די אמונה דערצו.

ער האָט פֿאַרלוירן די אמונה, עקיבֿא דרומער. די אמונה אין זיך און אפֿשר אויך — אין גאָט. ער פֿלעגט זעלטן ריידן וועגן דעם, אָבער אָפֿט מאָל האָט זיך אַ מוראדיקע ליידיקייט אָפּגעשפּיגלט אין זײַן טונקעלן בליק און די ליידיקייט האָט גערעדט מער ווי אַ פּוסטע אַנאַכראָנישע פֿראַזע.

עקיבֿא דרומער איז נישט געווען דער איינציקער, וועמען די אמונה האָט פֿאַרלאָזט אין יענע טעג. איך האָב געקענט אַ רבֿ פֿון אַ קליין פּויליש שטעטל. אַ קליינער, פֿאַרבויגענער ייִד איז עס געווען, מיט אײַנגעפֿאַלענע באַקן און תּמיד־ציטערדיקע ליפּן. אַן אייביקער מתפּלל געווען. בשעת דער אַרבעט פֿלעגט ער זיך שאָקלען און ער פֿלעגט לערנען אויף אויסנווייניק אַ בלאַט גמרא מיט תּוספֿות. טייל מאָל פֿלעגט ער מיך רופֿן דאַווענען מנחה־מעריבֿ, ווײַל ס'האָט אויסגעפֿעלט אַ צענטער צום מנין. און איך בין געגאַנגען, ווײַל — נישט ווילנדיק האָב איך רעספּעקטירט זײַן אײַזערנע אמונה, וואָס איז אין אים — אָן וועלכער נישט איז שײַכות מיט אויסערלעכע געשעענישן. האָט ער מיר אַ מאָל געזאָגט, דער דאָזיקער רבֿ:

— גאָט איז נישט מער מיט אונדז!

און גלײַך ער וואָלט זיך פּלוצעם דערשראָקן פֿאַר זײַנע איי־

גענע ווערטער, פֿאַרן גרויזאַמען אמת פֿון זײַנע ווערטער, האָט ער פֿאַרגעזעצט מיט זײַן שוואַכער, בלאַסער שטים:

— איך ווייס, מען טאָר נישט ריידן אַזעלכע דיבורים. איך ווייס. דער מענטש איז צו־קליין, צו־נישטיק, כּדי ער זאָל פֿאַרשטיין גאָטס דרכים. אָבער — וואָס קען איך טאָן? איך בין נישט קיין צדיק. אַ פּשוטער בשׂר־ודם בין איך. געטלעכער ווייטיק, קערפּערלעכער ווייטיק — ביידע זײַנען מיך מצער. און אין די אַלע יסורים אונדזערע זע איך, בין איך געצוווּנגען צו זען, גאָטס האַנט, די האַנט פֿון אל־הרחמים, ווי זשע קען איך גלייבן, ווי זשע קען עמעצער גלייבן אין אַזאַ אל־הרחמים, אין אַזעלכע רחמים?

יאָ, אַ סך מענטשן האָבן פֿאַרלוירן זייער אמונה אין יענע טעג. פֿאַרלוירן האָבן זיי דעם צלם־אלהים און צוזאַמען מיט אים די שטרעבונג צו זײַן גלײַך „צו זײַן געשטאַלט“.

עקיבֿא דרומער. וואָלט ער ווײַטער געגלויבט אין זײַן געוועזענעם גאָט, וואָלט ער נישט פֿאַרשלעפּט געוואָרן דורך דער סעלעקציע. אָבער אַ משונהדיקער ייִד איז ער געווען: אָן זײַן הימל, אָן זײַן גאָט האָט ער נישט געקענט לעבן. אָן אמונה איז ער נישט געווען בכּוח צו קעמפֿן פֿאַרן לעבן.

מיט טרערן אין די אויגן האָט ער זיך מיט אונדז געזעגנט.

געטרייסט האָבן מיר אים נישט. צו וואָס? ער האָט געוווּסט ווו ער גייט. געוווּסט וואָס ס׳וואַרט אויף אים. צו וואָס זשע זיך צעשיידן מיט אַ ליגן, מיט אַ פֿאַלשער נחמה?

ער האָט געדריקט אונדזערע הענט און זיך געבעטן בײַ אונדז:

— זאָגט קדיש נאָך מיר...

פֿון בוך ... און די וועלט האָט געשוויגן, ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום“, ב״א 1956

חיים גראַדע

# אַ נאַקעט ייִנגל

באַשאַפֿער פֿון דער וועלט אין אַלע אירע פֿאָרעמס!
אַ נאַקעט ייִנגל טראָגט אַ קינד אויף זײַנע אָרעמס.
ער טראָגט זײַן שוועסטערל, ווײַל זי איז די מיזינקע.
ער טראָגט זײַן שוועסטערל פֿון אויוון אין טרעבלינקע.
און שטענדיק גייט דאָס ייִנגל איבער מיר אין הימל
אויף פֿעלדער אײַז אין אויסגעשטרעקטן געווימל,
אין היץ אין בראַנדיקן פֿון זון צעגליטע הייכן
און בלײַבט ניט שטיין און וויל אין ערגעץ ניט דערגרייכן.
און ס'האַלט דאָס מיידעלע זײַן האַלדז אַרומגעקלאַמערט,
ווי בײַ דעם טויטמאַרש צום געהיימען לעצטן קאַמער.

באַשאַפֿער פֿון די ווײַטע הימלישע געצעלטן,
פֿון אונדזער שלעכטער וועלט און דײַנע גוטע וועלטן!
די צישענדיקע שלאַנג וואָס דרייט זיך אין אַ בייגל,
זעט אַנדערש אויס ווי דײַנע זינגענדיקע פֿייגל,
פֿאַרבײַטן וועט ניט קיינער זייערע געשטאַלטן.
דער מענטש האָט אָבער אין זײַן אויסזען זיך באַהאַלטן,
ס'האָט אויך דער תּליון ווײַסע פֿינגער ווי זײַן קרבן,
און שטאַרבט דער תּליון — איז ער אײן מאָל בלויז געשטאָרבן.
און נאָר דאָס ייִנגל גייט און גייט, און ס'טראָגט דער גייער
זײַן שוועסטערל, ווי ס'טראָגט די זריעה־קאָרב דער זייער.

די צוועלף מזלות האָבן מיך אַרומגערינגלט
ווי שטעכלדראָט; און איצט דאָס מזל פֿון דעם ייִנגל.
געזוכט האָב איך דאָס לאַנד, וואָס איז אים נאָענט־אייגן,
אַז ער זאָל דאָרט זײַן שוועסטערל אַרונטערלייגן,
און איך האָב אָפּגעזוכט אַ בערגל בײַם כּנרת,

וווּ אַלע ביימער וועלן רוישן למזכּרת.
איז וויל ער אויך ניט בײַם כּנרת, בײַ דעם בלויען,
זײַן קאַלט און גאַקעט שוועסטערל דער ערד פֿאַרטרויען.

און ווײַטער וואַנדערט ער אין גלגול־הירח
אַרום טרעבלינקעס אויסגעלאָשענעם מזבח.

פֿון בוך אויף איין וועג צו דיר — בדרכי אַליך, תל־אָביב 1969

ק. צעטניק

# דער זייגער איבערן קאָפּ

קאַפּיטלען

## אַ מענטש ליגט אויפֿן ציגל־אויוון

לאַנג אין דער בלאָק און לאַנג דער ציגל־אויוון. ליידיק און לער. בלויז אין דער מיט טיילט דער גוף פֿון אַ מענטש אַדורך דעם אויוון ווי אַ רייף.

ער איז פֿאַרטיק.

זײַן בויך — איבערגעוואָרפֿן אויפֿן אויוון. די הענט גידערן־אַראָפּ אויף איין זײַט פֿון אויוון און די פֿיס אויף דער אַנדערער זײַט פֿון אויוון. די שטובנדינסט [1] האָבן אים צוגעריכט. ער איז פֿאַרטיק. מען וואַרט. באַלד וועט זיך עפֿענען דאָס טירל פֿון בלאָק־שטיבל. פֿראַנצל, דער בלאָקעלטסטער, וועט פֿון דאָרט אַרויסקומען מיטן שטעקן.

ליידיק און לער. פֿון די נאַרעס, אויף ביידע זײַטן בלאָק, קוקן העפֿטלינגס [2] ווי צוזאַמענגעדריקטע עופֿות־קעפּ דורך דער דראָט־

[1] משרתים, וואָס די נאַציס האָבן אויסגעקליבן אין די לאַגערן אויף אָפּצוהיטן זייערע פֿאַראָרדענונגען. — [2] קאַצעטלערס.

נעץ פֿון זייערע שטײַגן, שטײַגן — אויסגעשטעלטע לענגויס די ווענט, פֿון אונטן ביז צום סופֿיט, פֿול־פֿול מיט עופֿות.

אַ מענטש ליגט איבערגעוואָרפֿן אויפֿן אויוון.

פֿון דאַנען זעסטו נישט זײַן קאָפּ, פֿון דאַנען זעסטו בלויז דעם נאַקעטן אונטערטייל פֿון זײַן לײַב; די אַראָפּגעלאָזטע הויזן, וואָס דעקן־צו אויף דער ערד די באָרוועסע פֿיסלעפֿל; די צוויי גריבער פֿון זײַן נאַקעטן געזעס; צוויי לאַנגע פּיסביינער ווי לאַנגע שטרויען — געלע לאַנגע שטרויען.

מען וואַרט.

פֿון אָנהייב בלאָק דערנענטערט זיך דער בלאָקעלטסטער. דו הערסט דעם קריץ פֿון זײַנע שטיוולטריט. די ערד בוקט זיך צו זײַנע פֿיס. ער קומט־צו ביז צו דעם וואָס ליגט און וואַרט אויף זײַן אָנקום; ער גייט אים פֿאַרבײַ און דרייט זיך באַלד אויס, כּדי דער שטעקן אין זײַן רעכטער האַנט זאָל אויסקומען אַקעגן דעם געלן נאַקעטן לײַב. ער לאָזט אַ רגע פֿאַלן זײַן בליק אויף דעם גוף ווי אין צירק דער צויבערער, שטייענדיק פּנים־אל־פּנים מיט דער צוגעגרייטער זאַך, פֿון וועלכער ער דאַרף באַווײַזן אַ קונץ. ער הייבט באַלד צוריק אַרויף דעם בליק. ער קוקט זיך אַרום צו די אָנגעפֿולטע נאַרעס, פֿון דער ערד ביז צום סופֿיט. ס'איז זײַן, זײַן בלאָק. אַלע פֿראָזשעקטאָרן פֿאַלן איצט אויף אים. אַלע אויגן — צו אים געווענדט. ער איז איצט אײנער אַליין אויף דעם ווײַסן צירקטעלער. ער און די זאַך — דאָס מעדיום.

ער שאַרצט־אַרויף דעם אַרבל אויף זײַן האַנט. דער ווײַסער שטעקן, אַן אויסגעצויגענער אין זײַן פֿויסט. ער קוקט זיך בשעת־מעשׂה אַרום. הייבט־אַרויף די אויגן הויך, הויך. אויבן, אין די אייבערשטע נאַרעס, ווו די קעפּ רירן־אָן אינעם סופֿיט: צי קוקן אַלע? צי איז נישט איין פּלאַץ דאָרט לער?

ער שאַרצט און פֿאַרבייגט דעם אַרבל פּאַמעלעך. דער ווײַסער שטעקן, אַן אויסגעצויגענער אין זײַן פֿויסט. פֿראַנצל האָט אים געבראַנגט פֿון דער באַנראַמפּע, ווו ער האָט אים אַרויסגענומען פֿון

דער האַנט פֿון אַ בלינדן. אַ גוטער שטעקן, צעבראָכט זיך נישט. צו וואָס דאַרף אַ בלינדער אין אוישוויץ אַ שטעקן? דער אויטאָמאָביל, אויף וועלכן מען האָט אים אַרויפֿגעוואָרפֿן, קאָן דעם וועג צו דער קרעמאַטאָריע.

אַ מענטש ליגט אויפֿן ציגל־אויוון.

וואָס האָט ער געקאָנט זינדיקן? אפֿשר האָט ער מיטאָגצײַט געקויפֿט בײַ אַ שטובנדינסט אַ פֿאָרציע וואַסערזופּ פֿאַר די ברויט־פֿאָרציע, און אָוונטצײַט, בײַם אויסטיילן דאָס ברויט, האָט ער זײַן פֿאָרציע אַראָפּגעשלונגען? — אָבער ער האָט דאָך געוווּסט, וואָס עס דערוואַרט אים פֿאַר נישט אַוועקגעבן די פֿאָרציע ברויט!

אפֿשר האָט ער געשטאָנעט[3] אין בלאָק בשעת דער בלאָקשפּערע[4]? — אָבער ער האָט דאָך געוווּסט, וואָס עס דערוואַרט אים פֿאַר שטאָנען אין בלאָק!

וואָס האָט ער געקאָנט זינדיקן?

פֿון דאַנען זעסטו נישט דעם קאָפּ. פֿון דאַנען זעסטו בלויז דעם באַקעטן אונטערטייל. אָט איז ער — דער אַנטבלויזטער אונטערטייל פֿון אַ מענטש! דער טייל פֿון זײַן גוף, וועלכן דו האָסט אַמ־מערסטן צוגעדעקט; דער טייל פֿון גוף, וואָס איז בײַ דיר אַממערסטן אינטים; דער טייל פֿון גוף, וואָס איז געווען ווי דײַן קדשי־קדשים — גאָט פֿון ליבע האָט דאָרט אַנטפּלעקט זײַן פּנים צווישן די אויסגעשפּרייטע פֿליגל פֿון צוויי כּרובֿים[5].

אָט איז ער — דער אויפֿגעדעקטער גוף־טייל פֿון אַ מענטש! ער ליגט אויפֿן ציגל־אויוון אין אַ בלאָק פֿון אוישוויץ.

גוף! ווער ביסטו?

צי האָסטו, גוף, געהערט צו אַ מאַן אין זײַן פֿרילינג, צעשטראַלט ווי אַ יונגער זונגאָט אין פֿרימאָרגן פֿון חודש מײַ?

צי האָסטו, גוף, געהערט צו אַ מאַן אין דער צײַט פֿון זײַן פֿולער

[3] געלאָזט השתנה, אוריִן. — [4] פֿאַרשפּאַרט (ווען מ׳טאָר נישט אַרויסגיין). — [5] מלאָכים (בײַ די לוחות).

צעבליטקייט; אַ צעשפּילטער אַפּאַלאַ, צו וועמען פֿרויען־אויגן האָבן זיך געהויבן מיט תּפֿילה אין האַרץ?

צי האָסטו, גוף, געהערט צו אַ מאַן — רײַף ווי שטאַרקער ווײַן, קרעפּטיק־באַלאָדן מיט כּוח, ווי פֿולע שײַערס אין סוף־זומער?

פֿון דאַנען זעט מען נישט דעם קאָפּ. פֿון דאַנען זעסטו בלויז זײַן אויפֿגעדעקטן אונטערטייל: געלע גריבער, חרובֿע, אַנשטאָט די צוויי עפּל־העלפֿטן פֿון געזעס: און אַנשטאָט די צוויי פֿולע פּײַקעס פֿון פֿיס־אייבער־שענקלען — צוויי דינע, לאַנגע שטריען, אָפּגערוקטע איינער פֿון אַנדערן. אַ ברייטער חלל. דער מענלעכער אייערזאַק הענגט צווישן זיי אַראָפּ ווי אַ לאַנגע, ליידיקע בעטלער־טאָרבע, און די רויטע ציגל פֿון אויוון קוקן־אַרויס פֿון בײדע זײַטן.

אָט איז ער — דײַן קדשי־קדשים! אויפֿגעריסן און געשענדט! רויטע ציגל פֿון אוישוויץ־אויוון — אַנשטאָט דער לויטערקייט פֿון דער שכינה!

דער שטעקן הייבט זיך אַרויף: קוקט אַלע — אַ קונץ! אָן שום אויגן פֿאַרבלענדעניש. דער אַרבל איז אַרויפֿגעשאַרצט. קוקט: אָט ליגט פֿאַר אײַך אַ לעבן. אַיאָ? באַלד וועט איר זען —

דער שטעקן מאַכט אַ ווײַס־פֿליִענדיק דרײַפֿערטל ראָד אין דער לופֿט, שנײַדט זיך אַרײַן אין די צוויי געלע געזעס־גריבער. בלײַבט ליגן אויף דער מעטע!

די צוויי פֿיס גיבן זיך אַ טרייסל, ווי אַן עלעקטרישער שטראָם וואָלט זיי אַדורכגעלאָפֿן. נאָר יעדער פֿוס איז צוגעבונדן צום אײַזערנעם האָק פֿון אויוון; אויף דער צווייטער זײַט איז ווידער יעדע האַנט, באַזונדער, אָט־אַזוי צוגעבונדן.

אָט ליגט פֿאַר אײַך אַ לעבן — — —

נאָך דעם צוואַנציקסטן מאָל — ווען אָט דער ווײַסער שטעקן וועט צוקומען צו דער נאַקעטער מעטע — וועט נישט זײַן מער קיין לעבן! דער אַרבל איז אַרויפֿגעשאַרצט. נישטאָ קיין שום אויגן־פֿאַרבלענדעניש. בײַם צענטן מאָל וועלן די פֿיס מער נישט קיין דריגע טאָן. בײַם פֿופֿצנטן מאָל וועט דער קאָפּשאַרבן זיך ווידער

אַ הייב טאָן, ווי אַן אויפֿגעוועקטער פֿון שלאָף. און שוין — אויס! דער געלער סקעלעט וועט דערנאָך ליגן אַן אויסגעליידיקטער. דאָס לעבן וועט שוועבן פֿון דרויסן, אין דער לופֿט, איבער אים. איר וועט עס זען! איר וועט עס זען!

אָט אַ קונץ פֿון אַ ווײַסן שטעקן!

אַ שטעקן, וואָס האָט באַגלייט, אונטערגעשפּאַרט און געפֿירט אַ מענטשלעך לעבן ערגעץ אויף אַן אַנדער וועלט.

אָט אַ קונץ פֿון אַ שטעקן! קיין שום אויגן־פֿאַרבלענדעניש. דער אַרבל איז אויפֿגעשאַרצט.

נאָר אַלע ווייסן, אַז דאָס איז פֿאָרט אַן אויגן־פֿאַרבלענדעניש. ווײַל אין יענער רגע, ווען אָט דער גוף האָט געשטאָנעט אין בלאָק בשעת דער בלאָקשפּערע — איז דאָס לעבן פֿון אים אַרויס. נישט איצט. דעמאָלט. דעמאָלט. ער האָט עס געפֿילט נאָך דעמאָלט. ער האָט עס געוווּסט. אַלע האָבן עס געוווּסט.

אָט ליגט פֿאַר אײַך אַ לעבן. פֿון דאַנען זעסטו נישט זײַן פּנים —

לעבן! לעבן! ווער ביסטו?

צי האָסטו געהערט צו אַ נײַעם אויפֿגייענדיקן זיגמונד פֿרויד? צו אַן אײַנשטיין?

פֿון דאַנען זעט מען נישט זײַן קאָפּ. פֿון דאַנען זעט מען בלויז זײַן נאַקעטן אויפֿגעדעקטן אונטערטייל.

זאָג, לעבן — געבונדנס אויפֿן ציגל־אויוון אין אוישוויץ — ווער ביסטו געווען?

זאָג, דו אײַנשטיין, פֿון דרויסנדיקער וועלט! צי וואָלטסטו דיך געקאָנט אײַנהאַלטן און נישט שטאָנען בשעת דער „בלאָקשפּערע“ אין אוישוויץ?

זאָג, דו פֿרויד, פֿון דרויסנדיקער וועלט! ווען דו וואָלטסט נישט בײַ צײַטנס אַנטלאָפֿן, צי וואָלטסטו נישט איצט געלעגן אַ געבונדענער מיט אַראָפּגעלאָזטע הויזן אויפֿן ציגל־אויוון פֿון אוישוויץ?

לעבן! לעבן! ווער ביסטו?

פֿון די נאַרעס, אויף ביידע זײַטן בלאָק, קוקן העפּטלינגס ווי צוזאַמענגעדריקטע עופֿות־קעפּ דורך דער דראָטננעץ פֿון זייערע שטײַגן; שטײַגן אויסגעשטעלטע לענגויס די ?ענט. פֿון דער ערד ביז צום סופֿיט — — —

אַ מענטש ליגט אויפֿן ציגל־אויוון.

## אין ריי צו דער קרעמאַטאָריע

שורות.

נאַקעטע שורות.

געלע נאַקעטע סקעלעטן שטייען אויסגעשטעלט פּינקטלעך, גלײַך, גרויס צו גרויס, קליין צו קליין —

„שטילשטאַנד!“

צו מאָרגנס, נאָך דער גרויסער סעלעקציע. באַלד וועט מען אויסרופֿן די נומערן וואָס דאַרפֿן אַוועקמאַרשירן צו דער קרעמאַטאָריע.

אַלע שטייען אויסגעשטעלט אויף די אַפּעל־פּלעצער. יעדער בלאָק אויף זײַן צוגעטיילטן אַפּעלפּלאַץ. נאַקעטע שורות. הונדערט אין דער ברייט. „זעמטלעכע יודען אַנטרעטן!“... קיינער ווייסט נאָך נישט, ווער עס איז נעכטן בשעת דער סעלעקציע געוואָרן אויפֿגעשריבן. באַלד וועט מען דאָס וויסן, באַלד וועט מען אַרויסלייענען די נומערן.

דאָס פּעקל אוישוויצער קליידונג ליגט אויף דער ערד נעבן די פֿיס, צונויפֿגעלייגט מיט אַ סדר: צו ערשט די מאַרינאַרקע, דערויף די הויזן, פֿירקאַנטיק צוזאַמענגעלייגט. שורות נאַקעטע לײַבער — אויבן. שורות קופּקעלעך קליידונג — אונטן. פּינקטלעך. דײַטשיש פּינקטלעך.

דער לעצטער אַפּעל. דער לעצטער אָפּשייד. אַלץ איז פֿון דיר שוין געוואָרן צוגענומען. געבליבן בלויז דאָס, וואָס ליגט נאָך פֿאַרשטעקט ערגעץ אינעם סקעלעט דײַנעם; דאָס, וואָס דו רופֿסט

עס: לעבן. דאָס, וואָס דו ציטערסט אַזוי דעריבער. די קרעמאַטאָריע גייט עס איצט צונעמען. דו גופֿא ווערסט דאָס באַלד דאָרט אַהין צו איר אַוועקפֿירן.

ס׳איז העל. ס׳איז ליכטיק. פּלוצלינג זעט מען אַ הימל. אַ לויטערער הימל. ביז איצט האָט מען נישט געוווּסט, אַז אין אוישוויץ איז פֿאַראַן אַ הימל. ערשט איצט, בשעתן לעצטן אַפּעל, ממש אין דער לעצטער מינוט, אַנטפּלעקט ער זיך פֿאַר די אויגן.

אַ שטיק זון ליגט אויף דער וואַנט פֿון קעגנאיבערדיקן בלאָק. אַפּעלפּלאַץ ווערט דיר פּלוצלינג ליב ווי אַ וואַרעמע היים. ער — דאָס שוידערלעכע אַפּעלפּלאַץ, אויף וועלכן דו האָסט אַזוי פֿיל געליטן — דו דערקאָנסט אים נישט מער. פּלוצלינג ווערט ער דיר טײַער. אַלץ ווערט דיר דאָ טײַער. דאָ איז איצט דײַן היים. דײַן וועלט. דאָ לעבט מען! די שורות נאַקעטע סקעלעטן ציטערן. קיינער וויל זיך נישט שיידן פֿון אַפּעלפּלאַץ.

דער הויפּטשאָסיי איז ליידיק. אַלע אויגן צו אים געשפּיזלט. קיינער ווייסט נישט, וואָס אַזעלכעס עס קומט־פֿאָר אין קרעמאַטאָריע, נאָר יעדערער קוקט צום ליידיקן הויפּטשאָסיי, וואָס ציט זיך אַדורך לענגויס די אַפּעל־פּלעצער און זעט דאָרט דעם אַנטפּלעקטן סוד פֿון קרעמאַטאָריע: די אויפֿגעשריבענע נומערן וועלן באַלד אַרויסטרעטן פֿון די אַפּעל־פּלעצער און זיך דאָרט אַוועקשטעלן.

דער הויפּטשאָסיי איז איצט די קרעמאַטאָריע.

דאָס זעלביקע ליכט. דער זעלביקער הימל. דאָ — דאָס אַפּעלפּלאַץ, דאָרט — דער הויפּטשאָסיי. קנאַפּע צענדליק מעטער טיילן זיי פֿונאַנדער. דאָס זעלביקע ליכט און געלע זאַמד. באַלד וועט מען אויסשרײַען פֿון אַ ליסטע די אויפֿגעשריבענע נומערן. אויגן קוקן צו דער לאַנגער פֿאָדערשטער שורה: הונדערט רוקנס, נאַקעטע סקעלעטן, אויסגעשטעלט איינער נעבן צווייטן; אַ לאַנגער געלער פּאַס שטאָף אויסגעדריוולט און אויסגעטראָלדט מיט גלײַך־אַראָפּגעקעמטע פֿעדעם. יעדער פֿוס — אַ פֿאָדעם.

יעדער טראַכט: איך בין נישט קיין מוזלמאַן. איך בין געזונט

און שטאַרק. איך בין נישט צווישן די אויפֿגעשריבענע. מ׳זאָגט, אַז בשעת דער סעלעקציע קוקט דער לאַגעראַרצט קודם־כּל אויפֿן געזעס. דער עיקר — דער געזעס. קוקנדיק אויף דער אויסגעשטעלטער פֿאָדער־שורה, טראַכט יעדער בײַ זיך: איך האָב נאָך דאָרט פֿלייש. ער ווייסט אויף זיכער, אַז ער האָט נאָך פֿלייש. ער ווייסט אויף זיכער, אַז אַזוי קוקט בשום אופֿן נישט אויס זײַן הינטן. נאָך עפּעס: אויב אַנדערע קוקן אָט אַזוי אויס, האָט אים דער לאַגעראַרצט נעכטן זיכער נישט אויפֿגעשריבן. פֿאַרקערט, ס׳איז גוט צו שטיין בשעת אַ סעלעקציע צווישן אָט אַזעלכע. דײַנע שאַנסן זײַנען זיכערער.

יעדער קוקט אויף די אויסגעשטעלטע לעכער־געזעסן, וועלכע ציִען זיך לענגויס פֿאַר די אויגן, און איז בשעת מעשׂה צופֿרידן. יעדער זוכט מיט די אויגן וואָס טיפֿערע לעכער; וואָס מער פֿאָדעם־דינע פּיס. אין האַרצן פּיקט אַ האָפֿענונג.

ס׳איז שטיל. שורות אויסגעשטעלטע סקעלעטן שטייען און שווײַגן. ס׳איז טאָג. פּלוצלינג דערפֿילט מען אַ טאָג. ס׳איז פֿאַראַן אַ נאַכט און ס׳איז פֿאַראַן אַ טאָג. נאָך אַ נאַכט קומט אַ טאָג. נאָר דאָס פֿילט מען קיין מאָל נישט. אָבער אַז נאָכן טאָג וועט מער נישט קומען קיין נאַכט דערפֿילט מען פּלוצלינג — אַ טאָג. מער פֿון אַלעמען טוליען זיך מוזלמאַנישע ביינער צו אַזאַ וואַרעמער ליכטיקער טאָגיקייט.

שטיל. אַ סך ליכט ליגט דאָ אויפֿן אַפּעלפּלאַץ. אומעטום איז פֿול מיט הימל. די שורות שטייען אָפּגערוקט אַכציק סענטימעטער איינע פֿון דער אַנדערער און דער הימל ליגט אויף די געלע רוקנס פֿון דער פֿאָדערשטער שורה סקעלעטן. אַלץ איז באַלויכטן. אויפֿן ליידיקן הויפּטשאָסיי זעט מען קלאָר — דעם טויט.

בלאָקעלטסטע לויפֿן אַהער־און־אַהין. די אַלמעכטיקע געטער פֿון לאַגער זײַנען איצט זייער באַשעפֿטיקט. זיי זײַנען פֿאַרהאַוועט און פֿאַרפֿאָרעט. ס׳לייגט זיך שווער אויפֿן שׂכל, אַז דאָס אַלץ איז לכּבֿוד די נאַקעטע געלע ביינער, וואָס שטייען דאָ אויסגעסדרט.

אַ לויטערער הימל איז אויסגעשפּרייט איבער די גאָלע שיידלקעפּ. דאָס ליכט פֿון טאָג שטייט אין דער לופֿט ווי אַ גאָלדענער טײַך. די שטילקייט גיסט זיך אַרײַן אין די אויערן און פֿאַרשטאָפּט זיי. גאַנץ אוישוויץ שווײַגט.

ווײַט, ווײַט, איבער די דעכער פֿון די בלאָקן, ציט זיך אַ גראָדליניקער פּאַס רויך צום הימל — בלוי און יום־טובֿדיק. אַ ליכטיקער הימל. לויטער. שטיל. מיט אַ בלויען וואָלקן קרעמאַטאָריע־רויך.

דער טויט גלעט דיר דאָס פּנים מיט זוניקן ליכט, מיט אויסגעשפּרייטן הימל, מיט שווײַגעניש:

— ס׳וועט דיר נישט ווײ טאָן.

— באמת נישט?

— זעסט דאָך, ווי שטיל עס ציט זיך דער רויך צום הימל.

דער לאַגער־עלטסטער לודוויק! שטענדיק טראָגט זיך פֿון אים דאָס אויפֿשוידערנדיקע געשריי. לודוויקן זעט מען נישט. לודוויקן הערט מען. נישטאָ קיין העפֿטלינג, וועלכער זאָל נישט לויפֿן זיך פֿאַרשטעקן בשעת איבערן לאַגער טראָגט זיך לודוויקס געשריי. איצט קאָן קיינער נישט אַנטלויפֿן. זײַן געשריי גייט פֿון איין עק לאַגער צו דעם צווייטן. מען ווייסט נישט ווו, בײַ וועלכן בלאָק ער געפֿינט זיך. פֿון הינטן אָדער פֿון פֿאָרנט.

באַלד וועט עס זיך אָנהייבן. אויס מחשבֿות. צוריק אוישוויץ. צוריק סעלעקציע. צוריק קרעמאַטאָריע. לודוויק! באַלד וועלן זיי אַהערקומען, אַרויסלייענען די אויפֿגעשריבענע. דער הימל ציטערט אויף די ביינער־אַקסלען פֿון די גאָלע שורות. אַלץ ציטערט. ציינער קלאַפּן. ס׳איז קאַלט. דו ווייסט נישט, צי דײַן לײַב שטויסט זיך אַזוי אין די נאַקעטע ביינער פֿון דײַנע שכנים אָדער צי זיי ציטערן דאָס אַזוי און שטויסן זיך אָן אין דיר.

באַלד וועט עס זיך אָנהייבן.

שכנים פֿון איין פּריטשע[1], באַקאַנטע פֿון איין טראַנספּאָרט,

---

[1] ברעט, וואָס דינט פֿאַר אַ בעט, איינס איבערן אַנדערן.

שטייען איינער נעבן דעם צווייטן. אויגן דרייען זיך אויס צו אויגן. אַ פּאָר אויגן פֿרעגן:

— ווי קוק איך אויס?...

די צווייטע פּאָר אויגן גיבן אַ לויף איבער דעם נאַקעטן סקעלעט פֿון פֿרעגער. זיי געדענקען אים נאָך פֿון דער היים:

— גוט, דו זעסט־אויס גוט, דער ענטפֿער רײַסט זיך פֿון מויל אַרויס שנעל ווי נישט דאָס וואָלט געווען דער עיקר. דער עיקר איז:

— און ווי קוק איך אויס?

דעם ערשטנס אויגן באַרויִקן זיך פֿון באַקומענעם ענטפֿער, אַ שטייגער ווי ער וואָלט באַקומען די תשובה פֿון לאַגעראַרצט גופֿא. דער ענטפֿער האָט איצט צוגעטראָפֿן זײַנע באַהאַלטענע געפֿילן. ס׳ווערט אים שרעקלעך גוט. ער ציטערט אַזש אויף פֿון גוטסקייט. יאָ, ער דערמאָנט זיך: דעם צווייטנס אויגן וואַרטן דאָך אויף תשובֿה. ער דאַרף ענטפֿערן אויף דער געשטעלטער פֿראַגע. קוקט ער אויף דעם לײַב פֿון צווייטן: אַ ביינערדיקער, אויסגעטריקנטער סקעלעט — —

— גוט, דו זעסט־אויס גוט... — און דערבײַ טראַכט ער: אָן ספֿק אַן אויפֿגעשריבענער! ס׳איז דאָך גאָר נישט קיין צורה פֿון אַ מענטש! ער געדענקט נאָך, ווי יענער האָט אויסגעזען אין דער היים. ער געדענקט אים נאָך פֿון די ערשטע טעג אין לאַגער. מיט זיך גופֿא איז ער כּמעט זיכער. ס׳האַרץ גיט אים האָפֿענונג. ער באַמערקט נישט, אַז ער זאָל זיך האָבן אַ סך געענדערט. ער קען דען נישט זײַן אייגן לײַב? ער קוקט דאָך דערויף יעדן טאָג. ניין! ער זעט נישט קיין שום שינוי. ער דערמאָנט זיך נישט, אַז ער זאָל אַמאָל האָבן אַנדערש אויסגעזען. יעדן טאָג טאַפּט ער זיך. אמת, ער זעט נישט זײַן אייגן פּנים. ער זעט אָבער די פּנימער פֿון אַנדערע און געדענקט גוט, ווי זיי האָבן אויסגעזען אַמאָל. ער באַשליסט דעריבער בײַ זיך פֿעסט, אַז ער איז געזונט. ער פֿילט, אַז ער איז געזונט. סאַראַ פֿאַרגלײַך איז דאָס? דער צווייטער איז דאָך

ממש אַ סקעלעט! נישט מער קיין מענטשלעכע צורה! נאָר איצט, אין אַזאַ מינוט, צו וואָס זאָל ער אים דאָס זאָגן?

און עס פֿאַלט אים גאָר נישט איַין, אַז פונקט אַזוי טראַכט איצט דער צווייטער וועגן אים.

אויף אַלע שפּראַכן פֿון איירָאפּע, אויף איטאַליעניש און אויף יידיש, אויף פויליש און אויף האָלענדיש — פֿרעגן איצט אויגן



צוויי פאָטאָגראַפיעס: וואָס פון אַ פאָרפאָלק מיט אַ קינד איז אין קאַצעט געוואָרן...

איין און די זעלביקע פֿראַגע: ווי קוק איך אויס? פֿאַרשיידענע קולטורן, פֿאַרשיידענע קלימאַטן, פֿאַרשיידענע שפּראַכקלאַנגען — אָבער אַלע מיט דעם זעלביקן מיין אין דער פֿראַגע: „ווי קוק איך אויס"?...

רויך פֿון פֿאַרברענטע ביינער האָט אויף אַלע שפּראַכן די זעלביקע קאָליר.

*

דאָס איז מער נישט געווען הויפּטשאָסיי, דאָס איז געווען — קרעמאַטאָריע. אַלע האָבן עס געשפּירט, סײַ די וועלכע זײַנען נאָך געשטאַנען אויפֿן אַפּעלפּלאַץ און סײַ די וועלכע זײַנען אַריבער אַהערצו.

דאָס איז מער נישט געווען טויט — דאָס איז געווען אוישוויצער טויט. פֿאַראַן אוישוויצער לעבן און פֿאַראַן אוישוויצער טויט. דאָס איז געווען דער טויט פֿון אוישוויצער לעבן. צום געוויינלעכן טויט זײַנען אַלע דאָ צוגעווינט. קופּעסווײַז, קופּעסווײַז ליגן זיי הינטער די בלאָקטויערן. אַ טויטער ליגט, אַ געהאָנגענער הענגט. אָבער טויטע זאָלן שטיין און קוקן צו דיר מיט אָפֿענע לעבעדיקע אויגן ?...

דאָס איז עס.

אָט איז ער, דער פּחד, פֿאַר וועלכן דער אוישוויצער פּחד האָט געציטערט. מען זעט אים איצט מיט די אויגן. ער שטייט אויפֿן הויפּטשאָסיי און וואַרט, מען זאָל דיך צו אים אַריבערפֿירן.

קנאַפּע צוויי צענדליק מעטער ערד טיילן בלויז אָפּ דאָס אַפּעל־פּלאַץ פֿון הויפּטשאָסיי. שטובן־דינסטן אויסגעשטעלט פֿון ביידע זײַטן מיט גראָבע שטעקנס אין די הענט. אַנדערע כאַפּן דערווײַל אַרויס פֿון די שורות די אַרויסגערופֿענע נומערן. דער הויפּטשאָסיי גייט דיר אַנטקעגן: קרעמאַטאָריע! שטובן־דינסטן שלאָגן מיט שטעקנס איבער שיידלקעפּ. דער מוזלמאַן לויפֿט צווישן זיי אַדורך מיטן פּעקל קליידונג אין זײַנע אויפֿגעהויבענע הענט. ווי איינער וואָס גייט־אַריבער אַ טײַך, ער לויפֿט גייענדיק און גייט לויפֿנדיק. דאָס פּעקל שטערט אים צו שיצן מיט די הענט דעם קאָפּ. אָבער מוותּר זײַן אויפֿן פֿאַרמעג בשעתן לויפֿן אויפֿן קרעמאַטאָריע־וועג — חלילה, דאָס פֿאַלט אים גאָר נישט אײַן.

אָנקומענדיק צום הויפּטשאָסיי, שרײַט פֿון מוזלמאַנס אויגן אַרויס אַ צופֿרידענע שרעק, אַ שלווהדיקער פּחד: ער איז בשלום אַריבער דעם וועג! ער קוקט מיט גרויסע שוואַרצאַפּלען. פֿון אָפּן־שטייענדיקן

מויל רינט אַ לאַנגער גאַווער, פֿון דער נאָז — אַ לייכעץ. ער וויינט נישט, נאָר פּישטשעט מיטן גאַנצן כּוח און טענהט פֿאַר עמעצן אַ נישט־זעעוודיקן; ער דערציילט אים עפּעס־וואָס אָן אויפֿהער. דאָס קול קומט בײַ אים נישט אַרויס פֿון אָפֿן־שטייענדיקן מויל, נאָר פֿון די ריפּן קומט עס אַרויס. דאָס קול קלאַפּט דאָרט ווי אַ פֿאַרמשפּטער מיטן קאָפּ אין די קראַטן פֿון זײַן צעל. ער פּישטשעט אין דער לופֿט אַרײַן מיט אַ קול, וואָס איז תּחילת ברייט, פֿלאַך, געקאַרבט, ווי דער קאָפּ פֿון אַ טשוואָק, דערנאָך לאַנג, רונדיק, דין־פֿאַרשפּיצט. ער הערט נישט אויף צו דרייען מיטן קאָפּ ווי צו אַ פֿאַרהוילענעם טאַקט און פּישטשעט מיטן גאַנצן כּוח.

טאָג־און־נאַכט, ליגנדיק אויף דער פּריטשע, האָט ער געאָנט וועגן דעם איצטיקן שטיין דאָ. ער האָט דאָס געזען מיט צוגעמאַכטע אויגן. דאָס האָט געשטראָמט אין זײַנע אָדער־קאַנאַלן אַנשטאָט בלוט. דער וויי דערפֿון איז געלעגן אינעווייניק אין אים און דער פּחד פֿאַר דעם איז געשטאַנען פֿון דרויסן, פֿאַר די אויגן. ער האָט עס געזען, אָבער פֿון דעסט וועגן האָט ער געהאָפֿט, אַז ער זעט עס נאָר. אים וועט עס אפֿשר אויסמײַדן. איצט, שטייענדיק אויפֿן הויפּטשאָסיי, זעט ער פּלוצלינג עפּעס אַזעלכעס וואָס פֿריִער האָט ער וועגן דעם נישט געאָנט: דער פּחד איז אַרײַן אינעווייניק, אין זײַן געביין, און דער וויי הענגט פֿון דרויסן, פֿאַר די אויגן. ס׳טוט אים נישט וויי אינעווייניק, נאָר פֿון דרויסן. דער אויסגעשפּרייטער הימל איבער די אויגן — טוט אים וויי. דער טאָג טוט אים שרעקלעך וויי. דאָס אַפּעלפּלאַץ צווישן די צוויי בלאָקן, דאָרט ווו עס שטייען די איבערגעבליבענע — טוט אים מוראדיק וויי. דער האָריזאָנט, וואָס איבער די שטעכל־דראָטן, ציט פֿון אים אַרויס לאַנגע פֿלאַכטעס ליכט. די פֿלאַכטעס ציִען זיך, ציִען זיך אָן אַ סוף. ער ווייסט נישט, צי עס ענדיקט זיך איצט אַלץ אָדער עס הייבט זיך איצט ערשט אָן; צי שטאַרבט ער איצט אָדער ער ווערט איצט געבוירן. באַלד וועט מען אים אַוועקפֿירן צו אַ שווידערלעכער אומבאַוווסטקייט. ער טרינקט זיך אין אָט דער אומבאַוווסטקייט ווי אין

אַ ים. ניין, ס'איז נישט קיין ים, ס'איז — פּחד! ער ווערט איצט דערטרונקען אין אַ פּחד. דאָס מויל איז פֿול. ער קאָן ניט שרײַען. נאָר אינעווייניק שרײַט עמעצער פֿון ערגעץ אַרויס, פֿון אָנהייב ברייט, פֿלאַך, געקאַרבט, און לסוף רונדיק, דין, שפּיציק.

דער פּחד שרײַט אויפֿן אוישוויצער הויפּטשאָסיי און דער עכאָ ענטפֿערט אים אָפּ פֿון נאַקעטע מוזלמאַנישע ריפּן אַרויס.

אויף די אַפּעל־פּלעצער שטייען די איבערגעבליבענע, יענע וועלכע מען האָט נאָך דאָס מאָל נישט אויפֿגעשריבן זייערע נומערן. זיי קוקן צום הויפּטשאָסיי, צו די מיט וועלכע זיי זײַנען אָקערשט געשטאַנען צוזאַמען, אַקסל בײַ אַקסל; צוזאַמען געלעגן אויף דער פּריטשע, צוזאַמען געחלומט וועגן דער היים אין זוניקן איטאַליע אָדער אין רוישיקן פּאַריז; געחלומט וועגן גאַסן, טראַמווײַען, פֿאַר־האַנגען איבער פֿענצטער און וועגן אַ קינד, וואָס האָט נאָר־וואָס אָנגעהויבן שטעלן די ערשטע טריט, לויפֿט, לויפֿט, און פֿאַלט־אַרײַן גלײַך אין דײַנע געעפֿנטע אָרעמס. ערשט האָסטו מיט זיי גערעדט און אָט שטייען זיי שוין דאָרט אויפֿן הויפּטשאָסיי. זיי שטייען און קוקן אַהער מיט אַזעלכע גרויסע שטומע אויגן. זיי זײַנען אַוועק־געגאַנגען פֿון דיר און זיך אַפֿילו נישט געזעגנט. קיין איינציק וואָרט נישט אַרויסגערעדט. זיי וויסן דאָך וואַהין מען פֿירט זיי! וואָלטן זיי כאָטש נישט געקוקט מיט אַזעלכע אויגן! פֿאַר וואָס שריִען זיי נישט? פֿאַר וואָס וויינען זיי נישט? פֿאַר וואָס איז דאָ אַזוי שטיל?

אויגן קוקן צו אויגן. פֿון הויפּטשאָסיי צום אַפּעלפּלאַץ און פֿון אַפּעלפּלאַץ צום הויפּטשאָסיי. מען קאָן נישט קוקן. דאָ, אויפֿן אַפּעלפּלאַץ, כאַפּט דיך פּלוצעם אַרום אַ שוידער: ווי אַזוי קאָן אַ לעבעדיקער, אַ באַקאַנטער, וועלכער שטייט דאָרט אויפֿן הויפּט־שאָסיי, קוקן צו דיר מיט אָפֿענע אויגן און איז פֿאָרט אַ טויטער? ווי אַזוי האָבן זייערע אַקסלען ערשט אַ מינוט פֿריִער אָנגערירט איינער דעם צווייטן? דאָס איז דאָך נישט קיין טויטער קערפּער. מיט אַ טויטן קערפּער קאָן מען אַפֿילו צודעקן זיך אויף דער פּריי־

טשע, עס זאָל ניט זײַן אַזוי קאַלט. אָבער אַ טויטער זאָל שטיין און קוקן אויף דיר מיט אַזעלכע צווײ אָפֿענע אויגן! רבונו של עולם, פֿאַר וואָס איז דאָ אַזוי שטיל?...

— גאַנג! גאַנג!!!

— בלאָקשפּערע! בלאָקשפּערע!!!

די געשרייען פֿון די בלאָק־עלטסטע מישן זיך אויס מיט די מוראַדיקע קלעפּ אויפֿן גאַנג. די איבערגעבליבענע אויפֿן אַפּעל־פּלאַץ לויפֿן־צוריק אַרײַן אין די ווידער געעפֿנטע בלאָקן. זיי כאַפּן זיך שנעל אַרויף אויף די ליידיקע פּריטשעס, פֿאַרשטעקן זיך, קאַרטשען זיך אײַן. זיי זײַנען צוריק אין דער ליבער היים. דאָס האָלץ פֿון דער נאַרע [3] איז איצט ווייך ווי אַ מאַמעס שויס. די לופֿט פֿון די ליידיקע פּלעצער פֿון די אַוועקגעגאַנגענע שכנים הילט דיך אַרום ווי אַ וואַרעמע דעק.

אין דרויסן, אויפֿן הויפּטשאָסיי, שטייען נאָך יענע און וואַרטן אין ריי צום מאַרש אין דער קרעמאַטאָריע.

## דער לעצטער ווידוי

איזאָלאַציע־בלאָק.

מען האָט נישט אַרויסגעזען דאָס האָלץ פֿון די נאַרעס. דאָ איז מער נישט געווען צו דערקענען קיין צורה פֿון אַ בלאָק. אַלץ איז דאָ געווען פֿאַרגאָסן מיט נאַקעטע ביינער. די סקעלעטן האָבן אַלץ צוגעדעקט. זיי האָבן געהאַנגען קופּעסווײַז אויף די זײַטן־ברעטער פֿון די דרײַפּאָכיקע נאַרעס ביז אַרויף צום סופֿיט. אויבן זײַנען זיי געקראָכן ווײַטער און ווײַטער, און צוגעדעקט די בעלקעסנעץ אונטערן סופֿיט.

איזאָלאַציע־בלאָק.

בײַ דער קרעמאַטאָריע איז איצט אַ פֿאַרשטאָפּונג. די אויטאָ־

---

[3] באַנק, פּריטשע.

מאָבילן פֿירן נײַ־אָנגעקומענע טראַנספּאָרטן פֿון דער באַן צו דער קרעמאַטאָריע. זיי פֿאָרן הין־צו־צוריק, הין־און־צוריק. ביז די אויטאָמאָבילן וועלן זיך באַפֿרײַען זײַנען די העפֿטלינגס דערווײַל געוואָרן אַרײַנגעשטופּט אין די דרײַ איזאָלאַציע־בלאָקן. מען וועט זיי קומען נעמען, ווען בײַ די קרעמאַטאָריע־אויוונס וועט ווערן אַ ביסל פֿרײַער. אפֿשר הײַנט, אפֿשר מאָרגן. דערווײַל זײַנען זיי דאָ אָפּגעשלאָסן.

איזאָלאַציע־בלאָק.

דאָ איז מער נישטאָ פֿאַר וועמען מורא צו האָבן. דאָ ביסטו שוין באַפֿרײַט פֿון די געזעצן, וואָס הערשן אין די נאָרמאַלע אוישוויצער בלאָקן. דאַ גיט קיינער מער נישט אויף דיר אַכטונג. דאָ איז מער נישט פֿאַראַן נישט קיין „שטובנדינסט“ און נישט קיין בלאָקעלטסטער; נישט קיין קאַפּאָ און נישט קיין לאַגער־עלטסטער.

איזאָלאַציע־בלאָק.

אַלע האָבן געשריגן. ווי זיי וואָלטן געוואָלט אין דער לעצטער מינוט פֿון זיך לאָזן אַרויסהערן דעם לעצטן רעש פֿון זייער קול. אויף דער ערד האָט געפֿלייצט אַ געלע איבערשווענקונג פֿון ביינער ביז איבער דעם ציגל־אויוון. מען האָט גאָר נישט מער אַרויסגעזען. אַלץ פֿאַרגאָסן מיט געלקייט פֿון נאַקעטע ביינער, סײַ אויף די ווענט, סײַ פֿון אויבן, סײַ פֿון אונטן — פֿלייצנדיקער מבול פֿון ביינער.

יעדער האָט זיך געדראַפּעט אַרויף צו די נאַרעס. קיינער האָט נישט געוואָלט דערדריקט ווערן אונטן אויף דער ערד. יעדער האָט געזוכט אַ שטיקל באַקוועם אָרט: אפֿשר וועט מען דאַרפֿן דאָ איבערנעכטיקן. יעדער האָט געוואָלט זײַן שטאַרקער פֿון צווייטן און קריכן איבער דעם צווייטן. אַלע זײַנען געקראָכן איבער אַלע. נאַקעטע ביינער פֿון הענט האָבן זיך געדראַפּעט צו דער הויך איבער נאַקעטע ביינער פֿון הענט; איבער נאַקעטע ביינער פֿון פֿיס; איבער נאַקעטע שיידלקעפּ.

הענט געצויגענע צו דער הויך. אַרויף. אַרויף.

יענע, וואָס זײַנען געלעגן אויבן, האָבן אַרויסגעשטופּט שטיקער קעפּ דורך די פֿלאַכע פֿענצטער־לעכער און אַרויסגעשריגן מיט קולי־קולות: מען זאָל זיי אַרײַנגעבן זייערע פּאָרציעס ברויט פֿון הײַנטיקן טאָג; ווײַל אויב מען פֿירט זיי הײַנט נאָך נישט צום פֿאַרברענען — קומט זיי דאָך די הײַנטיקע פּאָרציע ברויט!

אַנדערע, וואָס זײַנען געלעגן נעבן די ווענט, האָבן געזעצט מיט די פֿויסטן אין די האָלצווענט, אַרויסשרײַענדיק דורך די שפּאַ־רונעס:

— די פּאָרציע! די פּאָרציע!

זיי האָבן געשריגן און מודיע געווען, אַז זיי וועלן ניט שווײַגן. זיי ווייסן, אַז די בלאָקעלטסטע וועלן ווי שטענדיק דערנאָך פֿאַר זיך צונעמען אָט די ברויטן זייערע פֿון הײַנטיקן טאָג און ווי שטענ־דיק אײַנטוישן אויף ציגאַרעטן. זיי האָבן דערפֿון שטענדיק געוווסט, אָבער ביז הײַנט האָבן זיי געשוויגן. נאָר איצט האָבן זיי מער נישט קיין מורא. מען פֿירט זיי סײַ ווי אין קרעמאַטאָריע. איצט וועלן זיי זיך נישט לאָזן. זיי וועלן שרײַען. זיי וועלן מאַכן גוואַלדן. גיך זאָל מען זיי אַרײַנגעבן די פּאָרציעס! זיי פֿאַרלאַנגען דאָס, וואָס עס קומט זיי.

— די ראַציע!... די ראַציע!...

אַ צוגעדריקטער מיטן רוקן צו דער וואַנט שטייט פֿערבער און דער חלום פֿון זײַנע צוויי און צוואַנציק יאָר צאַפּלט־אויף, פֿלעמל־דיק, אַקעגן זײַנע אויגן. פֿון ביז ווו־ווײַט עס דערגרייכט זײַן זכרון האָט ער שטענדיק געהאַט דאָס געפֿיל, אַז די בענקשאַפֿט צו קומען קיין ארץ־ישׂראל איז אַרויס אַ צוזאַמענגעבונדענע מיט אים פֿון זײַן מוטערס טראַכט. אַ גאַנץ לעבן האָט ער זיך געגרייט דעם חלום מקיים צו זײַן. דעם זאַפֿט פֿון זײַנע בעסטע יאָרן האָט ער אַוועקגעגעבן דער דאָזיקער אידיי. אויך זײַן שרײַבערישן טאַלענט, די מתּנה פֿון גאָט, האָט ער איר אַוועקגעשענקט. אין געטאָ, ווען אַלץ האָט אויסגעזען צו זײַן פֿאַרלוירן, האָט ער אָנגעהויבן צו־גרייטן אַ ווידערשטאַנד קעגן די דײַטשן. ער האָט געמאָנט און גע־

וועקט. ער האָט אויפֿגעוויזן, אַז צו פֿאַרלירן איז מער נישטאָ, אָבער ס׳איז נאָך פֿאַראַן צו געווינען דעם כּבֿוד פֿון מענטשלעכן צלם. נאָר דער שילעווער רבֿ האָט קעגן אים געטענהט: ווידערשטאַנד אין געטאָ איז — זעלבסטמאָרד. און על־פּי דין, תּורת־משה, טאָר נישט אַ ייִד מיט אייגענע הענט ברענגען אויף זיך דעם טויט.

איצט ליגט דער נאַקעטער שיידלקאָפּ פֿון שילעווער רבֿ אַ צוגעדריקטער צו פֿערבערס סקעלעטישן ברוסטקאַסטן. מען האָט זיי זאַלבענאַנד געשיקט קיין אוישוויץ. צוויי באַזונדערע קעגנגעזעצטע וועלטן. נאָך אין אוישוויץ זײַנען זיי אַרײַן אין איין בלאָק; אויף איין נאַרע געלעגן; צו איין סעלעקציע געשטאַנען; און איצט גייען זיי צוזאַמען אין קרעמאַטאָריע.

אַ געדראַנג און אַ רעש. ווו נאָר דײַן אויג פֿאַלט — נאַקעטע סקעלעטן. יעדער סקעלעט זוכט פֿאַר זיך אַן אָרט ווו זיך צו קאָנען אָנלענען. קיינער וויל נישט אויף זיך טראָגן די מאַסע פֿון צווייטנס ביינער. אַלע ווילן אַרויף. נאָר אויבן זײַנען אַלע נאַרעס איבערגעפֿולט, געשטאָפּט. הענט מיט אויסגעשפּרייטע ביינער־פֿינגער ציִען זיך צום אַרויף, צום אַרויף.

— זײַט זיך מודה, שילעווער רבֿ, אַז גאָט פֿון די גלותדיקע הימלען ליגט דאָ איצט צווישן דעם ביינער־הויפֿן, אַ מוזלמאַן!

די הויט פֿון שילעווער רבֿס פּנים איז באַדעקט מיט אַ מאָדנעם קאָלירטן צרעת. די הויט שיילט זיך ווי דינע שופּן־קאָרע פֿון אַן אויסגעטריקנטן בוים. און דאָס שיילעכץ איז פֿילפֿאַרביק, גרין־שימלדיק און ראָזגעל. מאָדנע, אַפֿילו איצט, קוקנדיק אויפֿן פּנים פֿון שילעווער רבֿ, זעט פֿערבער אים נאָך אַלץ ווי ער האָט אויסגעזען אַמאָל מיט דער געדיכטער גאָלד־ברוינלעכער באָרד און אויסגעגלאַנצטע פֿלאַשן־פּיאות אַראָפּפֿאַלנדיקע פֿון ביידע זײַטן. ער קאָן זיך נישט פֿאָרשטעלן, אַז אָט דאָס ייִנגליש צרעתדיקע סקעלעטן־פּנים איז דאָס פּנים פֿון שילעווער רבֿ. אים דאַכט זיך תּמיד, אַז דער שילעווער רבֿ רעדט צו אים אַרויס פֿון הינטער אַזאַ מאָדנער מאַסקע.

— וואָס האָסטו געזאָגט, פֿערבער? — פֿרעגט אים דער שיליוװער רבֿ.

— איך זאָג, אַז עס וועט שוין קיינער קיין מאָל נישט אַרײַנבלאָזן אַ לעבן אין די דאָזיקע ביינער. מיר האָבן געזינדיקט, שיליוװער רבֿ! זײַט זיך איצט מודה ומתוודה: מיר האָבן געזינדיקט!

די אויגן פֿון שיליוװער רבֿ הייבן זיך אויף צו פֿערבערן:

— צי זעסטו נישט, פֿערבער, אַז גאָטס גײַסט שוועבט איצט דאָ איבער אָט דעם חורבן און באַשאַף? צי פֿילסטו נישט, ווי מיט אונדזערע ביינער ראַנגלט זיך איצט יעקבֿ מיטן מלאך? מיר זײַנען דער גיד־הנשה אינעם דאָזיקן געראַנגל! זײַ שטאַרק, מײַן קינד, אין דער איצטיקער מינוט, זײַ שטאַרק...

הענט האָבן זיך געצויגן צו דער הויך. אַרויף. אַרויף. נאַקעטע סקעלעטן איבער נאַקעטע סקעלעטן. אַ ווילדער געראַנגל פֿון ביינער אויף ביינער. יעדער סקעלעט האָט איצט געקעמפּט פֿאַר אַ שטיקל פּלאַץ וווּ זיך אַוועקצולייגן. רו, אַ ביסעלע רו.

פֿערבער האָט דערזען דעם סוף. אַ מורא איז אים באַפֿאַלן. אַלע גייען צו דער קרעמאַטאָריע. ער — צווישן אַלע. ער — אַזוי ווי אַלע. ערשט איצט האָט ער דערפֿילט דעם סוף. ביז איצט האָט ער דעם סוף בלויז געזען אויסער זיך — אין דעם אומאויפֿהערלעכן מענטשנשטראָם, וואָס ציט טאָג און נאַכט פֿון דער אוישוויצער באַנראַמפּע ביז צו דער קרעמאַטאָריע. איצט, דאָס ערשטע מאָל, האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ ווייטיקלעכער רחמנות אויף זײַן נישט־געלעבטן לעבן. זײַנע צוויי און צוואַנציק יאָר האָבן זיך איצט געטוליעט צו אים ווי פּיצלעך קינדער צו זייערער אַ מאַמע בשעת אַ קינדער־אַקציע אין געטאָ, און זיי האָבן בײַ אים געבעטן, ער זאָל זיי שיצן. זיי האָבן מורא פֿאַר דער קרעמאַטאָריע.

— שיליוװער רבֿ!... שיליוװער רבֿ!...

ער האָט געוויינט.

די געשרייען האָבן זיך געהויבן וואָס אַ מאָל שטאַרקער: „די ראַציע!”... „די ראַציע!”... די מוזלמענער האָבן נישט אויפֿ־

געהערט צו קלאַפּן מיט די הענט אינעם האַלץ פֿון די ווענט, מען זאָל זיי אַרײַנגעבן די פּאָרציע ברויט, וואָס עס קומט זיי פֿאַרן הײַנטיקן טאָג.

די אויגן פֿון שילעוער רבֿ האָבן צו אים געקוקט. און פּלוצלינג: דאָס איז מער נישט געווען דער שילעוער רבֿ, אַזוי ווי ער האָט אים געקענט פֿון געטאָ, און אויך נישט דער סקעלעט, וואָס איז מיט אים געלעגן אויף די ברעטער פֿון דער נאַרע. דאָס איז געווען — אַ מענטש! אַ מענטש, אַ נאַקעטער, וואָס וועט באַלד אַוועק אין קרעמאַטאָריע. און אין די אויגן פֿון אָט דעם מענטש האָט ער פּלוצלינג דערזען, אַן אויפֿגעוויקלטן, דעם סוד פֿון טויט. ער האָט געזען: דאָס, וואָס האָט אַמאָל באַלעבט אָט דעם סקעלעט, האָט שוין צוריק דערגרייכט זײַן מקור. קיינער דאָ, אין אוישוויץ, איז מער נישט קיין הערשער איבער דעם. די געלײַטערטע דערקענטעניש האָט צו אים אַרויסגעקוקט פֿון ברייט־צעעפֿנטע אויגן פֿון אַ מענטש אין אוישוויצער איזאָלאַציע־בלאָק. ער האָט געפֿרעגט:

— שילעווער רבֿ! צוליב וועמען ראַנגלט זיך יעקבֿ מיטן מלאך, אויב זײַנע קינדער זײַנען נישט אַריבער דעם טײַך, נאָר זיי זײַנען געבליבן דאָ, אין דער נאַכט?

— פֿון אָט דער נאַכט וועט יעקבֿ מיט זיך אַרויסטראָגן דעם נאָמען ישׂראל. דער מאָרגנשטערן וועט פֿריִער נישט אויפֿשײַנען.

פֿערבער האָט דערזען דאָס ליכט: זײַנע חבֿרים, דאָרט, אין ארץ־ישׂראל! ער האָט דערזען די אַנטפּלעקונג. בלויז אַן אויגנבליק האָט עס גענומען. אַלץ אַרום אים איז איצט געווען געלײַטערט. ער האָט מער נישט געפֿילט, אַז ער זיצט אַין זײַן סקעלעט. אין אָט דער מינוט האָט ער פֿאַרגעסן אינעם קיום פֿון זײַן גוף. די אויגן פֿון שילעווער רבֿ זײַנען געווען ווי צוויי געעפֿנטע טויערן —
ער איז דאָרט אַרײַן.

פֿון בוך „דער זייגער איבערן קאָפּ", תל־אָביב 1961

אידע גראָדזיאַנאָווסקי

## שוין גענוג!

יעדן פרי, יעדן פרי קלאַפּט דיין פוס יעדן טאָג אויפן האַרטן ברוק
און די פיס, דיינע פיס, אין דעם גאַנג אויפן ברוק שוין געוואָרן מיד.
ווו דו גיסט זיך נאָר אַ קער און דו גיסט זיך נאָר אַ דריי
זיינען וועלטס אַלע טירן געשלאָסענע פאַר זיי.
שוין גענוג, שוין גענוג קלאַפּט דיין פוס יעדן טאָג אויפן האַרטן ברוק.



אין די שיך דיינע פיס קלאַפּן־אויס יעדן מאָרגן דעם אַרבעטסטאָג
פאַר זיך,
אין די שיך דיינע פיס איז דער גאַנג אויפן ברוק שוין געוואָרן
מיאוס,
נאָר די פיו בינדן קייטן, וואָס קיינער זעט ניט זיי,
און זיי צווינגען צו שפאַנען און גיין דאָ אין דער ריי.
אין די שיך דיינע פיס קלאַפּן־אויס יעדן מאָרגן דעם אַרבעטסטאָג
פאַר זיך.

שוין גענוג, שוין גענוג קלאַפּט דײַן פּוס יעדן טאָג אויפֿן האַרטן ברוק.
אָ, איר פּיס! איר מוזט גיין, כאָטש פֿאַרמאַטערט, פֿאַרבלוטיקט
און בלײַבן שטיין...
אָ, איר פּיס! איר מוזט אַלע דערפֿילן דעם באַפֿעל,
זאָל די צײַט אָבער קומען, דאַן וועט איר לויפֿן שנעל...
שוין גענוג, שוין גענוג קלאַפּט דײַן פּוס יעדן טאָג אויף דעם
האַרטן ברוק!

אידע גראַדזיאַנאָווסקי איז 20 יאָר אַלט געווען, ווען זי האָט דאָס דאָזיקע ליד אָנגעשריבן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער דינאַווערק. דאָס ליד איז געזונגען געוואָרן אין פֿאַרשיידענע קאַצעטן מיטן ניגון פֿון פּוילישן ליד „נאַצי טע״. ג. איז אומגעקומען אין יאַנואַר 1945, בעתן געטריבן ווערן פֿון לאַגער קרומאָרט.

מרדכי שטריגלער

# אין די פֿאַבריקן פֿון טויט

אין מעכעלעס באַראַק צינדט זיך פּלוצעם אָן די לופֿט מיט אימה. עטלעכע קודלעס פֿון צעשויבערטע קעפּ טוען זיך אַ הייב פֿון די שמאַטעס און ציִען אין זיך אַרײַן אַ ברוסט מיט שטויביקער לופֿט, וואָס די זון זייעט־אַדורך דורכן געלן שטראָם אירן. עמעץ טוט אַ קרעכץ־אַרײַן אין חלל אַרײַן מיט אַ טאָן, וואָס גייט נישט איבער די געוויינלעכקייט:

— שוין ווידער אַ סעלעקציע... נו, יאָ... מ׳האָט געוווּסט... שבת...

בײַ אַ צענדליק געשטאַלטן קלעטערן־אַרויף צו די פֿענצטערלעך מיט אַרונטערגעלאָזטע הויזן... זייער שוואַרץ לײַב קנוידערט זיך אין ציטער... צו־שפּעט! אַלע באַראַקן ווערן שוין געהיט... די ווערקשוץ האָט זיך פּלוצעם באַוויזן פֿון אַלע זײַטן. זיי דרייען זיך

איבער די געסלקעלעך, כאַפּן אַ מאָל אויף אײנעם, וואָס מאַכט אַ שפּרונג פֿון אַ פֿענצטער, און ציִען אים ערגעץ ווו אַוועק...

אין באַראַק ווערט שטילער. איין סקעלעט נאָכן צווייטן פֿאַררוקן זיך אונטער די קויטיקע בעטן. יעדער טוליעט זיך צו דער וואַנט, וואַרפֿט־אָן אַרום זיך דאָס לעצטע ביסל שטרוי, שמאַטעס, בעזעמער און אַלץ וואָס קען פֿאַרשטעלן דעם צוגאַנג צו אים... אין צימערל צעטאַנצט זיך אַ דעמפּיקער שטויב, וואָס רײַסט אין האַלדז מיט אַ שווייסיק־צואַהדיקן ריח... בלעכלעך פֿון עסן קערן זיך איבער פֿון געשאַר און עס צעגיסט זיך איבער דער פּאָדלאָגע אַ שווערער, עקלדיקער גערוך...

מעכעלע האָט זיך נישט דערוויַיל וואָס צו שרעקן. קוקט ער אַרויס דורכן פֿענצטער. דרײַ גרויסע לאַסטאויטאָס שטייען קעגנאיבער, נישט ווײַט פֿון טויער. זיי גלאָצן מיט די אויסגעלאָשענע גלעזערנע אויגן, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אַרונטערבליקן אונטער די באַראַקן, צי עס האָט זיך דאָרט נישט פֿאַרשטעקט ווער... די אויטאָס זײַנען באַוואַכט. פֿון אַלע צווישן־באַראַקן־ווינקלען ברענגט די ייִדישע פּאָליציי צו פֿירן אָפּגעריסענע, פֿאַרחושכטע געשטאַלטן, באָרוועסע... זיי גייען קוים און די ווערקשוץ מוז זיי אַקעגנלויפֿן און אונטערטרײַבן... זיי ווערן אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף די אויטאָס ווי שמוציקע פּעקלעך. עס איז נישטאָ קיין כּוח אַליין אַרויפֿצוקריכן. טייל קוקן שוין אַראָפּ פֿון אויטאָ, שווײַגנדיק און רויִק, אַזוי ווי מען וואָלט זיי בלויז אַריבערגעפֿירט פֿון איין אָרט צום צווייטן. די באַראַקן אין דער זײַט פֿאַרשטעלן און עס איז נישט מעגלעך צו זען, ווו מען געפֿינט זיי... ווער עס קלײַבט זיי אויס... ווער עס באַשטימט זייערע גורלות... ס׳איז אויך נישט מעגלעך לאַנג צו זען, ווי אַזוי זיי רעאַגירן. די אויטאָס רײַסן זיך פֿון אָרט און פֿאַרפֿאָרן טיפֿער אויפֿן אַרבעטפּלאַץ, צום קאָמאַנדע־ווינקל...

איין זאַך בלויז איז מעכעלען געלונגען צו באַמערקן. די פּאָליציי פֿירט אַ בחור. ער שלעפּט זיך קוים. פֿון אַלע זײַטן געזעגענען זיך מיט אים די דערשראָקענע פֿענצטערלעך... זיי אײַלן

אים אונטער... אָבער ער גייט זיך געלאָסן, מיט ישובֿ־הדעת... ער קוקט אין יעדן פֿענצטערל באַזונדער, ווי ער וואָלט דאָרט עמעצן געזוכט... ענדלעך באַמערקט ער וועמען... ער שטעלט זיך אָפּ... אַ פּאָליציאַנט שטרעקט־אויס אַ האַנט, ווי ער וואָלט אים געוואָלט אָוועקטרײַבן ווײַטער, אָבער דער סקעלעט טוט אויף אים אַזאַ שאַרפֿן בליק, אַז זײַן האַנט בלײַבט הענגען אַ צעטומלטע אין דער לופֿט... דער בחור ציט פֿון זיך שנעל אַראָפּ די הויזן, די מאַרינאַרקע זײַנע און בלײַבט שטיין מיט דער שוואַרצער נאַקעטקייט זײַנער. בלויז עט־לעכע שטיקלעך שמאַטעס בלײַבן הענגען דערשראָקענע און שאָקלען זיך איבער אים אין ווידווידיקן ציטער. ער רײַסט זיך צו צום פֿענצ־טערל און קלאַפּט... קלאַפּט מיטן גאַנצן כּוח... עס עפֿנט ווער... ער וואַרפֿט־אַרײַן דאָס אײַנגעדרייטע פּעקל... זײַן שטים איז איצט הויך און קלאָר:

— משה! — זאָגט ער — כ׳האָב נישט געהאַט קיין צײַט זיך צו געזעגענען... זײַ געזונט... בײַ דיר זײַנען די הויזן צעריסן... נעם — וועסטו האָבן פֿון וואָס אַ לאַטע צו לייגן... זײַ געזונט!...

און אַזוי האָט ער זיך רויִקערהייט אַוועקגעהינקט ווײַטער, אַ כּמעט־נאַקעטער, ווי צום טאַנץ...

ווײַטער איז גאָר נישט צו זען. אָט הערט מען די אויטאָס פּײַפֿן, בורטשען, ווי זיי וואָלטן זיך געבייזערט, פֿאַר וואָס מען האַלט זיי דאָ אויף אַזוי לאַנג. פֿון לאַנגווײַל פּרוּוון זיי דערווײַל צעשמעטערן די אימהדיקע שטילקייט... אָט פֿירט מען פֿאַרבײַ אַ פֿאַרשפּעטיקטן... אַלע פֿענצטערלעך קוקן אים אָן בייז:

— סײַ ווי גייט ער... טאָ וואָס מאַכט ער פֿאַר אַ קונצן? פֿאַר וואָס דויערט עס בײַ אים אַזוי לאַנג? צוליב אים איז דאָך אַלץ אַזאַ אײַנגעפּרעסט אימהדיק שווײַגעניש! באַלד הערט מען, ווי די אויטאָס זוכן פֿאַר זיך אַ וועג... מ׳הערט זייער קרעכצן איבער די גריבלעך פֿון זאַמלפּלאַץ... פֿון דער ווײַטנס ברענגט דער ווינט אַ פּאָר שטיקלעך צעבראָכענע געשרייען און קלאַפּט מיט זיי

אָן אין די שויבן... אַ רויש טראָגט זיך אַוועק אין די ווײַטקייטן און לאָזט־איבער נאָך זיך אַ שטילן געזשום... ווי נאָך אַ גסיסה...

די פּאָליציי ציט זיך צוריק פון די פּאָסטנס... „שוין!" — אָטעמען אַלע אָפּ פרײַער... אינעם צווייטן צימערל, דורכן ווענטל, הערט מעכעלע אַ טרויעריקע צופרידנקייט:

— אין דעם באַראַק איז מען נישט געווען אין גאַנצן...

אַלץ צערירט זיך צוריק. מ׳קריכט־אַרויס פון די באַהעלטענישן, ווי פייגל נאָך אַ רעגן... די פאַראַרבעטער טראָגן דאָס ברויט פון דער קאָמאַנדע פאַר זייערע גרופּעס, ווי יעדן טאָג, דאָס מאָל מיט מאַרמעלאַדע... באַלד וועט מען גיין באַקומען די פּאָרציעס... „שוין"... פון אַלע זײַטן דאָס זעלביקע... ווי עס וואָלט גאָר נישט געשען...

הונדערט און אַכציק מענטשן בלויז וועלן זייערע פּאָרציעס מער נישט באַקומען...

*

נאָך דער ערשטער סעלעקציע האָט אַ פּאַניק אַרומגענומען די נײַ־געקומענע. בײַ נאַכט, בײַ דער אַרבעט, איז מעכעלע געגאַנגען פאַרטרעטן אַן אַוועקגעקומענעם פון דער צווייטער קאָיוטע. בײַ דער מאַשין האָט ער געטראָפן זײַן בן־עיר יאַנקל. שטופּט מעכעלע די גראַנאַטן אין דער מאַשין אַרײַן און יענער לאָזט אים אַ מינוט נישט כאַפּן דעם געדאַנק:

— זעסטו? אַזוי זעט דאָ אויס דער סוף. דאָ וועסטו גאָר נישט אַנדערש מאַכן. איך צי־אָפּ. כ׳האָב שוין באַוויזן אָנצוגנבֿענען אַ גאַנצע קאָלעקציע פון שטיקלעך קופּער, אײַזנגוס, מעסערלעך... כ׳וויל אַפילו צוזאַמענשטעלן אַ רעוואָלווער... נישט צום שיסן — דאָס, זעסטו, קען איך נישט מאַכן... אָבער צוזאַמענשטעלן אַזעל־כעס, וואָס זאָל בײַ נאַכט איבערשרעקן אַ פויער, ער זאָל געבן קאַרטאָפל און ברויט, ער זאָל נישט מסרן — דאָס קען איך יאָ... כ׳האָב אַ סך יאָרן פאַרברענגט אין וועלדל, ווו דער טאַטע האָט געשניטן ביימער... אין וואַלד קען איך זיך אַן עצה געבן...

הײַנט וואַקסן נאָך יאַגדעס... שוואָמען... בײַ נאַכט קען מען אָנ־
רײַסן אַ ביסל קאַרטאָפֿל אויף אַ פֿעלד און אָפּקאָכן אויף צווײַגלעך;
מ׳דאַרף בלויז אַ טעפּל, אַ לעפֿל, זאַלץ און שוועבעלעך... כ׳האָב
אָפּגעלייזט פֿאַר מײַנע בגדים 120 זלאָטעס — וועל איך פֿאַר דעם
אײַנקויפֿן דאָס, וואָס איך דאַרף... ווי לאַנג איך וועל זײַן אין
וואַלד — ווייס איך נישט... אפֿשר וועט מיר געלינגען זיך ערגעץ
ווו צו דערשלאָגן... כ׳בין גרייט צו דערהרגענען אויפֿן וועג ווע־
מען כ׳וועל אָנטרעפֿן — אויב כ׳וועל האָבן אַ חשד, אַז ער גייט
מיך פֿאַרקויפֿן... סײַ ווי איז די גאַנצע וועלט אונדזערע שונאים...
וועל איך מיט די ציין און מיט די נעגל זיך אַדורכבײַסן מײַן
וועג... יאָ, איך האָב זיך באַהאַלטן אַ קליין לאָפּאַטקעלע, מיט
וועלכן מען נעמט־צונויף מיסט אין די קאָרידאָרן... טיף אין
וואַלד קען מען זיך מיט דעם אויסקראַצן אַ לאָך צום ליגן און
שפּעטער עס צודעקן מיט צווײַגן און ערד... כ׳האָב אין דער
אַדמה די גאַנצע וועלט... כ׳קען באַשטיין צו זײַן אַ חיה אין
וואַלד, לעבן פֿון גראָז און ליגן אין אַ נאָרע... בײַ נאַכט בלויז
וועל איך זיך שאַרן אַ באָרוועסער... דעם ערשטן דײַטשישן זעל־
נער, וואָס כ׳וועל טרעפֿן, וועל איך דערהרגענען... קענסט שוין
זײַן אויסגעזאָרגט פֿאַר דעם אופֿן, ווי אַזוי איך וועל דאָס מאַכן...
ווען כ׳וועל האָבן אַ מונדיר און אַ ביקס — פֿײַף איך דאַן אויף
דער גאַנצער וועלט! כ׳קוק זיך אָפּ אַ לאָנקע און נעם זיך צו
דאָס בעסטע פֿערד... די ערשטע בעסטע בהמה, וואָס כ׳וועל אָנ־
טרעפֿן, טרײַב איך אַרײַן טיף אין וואַלד אַרײַן און קוילע זי...
אַן אַלטן זעלנער זאָלסטו די אַלע זאַכן נישט לערנען, ווי אַזוי
מ׳דאַרף דאָס מאַכן... מעגסט זיכער זײַן, אַז דאָרט וועל איך
האָבן מער צו עסן ווי דאָ. די צווייטע וואָך מאַך איך די קונץ.
בײַ דער טאָגשיכט איז פֿאַראַן אַ מעגלעכקייט. דערצו וועל איך
דעמאָלט זײַן בעסער צוגעגרייט. מאָרגן איז זונטיק; אין באָד אַרײַן
וועט מען די נײַע נישט לאָזן גיין — זיי זײַנען נאָך נישט אַזוי
פֿאַרלײַזיקט; וועט מען האָבן עטלעכע געקליבענע יאַטן אַ פּאָר

שעה צו באַטראַכטן די זאַך מיט קאָפּ... נאָר איך זאָג פֿאָרויס, אַז איך וועל נישט קוקן אויף קיינעם... אַליין וועל איך אויך גיין...

יאָ, אויב מעכעלע וויל — זאָל ער בײַ צײַטנס זיך זען צוצוגרייטן, זיך פֿאַרשאַפֿן וואָס אָנצוטאָן. פֿאַראַן באַראַקן, ווו מען קען נאָך באַווײַזן פֿון דאָרט עפּעס שטילערהייט אַרויסצושלעפּן... איין זאַך זאָל ער דערבײַ געדענקען, מעכעלע: דאָ זײַנען שוין אַלע טויט, אויסער די פּאָליצײַ. זייער ריי וועט, ווי שטענדיק, זײַן די לעצטע... טאָר דעריבער קיין זאַך ניט זײַן צו־שווער אויף צו ראַטעווען זיך... דאָ איז דער איינציקער לאַגער, ווו ס'איז צום לײַכטסטן צו אַנטלויפֿן. זאָל ער זיך דערפֿאַר איבעררעכענען, ער זאָל שפּעטער נישט חרטה האָבן...

פֿון יאַנקלס קאַיוטע האָט מען אַרויסגענומען דרײַ מענטשן. דאָס האָט אויף אים שטאַרק געווירקט. די מענטשן זײַנען שוין געווען אויסגעדאַרט און אויסגעמאָרדעוועט, זיי האָבן אָבער נאָך געאַרבעט. מיט די לעצטע כּוחות זיך אָנגעשטרענגט צו דערגרייכן די טעגלעכע נאָרמע. זיי זײַנען נאָך געווען אינערלעך געזונט און בײַ פֿרישער לופֿט און גוטן עסן וואָלטן זיי אפֿשר אין געציילטע וואָכן צו זיך געקומען. הגם צוריקשמועסנדיק — וואָס אינעווייניק טוט זיך, דאָס קען נאָר איין גאָט בלויז וויסן...

יאַנקלס חשבון איז אַ פּשוטער: דאָ איז שוין איין מאָל געווען אַזאַ עפּידעמיע פֿון אַנטלויפֿעניש. עס האָט זיך אָפּגעשטעלט נאָך דעם ווי מען האָט געהערט פֿון די דערשיסונגען אויף די וועגן... דערצו האָט געווירקט דאָס, וואָס מען האָט געשאָסן אין לאַגער פֿאַר די וואָס זײַנען אַנטלאָפֿן... דאַן האָבן די ווערקשוץ געלויערט און די פּויערים האָבן שוין אָפּגעוואַרט אויף די וועגן... איצט גרייטן זיך ווידער הונדערטער מענטשן צו אַנטלויפֿן; ווידער וועלן די וועגן אויפֿגערודערט ווערן און די פּויערים וועלן אויפֿשטעלן פּאַסטקעס בײַ יעדן שריט. איז גלײַכער צו זײַן פֿון די ערשטע... ווער עס וועט זײַן דער ערשטער, דער וועט האָבן שאַנסן; שפּע־

טער, ווען דאָס וועט אָננעמען אַ מאַסן־פּסיכאָז, וועט איינער נאָכטאָן דעם צווייטן; וועט מען לויפֿן דערפֿאַר, ווײַל יענער איז געלאָפֿן... אָן אַ פּלאַן, אָן אַ וווּהין... צו די דײַטשן און פּאָליאַקן גלײַך אין די הענט אַרײַן...

יאַנקל ווייסט פֿון מעכעלעס עטלעכע אונטערנעמונגען אין אַנדערע לאַגערן, וואָס זײַנען אַדורכגעפֿאַלן, וואָרנט ער אים דערפֿאַר: נאָר צו זײַן דער ערשטער — איידער עמעצער וועט זיך כאַפּן... אָבער יונגען דאַרף מען דערצו האָבן — אײַזן, וואָס זײַנען גרייט אויף אַלץ! זאָל מעכעלע זונטיק זען, ווען ער האָט באַוויזן צוזאַמענצונעמען... אַלע דאַרפֿן קענען הרגענען, אָן צו טאָן אַ פּינטל מיטן אויג... וואָס מער הרגענען... מיט דער זעלביקער קאַלטקייט ווי מען הרגעט אונדז — בלויז דאָס איינע קען נאָך ראַטעווען...

איז שווער מעכעלען איבערצוצײַגן יאַנקלען, אַז דאָ איז אַ געגנט פֿון בלויז שעטשקאַס; אַז דאָ זײַנען די וועלדער האַרט און פּרוכטלאָז, אַזוי ווי אויך זיי ווילן גאָר נישט שענקען קיין ייִד... אָבער יענער איז שוין אַזוי אַנטשלאָסן, אַז קיין רייד וועלן נישט העלפֿן... ער פֿרעגט נישט בײַ קיינעם קיין עצה... ער קען מעכעלען און ווייסט, אַז ער וועט ניט שטענדיק קענען טאָן וואָס מען דאַרף; דאָך לייגט ער אים פֿאָר גרויסמוטיק מיטצוגיין:

— דו האָסט אַ קאָפּ אויף די אַקסל... און אַ מאָל — זאָגט ער — דאַרף מען אויך אַזעלכן צו האָבן...

דאָס, וואָס ס'איז פֿאָרגעקומען בײַ טאָג, האָט געווירקט אויף מעכעלען. די רייד פֿון אַלע זײַטן האָבן נאָך קלאָרער געמאַכט דעם דראַנג עפּעס צו טאָן, אַרויסצוקריכן פֿון דער טויט־וואַרטעניש. איז ער הײַנטיקע נאַכט באַזונדערס אומרויִק. אַ געפֿיל, וואָס ער קען נישט פֿאַרקערפּערן אין ווערטער. זאָגט אים אָבער אונטער, אַז אַזוי טויג אויך נישט. קען מען דען גלאַט אַזוי? און חבֿרים זײַנען נאָך דאָ, מיט וועלכע מען דאַרף זיך צוזאַמענריידן... און הייבן אַ האַנט צו דערמאָרדן קען ער נאָך אַלץ נישט... ס'איז אַ פֿעלער,

אַ שרעקלעכער פֿעלער: אַ מערדער דאַרף מען קענען אומברענגען! אָבער, גיי, זאָג עס צו אַ האַרץ מיט אַלטע געוווינהייטן!...

קומט דערווײַל דער טאָג פֿון ערגעץ אַ דעשראַקענער, שטייט בלייך בײַ דער שוועל פֿון דער האַלע, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף דער דערלויבעניש אַרײַנצוגייך. מוז מען זיך גרייטן צוריקצוגייך אין לאַגער אַרײַן.

פֿון בוך אין די פֿאַבריקן פֿון טויט, פֿ׳ „דאָס פּוילישע ייִדנטום״, ב״א 1948

ה. לייוויק

## פֿאַרגיב נישט, מענטש־קרבן!

פֿאַרפֿאַלן, די זעונג פֿון לויטערן לעבן
באַגלייט ווערט מיט מאָרדן, מיט חורבן, מיט גריבער.
איך שטיי אַ געפּלעפֿטער זיך איבערצוגעבן
אין גוטן רשות פֿון דעם גליק צו פֿאַרגעבן —
נאָר כ׳קען איבער חורבן און מאָרד ניט אַריבער.

אַ קול אין מיר זאָגט: אָן דער זעונג פֿון לויטער
קאָן קיינער זײַן לעבן ניט דורכגיין — קאָן קיינער,
אויך שטאַרבן קאָן קיינער, אויב ניט אַ פֿאַרטרויטער,
אַז דאָס, וואָס איז חרובֿ געוואָרן, דערבויט ער
מיט לעצטן געפֿלאַם פֿון זײַן מאַרך אין די ביינער.

מײַן פּרוּוו צו פֿאַרגעבן צי זעסטו, מענטש־קרבן?
צי זעסטו די שורות אויף העלע פּאַפּירן,
וואָס גלעט־אויס גלאַט אַלע געטלעכע האָרבן,
ווען אַלץ אַרום יאָמערט: אַ מענטש איז געשטאָרבן,
און בראַנדפֿײַער רײַסט זיך פֿון פֿענצטער אין טירן.

און מער נאָך — איך ווייס דאָך אין נאַצישן קאַמער
פֿאַרברענט מען נאָך איצטער פֿאַרמשפּטע ייִדן —
אין זעלביקער רגע בין איך, דער פֿאַרדאַמער,
פֿון גלײַכע געמאָסטענע שורות דער גראַמער,
מיט גלײַכע געמאָסטענע שורות צופֿרידן.

פֿאַרגיב ניט, מענטשן־קרבן — אין טרייסטונג פֿאַר ווערמען,
פֿאַרגיב ניט דעם זינגער, פֿאַרגיב ניט דעם דיכטער,
זײַן ליפּ זאָל פֿאַרקלעמען זײַן וואָרט צו פֿאַרשעמען,
זײַן רו זאָל צעריבען ווי טרערן פֿון ברעמען,
וואָס פֿאַלן אויף איבערגעקערטע געזיכטער.

פון בוך אין טרעבלינקע בין איך ניט געווען (1940־1945), נ״י

אַברהם ווײַץ

# אותיות אין בלוט

דער פֿרימאָרגן איז אויפֿגעגאַנגען אין ראָזעווע פֿאַרבן. דער קאָנצענטראַציע־לאַגער איז געווען פֿאַרזונקען אין שטילקייט. די פֿענצטער פֿון די באַראַקן האָבן געטראָגן אויף זיך די שאָטנס פֿון סאָסנאָוון וועלדל, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן רוקן פֿון אַ באַרג. ס׳האָט זיך דערטראָגן אַ זיסער פֿויגל־געצוויטשער, וואָס האָט אָנגעפֿולט די לופֿט מיט דינע, צאַרטע טענער. האָבן די פֿייגל אויף אַ מינוט אויפֿגעהערט, איז געוואָרן נאָך שטילער. מ׳האָט ממש געהערט דאָס שווערע אָטעמען פֿון די געפֿאַנגענע, דאָס קרעכצן פֿון האַלב־אויסגעלאָשענע לעבנס, דאָס הוסטן מיט האַלב־אויפֿגעריסענע לונגען, די פֿעסטע זעלנערשע טריט פֿון די וואַכמײַסטערס בײַם פֿאַרשלאָסענעם טויער.

מיט אַ מאָל איז אַ ייִנגל אַרויסגעשפּרונגען פֿון ייִדן־עלטסטנס ביוראָ, צוגעלאָפֿן מיט אַ האַמער אין דער האַנט צו די מעטאַלענע

שטאַנגען, וואָס זײַנען געהאָנגען אין מיטן הויף, אָנגעהויבן האַמערן, מיט רעש, מיט נערוועזיטעט. די שטאַנגען האָבן זיך אָנגעהויבן וויגן, ווי גרויסע מעכטיקע קירכן־גלאָקן, בעת אַ שׂריפֿה־אויסבראָך.

— אַפּעל! אַפּעל!

אין די באַראַקן איז געוואָרן אַ טומל. געפֿאַנגענע זײַנען מיט אַ ווילדקייט אַראָפּגעשפּרונגען פֿון זייערע פּריטשע־בעטן. די אויגן — אויפֿגעריסן פֿאַר שרעק. איינער האָט געכאַפּט זײַן שכנס הויזן. אַ צווייטער — דעם שכנס שיך. מ׳האָט זיך געקריגט, געשלאָגן. טאַבורעטקעס זײַנען אַרומגעפֿלויגן מיט די פֿיס אין דער הויך. קולות האָבן געשניטן די לופֿט. אַ מחנה לאַגער־שלעגערס האָבן מיט די שטיוול אויפֿגעקאַפּעט די טיר. מיט גומי־קניפּלעך אין די הענט, מיט רויטע צעפֿלאַמטע פּנימער האָבן זיי זיך אַרײַנגעלאָזט אין די באַראַקן. אָנגעהויבן בײַטשן די בעטן, די טישן, די ווענט:

— אַרויס! אַרויס!

— איך צייל ביז פֿינף! — האָט דער לאַגער־אָרדנער געשריגן — ווער ס׳וועט זיך נאָך פֿינף געפֿינען אין באַראַק, ווערט פֿאַר־שמיסן צום טויט!...

יאָ אָנגעטאָן, נישט אָנגעטאָן, מיט די הויזן, שיך, רעקלעך אין די הענט, איז מען ווילד געלאָפֿן צו דער טיר. אין איין מינוט איז דאָס אַפּעלפּלאַץ פֿול געוואָרן מיט האַלב־אָנגעטוענע געפֿאַנגענע. טייל זײַנען אַרומגעלאָפֿן מיט באָרוועסע פֿיס, געזוכט זייערע שיך. באַלד האָבן זיך אויפֿגעפּראַלט די פֿענצטער פֿון די באַראַקן און די אינוווייניק־פֿאַרבליבענע „קאַפּאָס" האָבן אָנגעהויבן מיט אַ טײַוולאָ־נישער ווילדקייט אַרויסשמײַסן: וואַליזעס, טאָרבעס, פּעקלעך, קי־שעלעך, אַלטע צעפֿליקטע מאַנטלען, אַלטע הויזן, שאַכטלעך פֿאַר לעבנסמיטל, צעשאָטענע ביכער, האַנטעכער, נאַסע העמדער, אַר־בעטס־קאָמבינעזאָנס און אַנדערע זאַכן. בײַ יעדן פֿענצטער האָבן זיך עטלעכע דײַטשישע פּאָסטנס אָוועקגעשטעלט אַכטונג צו געבן, ס׳זאָל קיינער פֿון די ייִדן נישט וואַגן אויפֿהייבן אַ זאַך. פֿון ייִדן־עלטסטנס באַראַק האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אַ גרופּע „קאַפּאָס", ריזן־

יונגען מיט „קניפּלס" אין די הענט, און האָבן אָנגעהויבן שמײַסן איבער די קעפּ.

— אויסשטעלן זיך צו דרײַ, צו דרײַ!

דער צום טויט איבערגעשראָקענער עולם איז דאָ און דאָרט אָנגעקומען צו פֿיר, פֿינף. די געפֿאַנגענע האָבן באַקומען פּעטש, קאָפּעס אין די בײַכער אַרײַן. מ'האָט זיי געשלעפּט בײַ די העלדזער און מיט שוועריקייט זיי קוים אויסגעשטעלט צו דרײַ.

ווי אַ שטורעמווינט האָט זיך דורכן אויפֿגעעפֿנטן טויער אַרײַנגעלאָזט אַ היפּשע גרופּע ס.ס.-יונגען. אין אײַלעניש צוזאַמענגעקליבן אַלע זאַכן, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויפֿן הויף. אָנגעלייגט אַ הויכע קופּע פֿון לעצטן ביסל ייִדיש האָב־און־גוטס. און אײדער מ'האָט זיך אַרומגעקוקט, איז שוין דער באַרג זאַכן געווען אונטערגעצונדן. פֿײַערדיקע צונגען שפּרינגען מיט שטורעם אַרויס פֿון באַרג, גיבן אַ לעק אויף רעכטס, אַ לעק אויף לינקס, און לאָזן זיך נאָך דעם אַראָפּ, נידעריקער, נידעריקער. פֿון לעצטן ביסל ייִדיש פֿאַרמעגן ווערט אַ קופּע אַש.

דער עולם שטייט און קוקט זיך צו שווײַגנדיק. און רײַסט זיך ערגעץ־וווּ יאָ אַרויס אַ זיפֿץ אָדער אַ קללה, ווערט ער פֿאַרזונקען אין די הילכיקע זאַטע געלעכטערס פֿון די ס.ס.ניקעס. ייִדישע אויגן קוקן צו דעם זיך לעשנדיקן באַרג אַש. דער ווינט יאָגט־אַרויס איבערן הויף אַ האַלב־פֿאַרברענטע פֿאָטאָגראַפֿיע — אַ ייִדישע מאַמע מיט צוויי קינדערלעך בײַ די הענט. דאָס האַרץ קלאַפּט האַסטיקער. ווער ווייסט, וועמענס לעצטע טרייסט וואַלגערט זיך דאָ האַלב־פֿאַרקוילט, האַלב־פֿאַרבלאָטיקט. אַ קליין שוואַרץ באַחנט ייִנגעלע קריכט־צו צום ברענענדיקן באַרג אויף אַלע פֿיר. בגנבֿה שטופּט ער אַרײַן אין טליִענדיקן אַש עטלעכע רויע קאַרטאָפֿל. עטלעכע ייִדן שלאָגן אים פֿאַר מורא. דאָס ייִנגעלע רירט זיך נישט. ליגט ווי אַ הינטל אויף דער ערד, קוקט מיט פֿינטלדיקע אויגן אויף די קאַרטאָפֿל. ווי נאָר זיי באַקומען אַ שוואַרצן ברען, כאַפּט

ער זיי ווילד אַרויס, עסט זיי הייסערהייט, כאַטש זיי ברענען די ליפּן ווי שטיקער פֿײַער.

פֿון דער קאַנצעלאַריע ברענגט מען אַרויס אַ טיש. די צוויי ייִדישע מיידלעך, וואָס אַרבעטן אין ביוראָ, באַגלייטן דעם טיש, מיט ווײַסן פּאַפּיר אין די הענט, גרייט צו מאַכן ליסטעס. די אײַבערגעשראָקענע געפֿאַנגענע קוקן זיך אָן מיט חידוש:

— וואָס קומט דאָ פֿאָר?...

זייערע הערצער שטאַרבן־אָפּ פֿאַר שרעק; ווערן ווידער גע־בוירן, כּדי צו קענען נאָך אַ מאָל שטאַרבן...

דער ייִדן־עלטסטער באַווײַזט זיך.

ער לויפֿט־אַרום פֿון באַראַק צו באַראַק נאָכקאָנטראָלירן, צי אַלץ איז אין אָרדענונג. נאָך דעם שטעלט ער זיך אַוועק בײַם טישל, אַרומגערינגלט פֿון אַ שטאַב ייִדישע שלעגערס. דער אייבעראַרצט אין אַ ווײַסן פֿאַרטעך קומט צו לויפֿן, אין דער האַנט אַ פֿלעשל „סעפּסאָ" און אַ קניפּל צעלשטאָף־וואַטע. ער שטעלט זיך אַוועק בײַם טישל און סודעט זיך מיטן ייִדן־עלטסטן.

די אויגן פֿון די געפֿאַנגענע דרייען זיך איבער אין די אויגן־לעכער... זיי קוקן נאָך יעדן זשעסט, יעדן טראָט. עס דאַכט זיך זיי, אַז מ'שטעלט דאָ פֿאַר וועמען אויף אַ תּליה... און איינער פֿרעגט בײַם צווייטן מער מיט די אויגן ווי מיטן מויל:

— פֿאַר וועמען?...

מיט אַ מאָל אַ גערויש אויף יענער זײַט טויער. דער ייִדן־עלטסטער גיט אַ צאַפּל. מיט אַ הילכיקן פֿײַף שנײַדט ער אַדורך די לופֿט. נאָך דעם גיט ער אַ מעכטיקן אויסגעשריי:

— דאָס גאַנצע שטיל געשטאַנדען!

טויזנטער פֿאָר פֿיס גיבן אַ הילך. ציִען זיך אויס, ווי סטרונעס צום פּלאַצן.

עס באַווײַזט זיך אַ הערקולעס־פֿיגור פֿון אַ דײַטשישן הויפּט־מאַן. אַ גרויסער קאָפּ. ווײַסבלאָנדע חזיר־האָר. גרויע אויגן ווי קאַל־טער שטאָל. אַן אויסגעפּאַסטער מונדיר צום פּלאַצן. אַ קליין שוואַר־

דעלע. אַ טויטנקאָפּ אויף דער לינקער קלאַפּע. ער גייט מיט אַ פּעסטן טראָט, ווי אַ וועלטהערשער, פּאָכענדיק מיט די הענטשקעס. אַן אונטער־אָפיציר, אַ יעפרייטער און דער לאַגער־פירער באַגלייטן זיינע טריט. די גאַנצע סוויטע דערנעענטערט זיך צום טישל. דער יידן־עלטסטער לויפט־אַקעגן און מעלדעט:

— הער הויפּטמאַן, איך מעלדע געהאָרכזאַם: 3,210 געפאַנגענע אויפן אַפּעלפּלאַץ, 357 קראַנקע, 32 טויטע.

דער הויפּטמאַן קוקט זיך אַרום מיט אַ ביסטרען בליק פון אַ געריכט־פאָרזיצער, וואָס גרייט זיך צו לייענען אַ טויטאורטייל.

— געפאַנגענע פון דער פאַרשאָלטענער יידישער ראַסע! — דונערט זיין שטימע — צו מיר איז דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז איר ווילט זיך נישט צופּאַסן צו אונדזערע געזעצן. די ראַציע ברויט איז אייך צו־ווייניק, די זופּ — צו־שיטער. די אַרבעט אין פאַבריק — צו־פיל. שוין צענדליקער מאָל, ווי כ׳האָב דאָ ביי אייך דורכגעפירט רעוויזיעס. אָפּגענומען געלט און צירונג. און איר האָט ווידער געלט צו האַנדלען. איר קויפט ביי די אַריער זייער מילך, זייער ברויט, זייער פּוטער און זייערע וויטאַמין־צוקערלעך. פאַרשטייט איר נאָך אַלץ נישט, אַז וויפל איר שטאַרבט איבערן טאָג, איז אונדז נאָך ווייניק? פאַרשטייט איר נאָך אַלץ נישט, אַז די קראַנקע, וואָס קענען מער נישט גיין צו קיין אַרבעט, הערן ביי אונדז אויף צו עסן? און אַז אייערע ברידער און שוועסטער, אייערע יונגע קינדער, וואָס קענען נישט אַרבעטן פאַר אונדזער לאַנד־פּראָדוקציע, ווערן פאַר־ברענט, פאַרגאַזט, לעבעדיק באַגראָבן און... הע־הע־הע!... און... וואָס נאָך ווילט איר?... איך בין היינט אַהער געקומען אייך צום לעצטן מאָל וואָרענען, איר זאָלט אָפּגעבן אַלץ, וואָס איר פאַרמאָגט. קיין שום שטראָף דערוואַרט אייך נישט. מיר פירן באַלד אַדורך אַ שטרענגע רעוויזיע און ביי וועמען מיר געפינען עפּעס, ווערט ער פאַרשמיסן צום טויט. איך וועל אייך לאָזן פאַרשמייסן דורך יידישע „קאַפּאָס״, וועט איר האָבן אַ זיסן טויט... פון די שוואַכע צווישן אייך וועל איך בילדן אַן עקסטראַ־טראַנספּאָרט קיין אוישוויץ. איר

וועט אַרײַן דורכן טויער און אַרויס דורכן קוימען... האָט איר אַלע פֿאַרשטאַנען?

— יאַוואָל!

— דאָס איז אַ שוואַכער ענטפֿער.

— יאַוואָל! — האָט די מאַסע אויסגעברומט.

באַלד איז געוואָרן אַ פֿײַנלעך, איבערגעשראָקן געלויף, אַ גע־שטופּעניש דערדריקט צו ווערן. די מער־איבערגעשראָקענע האָבן געוואָלט זײַן די ערשטע בײַם טיש. ייִדן האָבן אַרויסגעשלעפּט געלט פֿון די שיך, פֿון די פּיסלאַפּן, פֿון אײַנגעשניטענע באַהעלטע־נישן אין די הויזן. די מהומה איז געווען גרויס. דער הויפּטמאַן איז זיך געזעסן בײַם טיש, דעם לינקן לאַקירטן שטיוול מיט גדלות פֿאַרלייגט אויף דער רעכטער קני און גערויכערט אַ ציגאַר. יעדן ייִד, וואָס האָט אַוועקגעלייגט דאָס געלט אויפֿן טיש, האָט ער געהייסן אונטערשרײַבן, אַז ער פֿאַרמאָגט נישט מער. יעדן פּנים האָט ער געשאָנקען אַ בליק, אַ בייזן ברום, אַ מעפּיסטאָפֿעלישן שמייכל.

ס׳האָט פֿאַרנומען גאַנצע צוויי שעה, ביז מען האָט אַלץ פֿון די ייִדן אויסגעלײדיקט. פֿאַרטיק געוואָרן, האָט זיך דער הויפּטמאַן ווידער אויפֿגעשטעלט און געפֿרעגט:

— האָט מען קיינער פֿון אײַך קיין געלט אָפּצוגעבן?

— ניין! — האָט די מאַסע אָפּגעענטפֿערט.

דער הויפּטמאַן האָט אַ פֿאָכע געטאָן מיט זײַן הענטשקע, זײַנען זיך די פּאָסטנס צוזאַמענגעלאָפֿן, זיך אויסגעשטעלט ווי סטאַטועס:

— צום באַפֿעל, הער הויפּטמאַן!

— אַזוי ווי אַלץ איז אויסגעשטעלט, זוכט מיר אַדורך באַזונ־דער די ערשטע ריי, די צווייטע און די דריטע ריי. בײַ וועמען איר געפֿינט עפּעס, איז אַהער צו מיר!

— יאַוואָל, הער הויפּטמאַן! — האָבן די פּאָסטנס סאַלוטירט.

— יודען־עלטסטער! שפּילט דאָ קיינער נישט קיין מוזיק בײַ

אײַך ? — האָט דער הויפּטמאַן אַ לײַכטן שמייך געטאָן מיט אַ הענטשקע דעם ייִדן־עלטסטן.

— מוזיק ? — בלײַבט דער ייִדן־עלטסטער שטיין אין אַ פֿאַרלעגנהייט און ער קוקט פֿאַרשנדיק אויפֿן הויפּטמאַן: מיינט ער דאָס ערנסט, צי ער שפּאַסט ?

— נו, דו קענסט זיך נישט דעצידירן ?

— אויב דער הויפּטמאַן מיינט דאָס ערנסט, געפֿינען זיך בײַ אונדז צוויי ווינער מוזיקער. די פֿידלען האָבן זיי ליגן בײַ אונדז אין מאַגאַזין.

— זאָלן זיי זאָפֿאָרט קומען אַהער אָפּשפּילן אַ פֿריילעכס !

דער הויפּטמאַן איז רויִק געזעסן און איבערגעציילט דאָס אָנגערויבטע געלט. די גאָלדענע רינגען האָט ער אַרײַנגעפּאַקט אין אַ שאַכטעלע, וואָס ער האָט געהאַט צוגעגרייט צו דעם צוועק. יעדעס שטיקל צירונג האָט ער באַקוקט מיט לאַכנדיקע אויגן. עס איז געווען קענטיק, אַז נאָך מער ווי די ווערט פֿון צירונג באַפֿרידיקט אים דאָס אַרויסצורײַסן פֿון ייִדישע הענט.

הונגעריק, מיד איז געשטאַנען דער עולם אויפֿן אַפּעלפּלאַץ, האַלבנאַקעט, נישט־אויסגעשלאָפֿן און אויסגעליידיקט פֿון דער לעצטער מעגלעכקייט צו קויפֿן זיך עטלעכע גראַם ברויט, און טיף געקרענקט פֿון הויפּטמאַנס רעדע. פּלוצלינג הייבן צוויי פֿידלערס אָן צו שפּילן, און דווקא אַ פֿריילעכס. די ייִדישע אויגן רײַסן זיך אויף מיט פֿאַרווּנדערונג. פֿון די פֿריילעכע טענער ווערט דער עולם ווילד. די טענער גרילצן פֿײַנלעך אין די אויערן. עס דאַכט זיך, אַז דער טײַוול איז געקומען זיך רייצן מיט זײַנע קרבנות.

*

דער שוסטער קאָפּל גרינבערג פֿון דאָמבראָווע, אַ פֿרומער תהילים־זאָגער, האָט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער נאָך קיין איין טאָג נישט פֿאַרפֿעלט צו דאַווענען. געווען איז ער אַ שמאָלער און געדאַוונט האָט ער דווקא הויך אויפֿן קול. איין גרײַז האָט נאָכגעיאָגט

דעם צווייטן. קאָפּל האָט זיך אָבער מיט זײַן עבֿרי נישט געשעמט. אויפֿגערעגטע ייִדן אין באַראַק האָבן זיך אָפּט מאָל געקריגט מיט אים, פֿאַר וואָס ער דולט זיי דעם קאָפּ מיט זײַן וויינענדיקער שטימע. קאָפּל האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק. ער האָט געטאָן דאָס זײַניקע. געריסן פּאַסן פֿון די אומשולדיקע תּפֿילות, מיט אַ שטאַרקן גלויבן אין האַרצן, אַז בלויז צוליב זײַן דאַוונען היט אים גאָט אָפּ פֿון אַלעם שלעכטן.

קיין טלית און תּפֿילין האָט קאָפּל שוסטער אין לאַגער נישט פֿאַרמאָגט, נאָר בלויז אַ קליין סידורל, וואָס ער האָט אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ.

געזען, אַז עס מאַכט זיך אַזאַ שטורעם, האָט קאָפּל אַראָפּגעכאַפּט דעם שאַל פֿון האַלדז, אַרומגעוויקלט זײַן סידורל, ווי מען פֿאַרפּאַקט אַן אוצר, און איז געבליבן שטיין אַ ציטערנדיקער. ער האָט געקוקט, ווי מען זוכט אַזוי שטרענג און אָנגעהויבן באַנעמען, אַז ער וועט זיך סוף־כּל־סוף מוזן שיידן מיטן סידורל, אין וועלכן ער דאַוונט שוין פֿופֿצן יאָר. קאָפּלען איז שווער געוועזן אויפֿן האַרצן. דאָס סידורל האָט ער געקויפֿט צו דער חתונה, מיט דעם איבערגעלעבט צוויי בריתן. טראַכטנדיק וועגן די בריתן, האָט שוין קאָפּל געזען זײַן אַמאָליקע היים, זיך דערמאָנט די שבת־נאָכמיטאָגס. ער זיצט בײַם פֿענצטער מיטן סידורל אין דער האַנט, זאָגט תּהילים און דאָס גאַנצע שטעטל שפּאַצירט פֿאַרבײַ זײַן פֿענצטערל. די ווײַבער אין זײַדענע קליידער, די מענער אין אַטלאַס. זײַן ווײַב, טעמערל, געדענקט ער, ברענגט אים אַרײַן שבת־אויבס. אַ, ווען ער קען זי איצט זען!...

האָפֿערדיקע דײַטשישע סאָלדאַטן דערנענטערן זיך. שטיוול, וועלכע ער האָט זײַן גאַנץ לעבן געגלעט, שרעקן אים איצטער איבער...

— גאָט אין הימל, וואָס זאָל איך טאָן? באַגראָבן דאָס סידורל איז אַן עבֿירה. אַוועקגעבן די פּאָסטנס, וועלן זיי עס פֿאַרברענען. וואָס טוט מען, רבונו של עולם?

קאָפּל לאָזט זיך אַרויס מיט אַן אויפֿגעריסענעם בליק פֿון דער ריי, צו זוכן אַ באַהעלטעניש פֿאַר זײַן סידורל, וואָס איז אים טײַער ווי זײַן לעבן. קאָפּלס שכנים האָבן אָנגעהויבן צאַפּלען פֿאַר שרעק:

— סמאָלע־קאָפּ, האָסט פֿאַרגעסן ווו דו ביסט?...

— וואָס האָט איר אַזוי מורא פֿאַרן טויט? — האָט קאָפּל זיך אויפֿגערעגט — האָט איר נישט געהערט די רעדע פֿון רשע? איך, אַ פּראָסטער שוסטער, זאָג אײַך, אַז מיר איז ליבער צו שטאַרבן ווי אָפּהאָרעווען פֿאַר זיי ביז דער דעך וועט מיר אַרויס.

— שווײַג, זיי קומען דאָך!

— דו זעסט דאָך, אַז ער איז געריירט!...

און אָט קומען די פּאָסטנס צו קאָפּלען. ער קען זיך נישט באַ־הערשן. ער ציטערט, פֿלאַטערט און פינטלט מיט די אויגן. און איידער מען הייסט אים אויפֿהייבן די הענט, כאַפּט ער זיי אַליין אין דער הויך. און אין דער רעכטער האַנט האַלט ער זײַן סידורל אײַנגעוויקלט אין שאַל.

— וואָס ציטערט ער, דער טײַוול? — פֿרעגט אַ סאָלדאַט.

— אַ־אַ! וואָס האָסטו דאָ פֿאַרשטעקט אין פּעקל?

— אַ געבעטבוך, הער וואַכמײַסטער.

קאָפּל דריקט דאָס סידורל נאָך פֿעסטער צו זיך.

— אַהער!

אַ ביקסקאָלבע האָט אַ זעץ געטאָן אין קאָפּלס ברוסט. אַן אויסטערליש געשריי האָט פֿאַרטויבט די לופֿט. אָבער דאָס סידורל פֿון זײַנע הענט האָט קאָפּל נישט אַרויסגעגעבן.

דאָס רעדל אַרום קאָפּלען ווערט גרעסער. די ערשטע צעלאָ־זענע ריי שטופּט זיך נענטער. טייל שעפּטשען צו אים:

— דו וואַגסט זיך אַנטקעגנצושטעלן?

קאָפּל שטייט אַ צעטומלטער. איין זאַך פֿילט ער: דאָס סידורל איז אין זײַנע הענט.

די צוויי פֿידלען שפּילן. די טענער צעגיסן זיך איבערן הויף מיט אַ זיסקייט פֿאַרן אויער און מיט אַ ביטערקייט פֿאַרן האַרץ. די

פֿריילעכע טענער פֿאַרטיפֿן נאָך מער דעם טרויער פֿון די ייִדן, דערמאָנען אין טויט. דערמאָנען אין מוזיק, וואָס מען שפּילט אויף לוויות...

דער הויפּטמאַן באַמערקט אַ טומל מיט אַ ייִדן, הייסט ער אָפּ־שטעלן דאָס שפּילן.

— פּאָסטן, וואָס איז געשען? — פֿרעגט ער שטרענג.

— הער הויפּטמאַן, דער יודע האָט עפּעס פֿאַרשטעקט אין אַ געבעטבוך...

— פֿאַרשטעקט? ער גלייבט, אַז מײַן וואָרט איז אַ וואָרט פֿון אַ יודע? וועט ער גלײַך זען! — האָט דער הויפּטמאַן זיך אַ ריס געטאָן פֿון אָרט.

— אין אַלעמענס אויגן אויסטאָן דעם יודע נאַקעט! ברענגט מיר אַהער דאָס שטראָפֿברעט מיט די נעגל רעכטס און לינקס. די „זאָו", לייגט מיר אַרײַן אין דער מיט און זאָל ער זײַן פּעקל צירונג האַלטן. יודען־עלטסטער, קלײַב מיר אויס צוויי געזונטע „קאַפּאָס"!

— ראַפּאַלאָוויטש! שנײַדער! — שרײַט דער ייִדן־עלטסטער.

צוויי יונגען מיט רויטע פּנימער קומען צו לויפֿן ווי טײַוולאָנים, און שטעלן זיך אַוועק פֿאַרן הויפּטמאַן.

— אויסטאָן דעם יודע! — באַפֿעלט דער הויפּטמאַן.

מיט אַ ווילדקייט, וואָס דאַרף באַווײַזן געטרײַשאַפֿט דעם הויפּט־מאַן, רײַסן די „קאַפּאָס" אַראָפּ קאַפּלס קליידער. איין „קאַפּאָ" האָט שוין אַלס צולייג דערלאַנגט קאַפּלען מיט אַ פֿויסט איבערן קאָפּ. קאַפּל שטייט ווי באַטויבט, קוקט מיט זײַנע איבערגעשראָקענע אויגן און זעט נישט מער אַרום זיך ווי שוואַרצע פּינטעלעך.

דאָס סידורל איז בײַם אַראָפּשלעפּן די קליידער אים אַרויסגע־פֿאַלן פֿון דער האַנט. אַ „קאַפּאָ" הייבט עס אויף און דערלאַנגט עס דעם הויפּטמאַן.

— ניין! — זאָגט דער הויפּטמאַן — זײַן אייגענע האַנט מוז מיר דאָס דערלאַנגען.

קאַפּל ענטפֿערט נישט. זעענדיק דאָס ברעט מיט די נעגל, איז

אים דאָס האַרץ שוין זיי ווי זיי אָפּגעשטאָרבן... ער האָט איצט פֿאַר קיין זאַך קיין מורא נישט. זײַנע ליפּן ציטערן בלויז.

— גיט אים צוריק דאָס פּעקל און לייגט אים אויפֿן ברעט!...

— באַפֿעלט דער הויפּטמאַן.

דער עולם ייִדן שטייט אין אַ פּײַנלעכן שווײַגן. בײַ אַ טייל שטעלן זיך טרערן אין די אויגן. בײַ אַ טייל ווערגן זיך געוויינען אין די העלדזער. העגט פֿולן זיך אָן מיט חשק אַנצוכאַפּן מיט די לעצטע כּוחות דעם הויפּטמאַנס גאַרגל. אַנדערע טראָגן־איבער אַ שושקערײַ פֿון אויער צו אויער:

— דער סמאַלע־קאָפּ מוז האָבן גאָלד אין זײַן פּעקל.

— די מערדערס וועלן נאָך באַצאָלן!... — ברומען אַנדערע מיט צונויפֿגעקוועטשטע ציין.

קאַפּל שוסטער ליגט שוין אַ נאַקעטער אויפֿן ברעט. זײַן גוף — הויט און ביין. בײַ די אַקסלען — צוויי גריבער, ווו די ביינער רײַסן זיך אין די אויגן אַרײַן. זײַן גאַנצער קערפּער ליגט אײַנגעקאַרטשעט.

די צוויי „קאַפּאָס" הייבן־אויף די „קניפּלס" און שפּיזן דעם הויפּטמאַן אין די אויגן אַרײַן.

— איינס! צוויי! דרײַ! פֿיר! — ציילט דער הויפּטמאַן לאַנגזאַם.

אַן אויסטערלישער געוואַי פֿון אַ מענטש פֿאַרהילכט די לופֿט. קאַפּל דרייט זיך אויפֿן ברעט. וואַרפֿט זיך אויף רעכטס, אויף לינקס. שנירלעך בלוט וויקלען־אַרום זײַן קערפּער. זײַנע גוואַלדן שפּאַלטן הימלען.

בײַם ערשטן טרייסל אויפֿן ברעט איז אים דאָס סידורל אַרויסגעפֿאַלן פֿון זײַן האַנט. עס ליגט אויפֿן ברעט אַן אויפֿגעבלעטערטס, באַשפּריצט מיט בלוט.

— פֿינף! זעקס! זיבן! אַכט! — ציילט דער הויפּטמאַן, וואָס אַ מאָל מיט מער פֿאַרביסנקייט. בײַ קאַפּלען בלוטיקט שוין פֿון שאַרבן, פֿון מויל, פֿון דער נאָז. זײַנע ציינער קלאַפּן מיט אַזאַ מוראדיקער קראַפֿט, אַז מען הערט עס איבערן אַפּעלפּלאַץ, ווו עס

הערשט אַ שטילקייט פֿון אַ בית־עולם. יעדער שמיץ, וואָס פֿאַלט אויף קאָפּלס קערפּער, פֿאַלט אויך אין דער זעלביקער צײַט אויף דער גאַנצער מאַסע. בײַ יעדן פֿײַף פֿון דער נאַגײַקע גיט זיך דער עולם אַ וויג.

קאָפּלס עקשנות פֿירט־אַרויס דעם הויפּטמאַן פֿון די כּלים. באַפֿעלט ער אין מיטן ציילן:

— זאָלן די מוזיקערס שפּילן אַ פֿריילעכס!

— נײַן! צען! עלף! צוועלף!

די מוזיקערס הייבן־אָן שפּילן אַ וואַלס. צאַרטע פֿידל־טענער מישן זיך אויס מיט כאָרכלדיקער גסיסה.

— דרײַצן! פֿערצן! פֿופֿצן! זעכצן! זיבעצן! אַכ...

דער שוסטער האָט אויפֿגעהערט צו קרעכצן.

האָט דער הויפּטמאַן אויפֿגעהערט צו ציילן.

— אויבעראַרצט, קען מען פֿאַרזעצן? — פֿרעגט דער הויפּט־מאַן, אָנבלאָזנדיק זײַנע באַקן.

— נישט נייטיק, הער הויפּטמאַן!

— הם... אַזוי... — האָט זיך דער הויפּטמאַן אָפּגעווישט דעם שווייס נאָך אַזאַ שווערער אַרבעט. אויסגעשפּיגן און באַפֿוילן:

— ווײַזט אַהער דאָס פּעקל!

ברענגט מען דאָס סידורל.

דער הויפּטמאַן בלעטערט, נישטערט מיט אויפֿגעלאָפֿענע אויגן. מיט אַ טריומפֿירנדיקן שמייכל צעשנײַדט ער דעם רוקן, מיינענדיק אַז אָט באַלד געפֿינט ער די פּערל, די טײַערע שטיינער, וואָס דער ייִד האָט דאָ פֿאַרשטעקט. ער צערײַסט, צעפּיצלט דעם רוקן, אָבער געפֿינט גאָר נישט.

פֿלאַמט זײַן פּנים פֿון רציחה.

אַן אויפֿגעברויזטער, אַן אַנטוישטער, שמײַסט דער הויפּטמאַן דאָס סידורל קאָפּל שוסטער אין פּנים אַרײַן. דאָס סידורל איז גע־בליבן ליגן אַן אויפֿגעבלעטערטס מיט אותיות אײַנגעשמירט אין בלוט.

פּאַריז, דעצעמבער 1945

מלך ראַוויטש

## מחשבות וועגן קבר ישראל

אַ פֿרײַנד האָט אַנומלט אַ נישטער געטאָן
אין די פּאַפּירן פֿון מײַן אַרכיוו,
ער נישטערט, און פּלוצלינג געפֿינט ער
דרײַ ווערטער: מײַן לעצטער בריוו — — —

עס האָבן אַזש אַ ציטער געטאָן
פֿון אויפֿרעגונג זײַנע הענט:
— גיב מיר צו לעזן דײַן לעצטן בריוו!
— עפֿן און לעז, עס איז מײַן טעסטאַמענט.

נאָר בײַם ערשטן זאַץ האָט באַלד מײַן פֿרײַנד
געהויבן פּאַטעטיש די הענט:
— דאָס איז נישט ייִדיש, מײַן פֿרײַנד, אַזאַ זאַך;
„מײַן גוף דאַרף תּיכּף ווערן פֿאַרברענט!"

און איך האָב געענטפֿערט: — ווײַזט־אויס, דו לעבסט
נאָך אין אַ וועלט פֿון אַמאָל, אַמאָל,
ווײַל פֿון איצט אויף אייביק דאַרף פֿײַער זײַן
הייליקער קבֿר ישׂראל.

ווי קענען מיר אַפֿילו אונדזער טויטן גוף
אויף אייביק פֿאַרטרויען אָט אָ דער ערד,
וואָס האָט נישט געעפֿנט איר מויל ווי אַ תּהום,
און נישט אײַן איר פֿײַערבויך פֿאַרצערט

דעם שונא, וואָס רבֿוא רבֿבֿת פֿון ייִד
האָט געקאָסעט אין זונליכט, ווי מען קאָסעט היי?!
ווי קען מען איר ס'טיפֿסטע שווײַגן געטרויען,
ווען זי האָט נישט געהערט דאָס העכסטע געשריי?!

דעריבער זאָל דאָס פֿײַער, וואָס געברענט האָט אין
טרעבלינקע, בעלזשעץ און אָשפּיצין,
פֿון איצט און אויף אייביק אַזוי שוין זײַן
קבֿר ישׂראל פֿון לעצטן מין.

און דאָ הייבט ערשט אויף זײַנע הענט מײַן פֿרײַנד:
— און ווי קען מען געטרויען דעם רויך פֿון גוף
דעם הימל? איז דען דער הימל נישט געבליבן טויב,
פונקט ווי די ערד צו אונדזער לעצטן רוף?

און אַן אימה איז באַפֿאַלן אונדז ביידע בײַ די רייד,
בײַ דעם תּהום פֿון אָט אָ דער רעטעניש,
צוויי ייִדישע פּנימער קוקן־אָן זיך און עס קוקט
אויף זיי ביידע אַ לעצטער בריוו אויף אַ טיש.

און ס'האָבן צוויי ייִדן ביז אין דער טיפֿער נאַכט גערעדט
מחשבֿות אָן אַ זין, שעהן אָן אַ צאָל,
וועגן אַ נײַעם, גאָר נײַעם מין
פֿון קבֿר ישׂראל.

1946

ירחמיאל בריקס

# וועגן „די אַנטלויפֿערס — פֿון גסיסה צום לעבן״?

## אין אַנדערע קאַצעטן

עס האָבן אונדז אָפּגעוואַרט ס.־ס.־לײַט מיטן אָבערשאַרפֿירער. עס זײַנען אָנגעקומען עטלעכע לאַסטאויטאָס. מען האָט אונדז אָנ־געלאָדן און געפֿירט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אַרום ברוינשווײַג. עס איז אויסגעקומען דורכצופֿאָרן אַ גרויסן טייל פֿון דער שטאָט.

אַלע גאַסן זײַנען געווען צעבאָמבאַרדירט. עס זײַנען אומעטום געלעגן אויסגעלייגט אין אָרדענונג בערג מיט פֿענצטערס, טירן און ברעטער פֿון צעשמעטערטע הײַזער. די גאַנצע שטאָט איז אַ גרינער גאָרטן מיט וועגן פֿאַר פֿוסגייערס און שמאָלע וועגן צו פֿאָרן מיט וועלאָסיפּעדן. אומעטום זעט מען אײַנגענג צו אונטערערדישע וווינונגען. קיינער וווינט נישט דאָ אין אַ הויז, נאָר אין גריבער. מען קאָכט נישט. מען אַרבעט אין די פֿאַבריקן פֿון „ביסינג נאַג", ווו עס זײַנען דאָ אַלגעמיינע קיכן, ווו אַלע ווערן געשפּײַזט. די פֿאַבריקן שטעלן־צו מיליטערישע לאַסטאויטאָס. צו דער דאָזיקער פֿירמע זײַנען מיר געוואָרן צוגעשטעלט פֿון דער געשטאַפּאָ, וואָס האָט גענומען באַצאָלט פֿאַר אונדזער אַרבעט.

מען האָט אונדז געברענגט אין אַ נאָר־וואָס אויפֿגעבויטן קאַנצלאַגער. מיר האָבן נאָך דאָ געטראָפֿן עטלעכע אַרבעטערס, וואָס האָבן געענדיקט אַ באַראַק. דאָס זײַנען געווען געפֿאַנגענע איטאַליענער. איבער גאַנץ דײַטשלאַנד זײַנען שוין נישט געווען קיין דײַטשישע אַרבעטערס, אויסער זקנים. אַלע דײַטשן זײַנען מאָביליזירט און איבער גאַנץ דײַטשלאַנד אַרבעטן שקלאַפֿן, געפֿאַנגענע אין גאַנץ אייראָפּע, און קאַצעטן־שקלאַפֿן, אָן באַצאָלט פֿאַר זייער אַרבעט.

מען האָט אונדז געגעבן וואַסער צו טרינקען און מיר האָבן זיך אָנגעפּאָיעט ווי פֿערד און נישט געקענט שטילן דעם דאָרשט פֿון דער פֿײַנלעכער היץ אין די וואַגאָנען. דאָ, אין דעם לאַגער, זײַנען מיר געווען צוויי טעג און צוויי נעכט. געשלאָפֿן אויף „פּריטשעס". מען האָט אונדז נישט געשלאָגן. די פֿירמע „ביסינג־נאַג" האָט אונדז אַרײַנגעשיקט די זעלביקע שפּײַז פֿון דער זעלביקער קיך, וואָס פֿאַר אירע אַלע אַרבעטערס. די פֿירמע האָט זיך געניטיקט אין אונדזערע הענט. די געשטאַפּאָ האָט אונדז איר נאָר אויסגעבאָרגט. דער לאַגער־עלטסטער דאָ איז אַ דײַטש, אַ גלח, וואָס די נאַציס האָבן אים פֿאַרשיקט אין קאַצעט. ער האָט געטראָגן קאַצעט־קליידער. אין די צוויי טעג האָט ער אונדז נישט צו־פֿיל געפּײַניקט. באַלד דעם ערשטן

טאָג האָט ער געגעבן אַ באַפֿעל: „אַלע זאָלן זײַן אָפּגעראַזירט ביז פֿיר נאָך מיטאָג. װער עס װעט נישט אױספֿירן דעם באַפֿעל, װעט באַשטראָפֿט װערן!" — האָבן מיר אים געפֿרעגט: „װי אַזױ קענען מיר זיך אָפּראַזירן, אַז מיר האָבן נישט מיט װאָס?". — האָט ער געענטפֿערט: „דאָס גייט מיך נישט אָן! באַפֿעל — איז באַפֿעל!"

די האָר פֿון קאָפּ האָט מען אונדז טאַקע אָפּגעשױרן און די האָר פֿון לײַב אָפּגעראַזירט באַלד דעם ערשטן טאָג אין אױשװיץ, אָבער נישט דאָס פּנים. זײַנען מיר שױן געװען באַװאַקסן זינט מען האָט אונדז אַרױסגעפֿירט פֿון לאָדזשער געטאָ. מיר האָבן צופֿעליק געפֿונען אין מיסט עטלעכע ראַזיר־מעסערלעך, און אַ פֿריזירער, פֿײַן, האָט אונדז אַלעמען אָפּגעראַזירט.

צו מאָרגנס אין דער פֿרי, נאָכן פֿרישטיק, װאָס איז באַשטאַנען פֿון אַ שטיקל שװאַרץ ברױט מיט אַ לעפֿעלע מאַרמעלאַדע און שװאַרצע ביטערע קאַװע, זײַנען אָנגעקומען עטלעכע גרױסע ליידיקע לאַסטאױטאָס מיט עטלעכע עס־עס. מען האָט אונדז אױפֿגעלאָדן און מיר זײַנען געפֿאָרן. מיר האָבן נישט געװוּסט װוּהין מען פֿירט אונדז. מיר זײַנען אַרױסגעפֿאָרן פֿון ברױנשװײַג און זיך געשלעפּט אַ לענגערע צײַט דורך פּוסטע פֿעלדער. עס איז אונדז באַפֿאַלן אַ מורא. מײַן געװעזענער אָנפֿירער פֿון דער פֿאַבריק אין לאָדזשער געטאָ, װאָס האָט זיך דאָרטן געלעבט װי אַ מלך און װאָס האָט מיך געשטעלט אױף דער ליסטע צו שיקן אין גאַזקאַמער אַרײַן, איז דאָ אַצינד געזעסן אײַנגעפּרעסט אין ענגשאַפֿט, נישט װײַט פֿון מיר. ער האָט געזאָגט מיט שרעק: „אפֿשר פֿירן זיי אונדז אַצינד אין אַ װיסטעניש אומצוברענגען?" — מיר האָבן מיט אים מסכּים געװען.

נאָך איבער צװײ שעה שרעק האָבן מיר דערזען אַ ישובֿ. מיר זײַנען אַרײַנגעקומען אין אַ דאָרף מיטן נאָמען װעשעלד. דאָרטן איז געװען אַ גרױסע פֿאַבריק, אַן אָפּטיילונג פֿון ביסינג־נאַג. דאָ האָט מען אױסגעאַרבעט רעדער פֿאַר מיליטערישע לאַסטאױטאָס. פֿאַר דער װעלט האָט עס געהייסן אַ „װעבערײַ־פֿאַבריק". מיר זײַנען אַראָפּ פֿון די אױטאָס אין הױף פֿון פֿאַבריק. דאָ האָט שױן אױף

אונדז געוואַרט דער אָבערשאַרפֿירער, אַ חיהשער נאַצי, מיט נאָך עס־עס־מענער. ער האָט אונדז אָפּגעציילט און געפֿרעגט „ווער איז אַ פּוילישער ייִד?" — האָבן אַרום 90 פּראָצענט אויפֿגעהויבן די הענט. „ווער איז אַן אונגערישער ייִד?" — האָט אַ קליינע צאָל אויפֿגעהויבן די הענט, האָט ער געפֿרעגט: „ווער איז אַ דײַטשישער יודע?" — האָבן נאָר 4 אויפֿגעהויבן די הענט. אַ טאַטע מיט צוויי זין און אַ דאָקטער. האָט ער זיי געפֿרעגט: „פֿון וועלכע שטעט אין דײַטשלאַנד?" דער פֿאָטער האָט געזאָגט: איך בין געבוירן אין פּוילן און מײַנע קינדער אין דײַטשלאַנד. מיר האָבן געלעבט אין האַמבורג". דער דאָקטער האָט געזאָגט: 'איך בין קיין אָסט־יודע. איך בין אַ בערלינער".

האָט דער אָבערשאַרפֿירער די דײַטשישע און אונגערישע ייִדן געוואָלט מאַכן פֿאַר די פֿירערס איבער די פּוילישע ייִדן. אַזוי האָבן די דײַטשן אומעטום געטאָן: זיי האָבן געוווּסט, אַז די ייִדן פֿון איין לאַנד האָבן נישט ליב די ייִדן פֿון אַ צווייט לאַנד, אַז זיי האַסן זיך ממש; די דײַטשישע און אונגערישע ייִדן זײַנען געווען פֿולשטענדיק אַסימילירט און די פּוילישע זײַנען געווען פֿאָלקסטימלעכע ייִדן. די פּאָליטיק פֿון די נאַציס איז געווען צו שאַפֿן אַזעלכע באַדינגונגען, אַז ייִדן זאָלן זיך אַרומרײַסן און איין ייִד זאָל שלאָגן דעם צווייטן. אַזוי, למשל, איז געווען אין מײַן בלאָק נומער 12 אין אוישוויץ, ווו זיי האָבן אַרײַנגעלאָזט טויזנט צוויי הונדערט ייִדן פֿון לאָדזשער געטאָ. זיי האָבן פֿריִער אײַנגעשטעלט אַן אַדמיניסטראַציע פֿון בלויז אַסימילירטע אונגערישע ייִדן, וועלכע האָבן געהאַסט פּוילישע ייִדן. זיי האָבן אויף אונדז געקוקט מיט ביטול און אונדז געפּײַניקט. האָט ער דאָס זעלביקע געוואָלט דאָ אײַנפֿירן. ער האָט אָבער נישט געהאַט די פּאַסיקע מענטשן.

דער אָבערשאַרפֿירער האָט אויסגעטיילט די נעמען לויט די פֿאַכן, וואָס זײַנען מיטגעשיקט געוואָרן פֿון אוישוויץ. די וואָס זײַנען נישט געווען קיין מעטאַל־אַרבעטערס אָדער טעכניקערס האָט ער אויסגעקלייבנט די לעצטע און געזאָגט: „איר וועט זײַן טראַנספּאָרט־

אַרבעטערס", ד"ה, טרעגערס. מיך האָט ער אויסגעלייענט פֿון די לעצטע. אַזוי ווי מײַן נאָמען בריקס שרײַבט זיך אין פּויליש מיט אַן איפּסעלאָן, האָט ער בשום אופֿן נישט געקענט איבערלייענען מײַן נאָמען, און האָט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט: „ברוקי! ברוקי!"... מײַן אינטויִציע האָט מיך נישט געלאָזט זיך אָפּרופֿן. האָט ער פֿאַר־שטאַנען, אַז אויף ברוקיס אָרט איז דאָ געקומען אַן אַנדערער, האָט



אַזוי האָט אויסגעזען אַ געראַטעוועטער ייִד פון די נאַצישע לאַגערן...

ער געלייענט די ווײַטערדיקע נעמען. בין איך געבליבן שטיין צווישן די לעצטע צוועלף, צווישן זיי עטלעכע ייִנגלעך. האָט ער געזאָגט: „איר וועט אַרבעטן אין דער קיך און זויבער מאַכן דעם בלאָק". מײַן אינטויִציע האָט מיך נישט אָפּגענאַרט: די טראַנספּאָרט־אַרבע־טערס האָבן צוועלף שעה אין טאָג, בײַ שוידערלעכן הונגער, געמוזט הייבן די שווערסטע משׂא, אַראָפּלאָדן און אַרויפֿלאָדן אויף די לאַסט־

אויטאָס. זיי זײַנען פֿאַרפֿײַניקט געוואָרן צום טויט. איך בין געווען זייער שוואַך און געהאַט אַ מאָגן־געשוויר, וואָלט איך שנעל אומגעקומען.

זעקס פֿאַר נאַכט האָט מען אונדז אַלעמען אַרײַנגעפֿירט אין פֿאַבריק, אויסער די וואָס זײַנען באַשטימט געוואָרן צו אַרבעטן אין קיך און ריין מאַכן דעם בלאָק. איך האָב עפּעס מורא געהאַט צו בלײַבן אין לאַגער, כאָטש איך בין צוגעטיילט געוואָרן צו אַרבעטן אין קיך. איך האָב גאָר נישט געגלייבט, אַז מיר קען באַשערט זײַן אַזאַ גליק: נישט צו הונגערן. איך האָב דאָך כּסדר געהונגערט די אַלע יאָרן, פֿון ערשטן טאָג אָן, זינט עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה — בין איך מיטגעגאַנגען אין פֿאַבריק אַרײַן.

אויפֿגענומען האָט אונדז דער הויפּטמײַסטער פֿון דער פֿאַבריק: אַן עלטערער, הויכער, שלאַנקער דײַטש מיט אַ לענגלעך פּנים און בלויע אויגן. מען האָט אים גערופֿן מײַסטער וועשער. ער האָט נישט געשריגן, נאָר גערעדט שטיל און רויק. זײַן פּנים האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ גוטער מענטש. ער האָט גענומען פֿון אונדז גרופּעס פֿון צען, יעדערן געפֿרעגט וואָס פֿאַר אַ פֿאַכמאַן ער איז און צוגעפֿירט צו די פּרייך־מאַשינען, בויער־מאַשינען און טאָקער־מאַשינען, זיך אַוועקגעשטעלט נעבן דעם אַרבעטער, וואָס האָט באַדינט די מאַשין, און געזאָגט: „לערן אים אויס אַרבעטן אויף דער מאַשין!‟

די אַרבעטערס בײַ די מאַשינען זײַנען געווען געפֿאַנגענע פֿון אַלע לענדער אין אייראָפּע, וואָס די דײַטשן האָבן אָקופּירט. דאָס זײַנען געווען קוואַליפֿיצירטע באַלמעלאָכעס. זיי האָבן פֿאַרנומען די פּלעצער פֿון די דײַטשן, וועלכע זײַנען מאָביליזירט געוואָרן. אַצינד האָבן מיר, ייִדן, געדאַרפֿט פֿאַרנעמען זייערע פּלעצער און זיי האָבן באַדאַרפֿט פֿאַרנעמען די פּלעצער פֿון די מאָביליזירטע דײַטשן אין אַנדערע פֿאַבריקן. די דײַטשן האָבן אונדז טאַקע געגעבן צוויי וואָכן צײַט זיך אויסצולערנען די אַרבעט, אָבער מיר — כאָטש אויסגעפּײַניקטע פֿון לעבן אין געטאָ און דערנאָך אוישוויץ — האָבן באַלד געכאַפּט די תּורה. די דײַטשישע מײַסטערס האָבן געשטוינט פֿון

אונדזערע פֿעיִקייטן. דאָס זעלביקע די אַנדערע אַרבעטערס, מחמת זיי האָט מען געלערנט וואָכן לאַנג, האָבן זיי אונדז דערציילט.

באַך עטלעכע טעג האָט מען זיי אַרויסגענומען פֿון דער פֿאַבריק און מיר, ייִדן, האָבן איבערגענומען די מאַשינען און אַרויסגעגעבן די זעלביקע פּראָדוקציע. עטלעכע טעג שפּעטער האָט איין ייִד אַרויס־געגעבן מיט פֿערציק פּראָצענט מער וויפֿל ער האָט געמוזט — אַלע דײַטשישע מײַסטערס האָבן דאָס באַוווּנדערט. דער קאָמענדאַנט פֿון די עס־עס האָט אים פֿאָרגעשטעלט פֿאַר אונדז בעתן אַפּעל און געהאַלטן וועגן אים אַ רעדע, אונדז געהייסן זיך אַראָפּנעמען פֿון אים אַ בײַשפּיל און אים באַלוינט מיט נאָך אַ זופּ.

איך האָב מיך נישט געאײַלט צוצוגיין צום מײַסטער וועשנער, ווײַל כ׳האָב פֿאַרשטאַנען, אַז מען אַרבעט בײַ אַ מאַשין, מוז מען אַרויסגעבן אַ נאָרמע, און איך בין דאָך שוואַך און קראַנק. עס שטייט אַ לאַנגע ריי מאַשינען און יעדע מאַשין נעמט־איבער דאָס שטיקל פֿון דער מאַשין, וואָס שטייט בײַ איר רעכטער זײַט. טאָמער האָט איין מאַשין נישאַ אויסגעענדיקט דאָס שטיקל אין צײַט, בלײַבן אָן אַרבעט אַלע ווײַטערדיקע מאַשינען. האָב איך אַזוי אויסגעמאַרקירט, אַז ער זאָל מיך נעמען דעם לעצטן. ווען ער האָט שוין אַלע געהאַט צוגעטיילט צו אַן אַרבעט, איז ער צו מיר צוגעקומען, מיך אָנגע־קוקט מיט אַ מילדן בליק און געזאָגט: „איך האָב שוין נישט קיין מאַשין פֿאַר אײַך, וועט איר פֿירן שפּענער“.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין דער מלחמה־צײַט, וואָס אַ דײַטש האָט צו מיר גערעדט מענטשלעך. ער האָט מיך איבערגע־געבן צו אַן אַלטן דײַטש. דער האָט מיך צוגעפֿירט צו עטלעכע מעטאַלענע פֿירעקיקע וועגעלעך אויף פֿיר רעדלעך און מיר געהייסן נעמען איינס פֿון זיי. איך האָב עס אָנגענומען בײַם דישל, האָט ער מיר געהייסן אַוועקנעמען די מעטאַלענע אָפּשניצלעך פֿון אַרום די מאַשינען, וואָס פֿאַלן־אַראָפּ פֿון אונטערן מעסער בײַם אויסשניצן די טיילן פֿאַר די רעדער צו די לאַסטאויטאָס. ער האָט מיר גע־הייסן אָנלאָדן אַ פֿול וועגעלע מיט דער ווידלע, אַ גאָפּל וואָס איז

געווען אין וועגעלע. איך האָב אַזוי געטאָן. ער איז געגאַנגען און איך הינטער אים מיטן וועגעלע. ער האָט מיך צוגעפירט צו אַן אָרט, ווו אַפּצולייגן די שפּענער.

מיר האָבן היינט באַקומען צו עסן פון דער פירמע „ביסינג נאַג” דאָס זעלביקע, וואָס אַלע אַרבעטערס פון דער פאַבריק, ווייל די פירמע האָט זיך אין אונדז געניייטיקט. מיטיק האָבן מיר באַקומען אַ געדיכטע זופּ, געקאָכט מיט קאָנסערווירט פלייש. איך בין שוין געווען אָפּגעוווינט פון עסן, איבער הויפּט פון אַ פליישיק מאַלצייט, האָט עס מיך געיאָגט. און אַרויספאָרן מיטן וועגעלע האָב איך נישט געטאָרט — צו וואָס זאָל איך מיך דאָ אַרומדרייען אַ גאַנצע נאַכט? — בין איך אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף און געזאָגט צום אַלטן עס־עס־מאַן, וואָס האָט דאָ געהאַלטן וואַך מיט אַ ביקס: „הערן פאָסטן, איך האָב דורכפאַל. ביטע ערלאַובען זי מיר צו גיין שלאָפען”. האָט ער מיר דערלויבט.

געשלאָפן זיינען מיר אין לאַגער עטלעכע טריט פון פאַבריק — אין אַ הויכן, גרויסן זאַל, צו צוויי אויף אַ שמאָלער פּריטשע. די פּריטשעס זיינען געווען דרייישטאָקיקע. איך בין געשלאָפן אויפן דריטן שטאָק, צוזאַמען מיט יחיאל פוקס. ער איז דערצויגן געוואָרן אין לאָדזשער „השומר הצעיר” און האָט גערעדט פליסיק העברעיִש מיט דער ספרדישער הברה. ער איז געווען פון מיטעלן וווּקס, פעסט געבויט, מיט אַן אייזערנעם קאָפּ; האָט געהאַט אַ סך געלייענט און אַלץ געדענקט, ליב געהאַט אַ סך צו ריידן און וועגן אַלעמען אין דער וועלט: נישט נאָר פון פּאָליטיק, ליטעראַטור און קונסט, נאָר אַפילו וועגן אַלערליי אויטאָמאָבילן. שטענדיק איז ער געווען דער ראש־המדברים. אין לאָדזשער געטאָ האָט יחיאל פוקס מיטן כּוח פון זיין פּאַרטיי געאַרבעט אין אַ פאָלקסקיך. דאָס האָט פוקס מיר דערציילט, ווען ער האָט געזען, אַז איך קען אַפילו נישט אויפעסן די איינע זופּ, וואָס מען טיילט־צו. שטענדיק האָב איך אים געגעבן דאָס פערטל טייל זופּ, וואָס כ׳האָב איבערגעלאָזט. ער האָט געזאָגט: „אַז דו ביסט אַזאַ קליינער עסער, טאָרסטו נישט אַרבעטן אין אַ

קיך״. איין־און־איינציק מאָל האָט ער מיר געגעבן אַ האַלב עפּעלע, וואָס ער האָט באַקומען פֿון אַן אויסלענדישן אַרבעטער. איינער, יאַקובאָוויטש, האָט מיר געהאַלטן אין איין זאָגן: „פֿאַר וואָס גיסטו־אַוועק די זופּ? איך וועל עס ביי דיר קויפֿן פֿאַר ברויט״. איך האָב נישט פֿאַרשטאַנען צו האַנדלען מיטן ביסל עסן. אָבער שפּעטער, ווען איך האָב צוליב מײַן געשוויר אין מאָגן נישט געקאָנט עסן ס׳שטיקל ברויט, ווײַל עס האָט מיך געאיבלט, האָט מיר יאַקובאָוויטש געברענגט אַ ציבעלע. פֿאַר דעם האָב איך אים געגעבן ס׳ביסל זופּ. די ציבעלע איז פֿאַר מיר געווען די אמתע רפֿואה. עס האָט אָפּגעשטעלט דאָס איבלען און מיט דער ציבעלע האָב איך געקענט אויפֿעסן ס׳שטיקל ברויט. פֿון דעמאָלט אָן האָב איך יאַקובאָוויטשן פֿאַרקויפֿט די זופּ פֿאַר ציבעלעס. ער פֿלעגט אײַנשטעלן זײַן לעבן און זיך אַרײַנגעגנבֿעט אין דערבײַיִקן גאָרטן און אויסגעריסן ציבעלעס.

אין דער פֿרי האָבן מיר אין פֿאַבריק, פּונקט ווי די דײַטשן, אָבער אָפּגעזונדערט, באַקומען צו עטלעכע שטיקלעך טונקל ברויט, גוט אָנגעשמירט מיט מאַרמעלאַדע און שוואַרצער אומגעצוקערטער „קאַווע״ פֿון געברענטע גערשטן; אויף מיטיק האָבן מיר באַקומען אויך דאָס זעלביקע וואָס די דײַטשן: אַ פֿולן ליטער קרעפּטיקע זופּ, געקאָכט מיט קאָנסערווירט פֿלייש; און פֿאַר נאַכט: ווידער צו עטלעכע שטיקלעך ברויט מיט מאַרמעלאַדע מיט שוואַרצער אומגעצוקערטער „קאַווע״. מיר זײַנען צו דעם צוגעפֿאַלן ווי אויסגעהונגערטע ווילדע חיות. מיר האָבן נאָך גוט געשפּירט דעם טעם פֿון שרעקלעכן הונגער אין לאָדזשער געטאָ און אין אוישוויץ.

די דײַטשן האָבן טאַקע אויף אונדז געקוקט ווי אויף ווילדע חיות: צו דער משונהדיקער קליידונג האָט מען אונדז אויך אין מיטן קאָפּ, פֿון שטערן ביז דעם נאַקן, אויסגעשוירן אַ וועג מיט אַ מאַשינדל. פֿון ביידע זײַטן זײַנען די האָר געוואַקסן, האָבן זיי דאָס אָנגערופֿן „לויזע שטראַסע״. דאָס האָט אונדז געמאַכט אויסזען ווי משוגעים. זיי האָבן אויך געמיינט, אַז מיר זײַנען פֿאַרברעכערס, ווײַל מיר האָבן געטראָגן קאַצעט־מונדירן און מיר זײַנען דאָך געברענגט

געוואָרן פֿון אוישוויץ. האָבן מיר זיי דערציילט, אַז מיר האָבן פֿאַר דער מלחמה געלעבט אַ נאָרמאַל לעבן און אַז מיר האָבן פֿיר און אַ האַלב יאָר געהונגערט אין לאָדזשער געטאָ, געמוזט אַרבעטן און אַרויסגעבן אַ פּראָדוקציע. צום סוף האָט מען אונדז געזאָגט, אַז מיר פֿאָרן אויף אַרבעט קיין דײַטשלאַנד און מען האָט אונדז פֿאַרשיקט קיין אוישוויץ.

פֿאַר די ייִדן האָט מען אויסגעבויט אַ ספּעציעלע קיך. דער אָבערשאַרפֿירער, אַן עסעסמאַן מיט אַ הויכן ראַנג, איז געקומען צום אויסטיילן מיטאָגן. דאָס איז געווען אַ שלעכטער סימן. ער איז געווען אַ ווילדער חיהשער אַנטיסעמיט: ער האָט געהאַלטן אין איין זידלען די ייִדן. נאָכן אויסטיילן די זופּ, פֿלעגט בלײַבן אַ פֿערטל קעסל זופּ, האָט דער בלאָקעלטסטער, הערמאַן, וואָס האָט געטראָגן אויף זײַן קאַצעט־אָנצוג אַ גרינעם דרײַעקיקן צייכן — אַ סימן „אַז ער איז אַ קרימינעלער פֿאַרברעכער" — אויסגעשריגן: „יונגע! ווער עס האָט שוין אויפֿגעגעסן זאָל זיך שטעלן אין דער ריי נאָך נאָכשלאַג, צוגאָבזופּ. עס האָט זיך באַלד געשאַפֿן אַ לאַנגע ריי מיט שיסל־און־לעפֿל אין די הענט. דאָס איז געווען אויפֿן פֿאַבריקהויף, ווו הערמאַן האָט אויסגעטיילט צו ביסלעך זופּ אַן ערך צען מענטשן. איז דער אָבערשאַרפֿירער צוגעגאַנגען צו דער ריי. פֿון שרעק האָבן אַלע זיך באַמיט צו שטיין אין אָרדענונג. דאָ האָט דער דײַטש זיך אויף זיי צעשריגן היסטעריש: „פֿערפֿלוכטע זאַו־יודען! צוויי מאַל ווילט איר פֿרעסן?! איר שטינקעזעקע! שײַסע! וועק פֿון הי:ער! פֿערשווינדט!"

צו מאָרגנס האָבן מיר שוין נישט באַקומען צו עסן פֿון דער פֿירמע „ביסינג נאַג", בײַ וועלכער מיר האָבן געשקלאַפֿט, נאָר פֿון דער קיך, וואָס איז ספּעציעל געשאַפֿן געוואָרן פֿאַר אונדז, ייִדן. מען האָט שוין מער נישט אויסגעטיילט אויפֿן הויף, נאָר אין בלאָק.

פון „די אַנטלויפֿערס פון גסיסה צום לעבן",
געדרוקט נאָך י. בריקס טויט, נ"י 1975

מ. אַליצקי / אין דייַטשלאַנד

# אַ קאַצעטלער

ער ווייסט פֿון אויגן, וואָס זיי מאַכן זיך ניט צו, ווען ס׳ברענט
אַ מענטשנס גוף,
פֿון הענט וואָס וואַרפֿן קינדער אין אַ גרוב, ווי שטייגער;
ער ווייסט, אַז הרגענען קען אויכעט ווערן מענטשלעכער באַרוף,
אַז פּונקט ווי צווייַגן קענען ברענען ביינער.

אין העלן טאָג האָט ער געזען אומבאַשטראָפֿט פֿאַרברעכן,
רציחה, רשעות, מערדערייַ, בעסטיאַלישקייט און רויב,
ווי מ׳קען אַ מעסער קאַלטבלוטיק אין האַרץ פֿאַרשטעכן,
און די אויגן זאָלן גלאַנצן, ווי די שקיעה גלאַנצט אין שטויב.

ער האָט נאָך געזען, פֿון וואָס דער אָטעם ציטערט,
דער קאָפּ אַ גרייטער וואַרט, ווי צווישן צוויין אַ נוס;
געפֿילט די גרויזאַמקייט, וואָס גלייַך אין פּנים ריטערט.
די שרעק, ווען קערפּער גיט זיך אָפּ דעם מערדער אין רשות.

ער ווייסט פֿון גרויסקייט אויך. פֿון קדושים. איז אָבער שווער
פֿון דעם צו טראַכטן,
דאָס פּרעסט זייַן האַרץ צונויף, דאָס טוט אים וויי;
עס פֿעלן כּוחות אויס די מערדערס צו פֿאַראַכטן,
און ווייניק איז די ריינקייט צו דערמאָנען זיי.

קיינעם ניט דערציילט ער פֿון די טרויערן און קומער,
וואָס זייַנען איינס געוואָרן מיט זייַן פֿלייש און ביין;
די האַנט נאָר מיט דעם אויסגעקריצטן פּיאָלעטן נומער
זאָגט, אַז איר דאַרפֿט וויסן אַלצדינג שוין אַליין.

די צוקונפֿט, נ״י, 1948

ק. צעטניק

# „פֿאַרװײלונג־דינסט“

קאַפּיטל 39 פֿון בוך „דאָס הויז פֿון די ליאַלקעס“

אינעם בלאָק איז שטיל. די מײדלעך זיצן יעדע אויף איר בעט. די פֿיס אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. פֿופֿציק בעטן, אויסגעשטעלטע אין צװײ רײען, און פֿופֿציק מײדלעך זיצן אויף די בעטן, אײנע מיטן פּנים צום רוקן פֿון דער צװײטער. קײנער האָט זײ דאָ נישט אַזױ אויסגעזעצט. קײנער האָט זײ נישט באַפֿוילן צו זיצן אַזױ גלײַך. עס קומט־אויס װי זײ װאָלטן זיך מיט אַ כּוונה אַזױ געזעצט, כּדי נישט צו באַגעגענען אײנע דאָס פּנים פֿון דער צװײטער. דער פּחד איז אָנשטעקנדיק. באַלד װעלן זײ דאַרפֿן שמײכלען. דאָס שמײכלען איז אַ חובֿ. דער שמײכל איז אַן עדות אויף דער באַציִונג פֿון מײדל צו דער „פֿאַרװײַלונג“. פֿונעם שמײכל איז אָפּהענגיק איר לעבן. באַלד װעלן זײ דאַרפֿן זײַן פֿרײלעך.

אינעם בלאָק איז שטיל.

איצט קענען זײ זיך נאָך מתיחד זײַן מיט דעם, װאָס עס װעט באַלד דאָ פֿאָרקומען. איצט מעגן זײ נאָך פֿילן דעם שוידער פֿון דעם, װאָס דערװאַרט זײ. איצט גיבן זײ זיך איבער דעם פּחד מיט לײַב־און־לעבן, מיט געעפֿנטע אָרעמס. נאָר באַלד װעט ער, דער פּחד, דאַרפֿן אָפּטרעטן זײַן פּלאַץ פֿאַר די דײַטשן, װעלכע קומען איצט אַהער, אינעם בלאָק אַרײַן, זיך פֿאַרװײַלן. באַלד װעלן די מײדלעך דאַרפֿן אַרױפֿציִען אויפֿן פּנים אַ שמײכל, װײַל דער הויכגעשטעלטער דײַטשישער גאַסט איז נישט געקומען אַהער זען טרויעריקע אויגן: פֿאַרװײַלן זיך איז ער געקומען! שעפּן פֿרײדע!...

צי האָט דאָס פֿאַרשטאַנען די „פּופּע“? אָדער צי האָט זי דאָס נישט פֿאַרשטאַנען? אויב זי האָט דאָס נישט פֿאַרשטאַנען, װעט ער איר דאָס באַלד געבן צו פֿאַרשטײן: קודם־כּל — אַהער מיטן נומער!... ער װיל אים האָבן ליגן אויפֿגעשריבן אין דער טאַש. סתּם אַזױ.

דערנאָך, בשעת ער וועט פאַרבײַגיין נעבן ביוראָ, וועט ער שוין זען, וואָס ער האָט צו טאָן. און איצט, אַז דער אויסגעבראַנטער נומער פון איר ברוסט ליגט אַן אויפגעשריבענער בײַ אים אין טאַש, זאָל די „פופע" אים געבן איר ליבע!... און דאָס מיטן גאַנצן האַרץ! מיט פרוידע! אַזוי ווי ער האָט דאָס ליב! ער וויל פון איר טרינקען, ווי ער טרינקט־אויס אַ קופליע פרײַסישן ביר, צוזאַמען מיטן ווײַסן, איבערלויפנדיקן שוים...

אין דרויסן קלאַפּט מען אינעם גאַנג.

צוויי אַ זייגער.

ס'הייבט זיך אָן.

אינעם בלאָק איז שטיל. פּופּציק מיידלעך. ווי זיי וואָלטן נישט געהאַט גאָר נישט צו זאָגן איינע דער צווייטער. פּופּציק בעטן, ווי פּופּציק אויסגעשטעלטע שטולן אויפן עקזעקוציע־פּלאַץ, איידער מען בינדט צו זיי צו די נאַקעטע מיידלשע קערפּערס.

פון דרויסן דערטראָגן זיך דערנענטערנדיקע דײַטשישע קולות. עלזע שרײַט דאָרט, גיט־אַרויס לעצטע באַפעלן צו די קאַלעפאַק־טאָרינס [1]. עלזעס קול איז העכער פון די דײַטשישע געלעכטערס. זי וויל, אַז די סאָלדאַטן זאָלן זי באַמערקן; זיי זאָלן זען, ווער זי איז דאָ אינעם לאַגער. יאַגאַ געפינט זיך אויך אויפן פּלאַץ. זיי פאַרען זיך אין דרויסן. זיי זײַנען שטאַרק באַשעפטיקט, ווי טעאַטער־דירעקטאָרן פאַרן פאָרהאַנג־אויפהייב פון אַ פײַערלעכן שפּיל. באַלד וועט די טיר פון בלאָק זיך אויפרײַסן און די דײַטשן וועלן אַרײַן.

פּופּציק בעטן וויל פּופּציק צום טויט־פאַרמשפּטע, וועלכע שטייען אויסגעשטעלט אין איין ריי, אומבאַוועגלעך, קוקן צו די רערן פון די ביקסן, וואַרטן ביז זיי וועלן דערפילן די קויל אינעם האַרץ, און — שווײַגן. האָבן נישט גאָר נישט וואָס צו זאָגן איינער דעם צווייטן.

---

[1] אָרדענונג־האַלטערס אין קאָרידאָר, קאַפּאָס, וואָס העלפן־אַרויס דער אָנ־פירערין פון בלאָק.

אַזוי יעדן טאָג. פֿינקטלעך צוויי אַ זייגער.

דאַניעלאַ קוקט אויפֿן רוקן פֿון מיידל, וועלכע זיצט אויפֿן בעטל פֿאַר איר. די בלויזע דינע שטרייַפֿעלעך פֿון דעם לאַגערשירץ, וואָס ציִען זיך אויף דעם מיידלס פּלייצע, בלענדן דאַניעלאַן אין די אויגן. די האָר פֿון מיידלס קאָפּ פֿאַלן־אַראָפּ אויף איר נאַקן און די שטרייַפֿעלעך אויף דער פּלייצע הייבן זיך אַרויס פֿון לייַוונט, וואַקסן וואָס אַ מאָל העכער און דעקן־צו אויך די האָר. און אָט: די שטרייַ־פֿעלעך רוקן זיך אָפּ פֿון דעם מיידל, דערווייַטערן זיך פֿון איר פּלייצע, בלייַבן שטיין אין דער לופֿט. אַ שטייַג!... פּלוצלינג קוקן די שטרייַפֿעלעך אויס ווי קראַטעס. ווי דאָס מיידל וואָלט זיך גע־פֿונען אין אַ שטייַג הינטער קראַטעס... אַלע שטרייַפֿעלעך פֿון אַלע מיידלעך רוקן זיך פּלוצלינג אָפּ פֿון זייערע פּלייצעס. צוויי רייען אויסגעשטעלטע שטייַגן! אין יעדער שטייַג זיצט אַ רוקן פֿון אַ מיידל, אומבאַוועגלעך, און וואַרט, אַז דער הויפּטאַרצט זאָל קומען, אויספֿירן אויף איר לעבן אַ וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונג...

שטיל. ווי די לופֿט וואָלט דאָ געווען פֿאַרטויבט. נאָר דורכן פֿענצטער פֿון בלאָק רייַסן זיך אַרייַן די דייַטשישע קולות. די קלעפּ אינעם גאַנג קוילערן זיך פֿון די הימלען, באַגלייט מיט אַן עכאָ, ווי זיי וואָלטן געווען אייַנגעהילט אין אַ לאַנגער, שוואַרצער פּעלע־רינע. די גאַנגקלעפּ פֿליִען אין דער הויך, לאָזן זיך אַראָפּ און דער עק פֿון זייער אויסגעשפּרייטער פּעלערינע שלעפּט זיך נאָך איבערן דאַך פֿון בלאָק און דעקט אים צו מיט אַ שוואַרצן צודעק.

ס'איז פֿינצטער. דאַניעלאַ פֿילט, אַז די קלעפּ פֿון גאַנג קומען צו איר אַרייַן דורכן פֿענצטער פֿון בלאָק, צוזאַמען מיט קולות פֿון דייַטשן. זיי לאַכן... די קעפּ פֿון די מיידלעך דרייען זיך פֿאַר אירע אויגן ווי רעדער. רעדער פֿון נאַכטטראַמוויי אויף די שלאָ־פֿנדיקע גאַסן... רעדער פֿון לאָקאָמאָטיוון... „רעדער ראָלן צום זיג!”... לאַכנדיקע פּנימער פֿון דייַטשישע קאָנדוקטאָרן... אָט איז איר קינדער־צימער, און אָט שטייט זי אויפֿן מעטראָפּאָליער וואָקזאַל צווישן די מיידלעך פֿון טראַנספּאָרט... „דאַניש, פֿאַר וואָס פֿאַרסטו־

אַוועק פֿון מיר?״... „כּדי דיר צו ברענגען אַ מתּנה, זיסער״... די רעדער שנײַדן זיך אויף די רעלסן מיט אַ רעש. מעסערס שאַרפֿן זיך אויף די רעדער. זי וועט כאַפּן אַ מעסער און צעשנײַדן דאָס לײַב פֿונעם דײַטש בשעת ער וועט ליגן אויף איר. דאָס מעסער שנײַדט, שנײַדט און דאָס בלוט פֿון דײַטש רינט אויף איר ברוסט, אויף דעם אויסגעברענטן נומער... ס׳איז נאַכט, טונקל־רויטע נאַכט... די גאַסן שלאָפֿן שוין. נאָר די אײַזערנע רעדער פֿון נאַכטטראַמווײַ שנײַדן זיך מיט אַ רעש, מיט אַ געקלינגערײַ אויף די רעלצן. זי שטעכט און שנײַדט מיטן בעסער, און די בלויע שריפֿט Feld-Hure איז רויט, פֿאַרגאָסן מיטן בלוט פֿונעם דײַטש... אירע פֿינגער קלעפּן זיך פֿון בלוט, און זי זעט, ווי פֿון די אותיות Feld-Hure רינט בלוט, אַזוי ווי עס איז גערונען פֿון דעם אויסגעברענטן וואָרט Jude אויפֿן שטערן פֿון שלאַמקעס פֿאָטער... בלוט פֿאַר בלוט. דײַטשיש בלוט — —

דער בלאָק איז פֿול מיט דײַטשן. עס איז אַ רעש. אָן אַ שיעור שוואַרצע שטיוול. עס קאָכט ווי אין אַ קעסל. דײַטשישע געשרייען. דײַטשישע געלעכטערס. נישטאָ מער קיין קראַטעס. קיין שטײַגן. אַלץ איז אויפֿגעריסן. נישטאָ מער קיין רעדער. דער רונדיקער קאָפּ פֿון מיידל ליגט אויפֿן פּאָדער־בעטל אַן אַראָפּגעוואָרפֿענער — „פֿאַרווײַלונגס־דינסט״.

בײַ דאַניעלאַס בעטל הענגט דער דײַטש אַרײַן זײַן מונדיר אין דער שאַפֿע. אַנטקעגן־איבער, אויפֿן דערנעבנדיקן בעטל, קוקט דאָס מיידל אין די אויגן פֿון דײַטש. זי שמייכלט, נאָר איר שמייכל וויינט. עס קוקט־אויס, ווי זי וואָלט דעם שמייכל ערשט אַרויסגעצויגן פֿון אַ סלאָי טרערן, ווו ער האָט זיך געווייקט. די אויגן פֿון דעם מיידל גריבלען זיך אינעם דײַטשס געשטאַלט, זי פּרוּווט טרעפֿן ווי פֿון חכמת־הפּרצוף: וואָס וועט די געשטאַלט הײַנט מיט זיך ברענגען פֿאַר איר?... צי געפֿינט זיך דאָרט, הינטער דער געשטאַלט, פֿאַר־שטעקט אַ מענטשלעכער פֿונק?... זי זוכט דעם פֿונק. זי וויל אים געפֿינען. זי וויל זיך אין אים אָנכאַפּן. זי וויל צו אים אויסשטרעקן

אַ האַנט, ווי אַ טרינקענדיקע. אין זײַנע הענט ליגט איצט דער גורל פֿון איר לעבן. זי געהערט איצט צו אים. ער וועט אַרויסזאָגן זײַן מיינונג וועגן איר. זײַן מיינונג איז אַ פּסק־דין. צי וועט ער זיך אָנזעטיקן, ווי אַ חיה וואָס פֿאַרצוקט, פֿרעסט זיך אָן און גייט־אַוועק אָדער צי וועט ער, סתּם, דערנאָך איר מאַכן אַ „מעלדונג", כּדי זיך צו פֿאַרשאַפֿן אַזאַ מין פֿאַרגעניגן?

דאַניעלאַס אויערן זײַנען פֿאַרטויבט. די דײַטשישע געשריי־הו־לערײַען רײַסן זיך אַדורך דורך דער פֿאַרטויבטקייט און דרינגען־אַרײַן אין אירע אויערן ווי פֿון אַ ווײַטן מרחק; ווי אַ פֿאַרטויבטער עכאָ פֿון אַ שרײַענדיקן מענטשן־פֿרעסער־צערעמאָניאַל. זי ווייסט, אַז מען רײַסט איר די האָר פֿון קאָפּ, נאָר זי פֿילט נישט קיין ווייטיק. אירע אויגן זײַנען פֿאַרמאַכט, נאָר זי זעט, פֿון דעסט וועגן, ווײַטער די שפּיצן פֿון די פֿאָרהענגלעך, וואָס הענגען אויף די פֿענצטער פֿון בלאָק, מיט די אויסגעשווירענע פֿיגורלעך אין זייער מיטן. די פֿיגורלעך זײַנען ווײַט פֿון הימלשײַן, וואָס קוקט דורך זיי אַדורך. „דײַטשישע סאָלדאַטן וועלן דיך לערנען!"... פֿון תּהום ווילדע געשרייען הערט זיך אַרויס דאָס דעמפּיקע, הייזעריקע קול פֿון דײַטש, וועלכער וואָיעט אין איר אויער אַרײַן. אירע אויגן זײַנען פֿאַרשלאָסן. דאָס קול האָט אַ רויט, שיכּורדיק פּנים... אַ לעדערנע מאַרינאַרקע — דאָס „דרײַצענטל"... די זעלביקע פֿאָרהענגלעך ווי אויפֿן פֿענצטער פֿון וויסנשאַפֿט־בלאָק... „דײַטשישע סאָלדאַטן וועלן דיך שוין לערנען!"... דאָס מומיע־פּנים פֿון דעם נעאַנדער־טאַל־מענטש ליגט איצט אויף איר, נעמט זי אַרום, לעקט איר דאָס פּנים. אין דער שטײַג איז ער געווען רויִק, געקוקט צו איר און געשוויגן. איצט האָבן זיי אים פֿון דאָרט אַרויסגעלאָזט און ער איז זי באַפֿאַלן. זי ליגט אַ געבונדענע, אַזוי ווי זי איז געלעגן אין דער שטײַג אינעם וויסנשאַפֿט־בלאָק, אירע קני — אויסגעשפּרייטע, צוגע־בונדן צו די אײַזנס פֿון טיש. זי קען נישט רירן מיט קיין אבֿר. זי קען נישט אַנטלויפֿן. פֿונקען, געלע פֿונקען שפּריצן־אַרויס פֿון רויטע קרײַזן. די „מומיע" דעקט זי צו. זי פֿילט זײַן ריח. זײַן מויל

איז אָפֿן. גרויסע צייך ווי פֿון אַ חיה שאַרצן זיך אויף. ער שטעקט־אַרײַן זײַנע הענט אין איר קערפּער ווי צוואַנגען פֿון אַ ראַק. דער הויפּטאַרצט קוקט צו איר אַרײַן אין דער שטײַג. זײַנע אויגן זײַנען גוטמוטיקע און שמייכלען. זי ליגט מיט אויסגעשפּרייטע קני, אַ צוגעבונדענע צו די אײַזנס פֿון טיש. זי קען זיך נישט רירן. שולצע ציט־אויס דעם לאַנגן שטעקן. דאָס גומענע רעדל דערנענטערט זיך צו איר אויג. באַלד וועט דאָס רעדעלע אַרײַן אין איר אויג. ער וועט פֿון איר אַרויסציִען דאָס לעבן. שולצע לאַכט. ער טראָגט אַ שוואַרצן ס.־ס.־הוט. ער איז — שולצע; און ער איז — דער לאַגער־אַרצט. זײַן פּנים איז ערנסט. ער זאָגט צו די דײַטשן, וועלכע שטייען הינטער אים: „די יונגען וועלן פֿון איר זײַן צופֿרידן“...

די מיידלעך אין די אַנטקעגנאיבערדיקע שטײַגן נייען קאָלירטע בלומען אויף לײַוונטענע טישטעכער. אַ נישט־אויסגעפֿאַרטיקטע בלום קוקט־אויס ווי דער אויפֿגעריסענער קאָפּ פֿון אַ היסטאָריע־לערער אויף די הויזטרעפּן אין יאַבלאָווע, מיט דער רויטער בלוט־קאַלוזשע צוקאָפּנס. זי וויל שרײַען. זי דרייט מיטן קאָפּ אַהער און אַהין, ווי דאָס מיידל פֿונעם אַרויסגעשניטענעם אבֿר אינעם סלאַי. זי עפֿנט דאָס מויל. זי וויל שרײַען, נאָר זי קען נישט. דער פּחד שטעקט ווי אַ טראָפּן אין איר האַלדז. אינעם אונטערשטן טייל פֿון איר בויך צינדט זיך אָן אַ ווייטיק, ווי אַן אַרויסגעשלאָגענער פֿלאַם פֿון קופּע אַש. די סלאָוואַקישע אַרצטין שטעכט־אַרײַן אַ נאָדל. דאָס בלוט הייבט זיך אינעם גלעזערנעם רערל. „דײַטשישע סאָלדאַטן וועלן דיך לערנען“... „די יונגען וועלן פֿון איר זײַן צופֿרידן“... די בלומען ליגן אויסגעשאָטן אויפֿן ווײַסן טישטעך הינטער די גראַטעס פֿון דער אַנטקעגנאיבערדיקער שטײַג. „דאַניש איז ווי אַ בלומענקנאָספּ. אַז זי וועט זיך עפֿענען, וועט פֿאַרבלענדן איר רייץ“... „אַוודאי האָב איך געזאָגט, אַז דו ביסט אַ בלום“... האַרי... האַרי...

אויף די פֿאַרהענגלעך איבער די פֿענצטער פֿון בלאָק מאָלט דער הימל אַ מאָדנע שפּיל פֿון פֿיגורלעך. מענטשן לויפֿן דאָרט אין אַ געדיכטן וואַלד.

פֿון אַ דערנעבנדיקן בעטל הייבט זיך אויף אַ דײַטש, גרייט זיך אַוועקצוגיין. דאָס מיידל נעמט אים אַרום מיט נאַקעטע אָרעמס. איר פּנים קרימט זיך אויס אין אַ שמייכל. אירע ליפּן שעפּטשען:

— גנעדיקער הער, וואַרען זי צופֿרידען?...

דער דײַטש שטופּט זי אָפּ פֿון זיך. שפּײַט־אויס. גייט־אַוועק. דאָס מיידל בלײַבט זיצן. אירע נאַקעטע הענט בלײַבן ליגן, אַראָפּגעלאָזטע, אויף אירע קני. זי קוקט אים נאָך. ער גייט־אַוועק און טראָגט מיט זיך מיט אין זײַנע הענט דעם גורל פֿון איר געשענדטן לעבן. דאָס עקזעקוציע־פּלאַץ שווימט איר אַרויף פֿאַר די אויגן. זי קוקט, קוקט. דער דײַטש איז שוין אַרויס פֿון בלאָק, און זי קוקט נאָך אַלץ.

צי איז ער געווען צופֿרידן?...

## רבקה באַסמאַן

# ווער זײַנען מיר?

ווער זײַנען מיר, אין נעכט אין פֿינצטערע, פֿאַרוואָגלט און פֿאַרהאַסט,
אַרויסגעטריבענע פֿון הײַזער, הפֿקר אויסגעשפּאָסט?
ווי וואָלקנס האַסטיקע, וואָס קענען ניט דעריאָגן זיך,
צעפּלײַען און פֿאַרגייען אין דער שטיל און אָן אַ ציל —
ווער זײַנען מיר?

ווער זײַנען מיר, אין נעכט אין פֿינצטערע, געצווונגענע צו פֿרייד?
צערײַסן דאָס האַרץ, אַרויסגיסן דאָס בלוט,
געצווונגענע צו פֿרייען זיך און זאָגן, אַז ס'איז גוט —
ווער זײַנען מיר?

וואָלקנס שטויב פֿאַרדעקן פֿונעם פֿרילינג אַלץ אַרום,
און ערגעצווו אַ האַרץ טוט קלאַפּן... ס'בליט אַ בלום,

און ס׳קלינגט אין טיפֿער נאַכט אַרום אַן עכאָשטים — —
אַ יאָמערלעך וויינען... שטילע נאַכט אַרום...
ווער זײַנען מיר?

רבקה באַסמאַן, געב׳ 1925 אין ווילקאָמיר, איז פון די פײַנסטע דיכטערס פון יונג־ישראל. זי האָט דאָס ליד געשריבן אין קאָנ־צענטראַציע־לאַגער קײַזערוואַלד, ווען ז׳איז 20 יאָר אַלט געווען.

## מרדכי שטריגלער

# גורלות

## קאַפּיטל 24

— 1 —

אַז ווערק צע האָט געהאַט עטלעכע רויִקע וואָכן, האָט דער לאַגער געמוזט פֿאַרגעסן אין די שווערע טעג. דאָס, וואָס דער טיפֿוס האָט צוגענומען אַזוי פֿיל הונדערטער מענטשן, האָט מען באַטראַכט ווי אַ ריין־נאַטירלעכע דערשײַנונג. דערפֿאַר איז דער לאַגער אַזוי אויפֿגעציטערט געוואָרן, ווען די וועכטערס זײַנען אַרײַן אין די האַלעס און מיט איין מאָל אַרעסטירט עטלעכע ייִדן. קיינער האָט נישט געוווּסט גענוי פֿאַר וואָס דאָס איז געשען, אָבער פֿון אונטער דער ערד האָט מען געהערט אַ קלאַנג, אַז עס גרייט זיך אַ שרעקלעכע רעוויזיע אין לאַגער. מען זוכט עפּעס געפֿערלעכע זאַכן און דער, בײַ וועמען מען וועט געפֿינען דאָס מינדסטע, וועט אויפֿן אָרט דערשאָסן ווערן.

נישט געווען קיין באַראַק אין ווערק צע, וואָס זאָל נישט האָבן בײַ זיך קיין געפֿערלעכע מאַטעריאַלן. דער גאַנצער לאַגער איז געווען פֿאַרזונקען אין האַנדל. אונטער יעדן בעט זײַנען געלעגן שמאָלע שטיקלעך לעדער, וואָס זײַנען אָפּגעשניטן געוואָרן פֿון אַמוניציע־

קעסטלעך. עס האָבן זיך אויך געפֿונען גומענע קישקעס, מעשענע שליסלען, אַלומיניום־רערן... וואָס פֿאַר אַ שחיטה קען דאָ ווערן!

זײַנען אַ גאַנצן נאָכמיטאָג די מענטשן אין לאַגער אַרומגעלאָפֿן ווי די משוגעים... די פּאָליציי האָט געמאַכט אַ שטילע פֿאָר־רעוויזיע און אַלע מאָל האָט מען געהערט קולות און געשרייען פֿון געשלאָגענע. דאָס איז אפֿשר געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס ווערק צע האָט גענעבן גערעכט די שלעגערס. ווײַזנבערג מיט זײַנער אַ סוויטע האָט געוואַנדערט פֿון באַראַק צו באַראַק און אַרויסגעשלעפּט פֿון די בעטן געפֿערלעכע פֿאַבריק־זאַכן... אין דער צווייטער זײַט לאַגער האָט מען געזען, ווי מענטשן שטויסן זיך צום קלאָזעט, אָנגעפּאַקטע און דיק־בײַכיקע, הגם מיט אַ פּאָר מינוט צוריק זײַנען זיי געווען דאַר ווי שטעקנס... דאָס האָט מען זיך געאײַלט אַראָפּצולאָזן אין די טיפֿענישן פֿון דער צואה פֿאַרשיידענע, אומבאַקוועמע סודות. עס זײַנען דאָרט אַראָפּגעפֿאַלן שיסלען און בעקנס, שטיוול און גומענע רערן, אַז עס איז געווען אַ סכּנה, זיי זאָלן נישט אַרויסשטאַרצן ביז אין דער הויך... אַנדערע האָבן געבויערט שטילע לעכער אונטער די באַראַק־פֿונדאַמענטן און דאָרט אַהין אַרײַנגעגראָבן, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. שרעקעוודיקע האָבן אַפֿילו בסוד דאָרט אײַנגעגראָבן זייער ביסל געלט און גאָלד, וואָס זיי האָבן באַוויזן אָנצוזאַמלען. אין מיטן פֿון דעם דאָזיקן פֿיבער האָט מען געזען, ווי עטלעכע וואַכמענער מאַרשירן דורכן טויער און פֿירן מיט זיך פֿיר צעשלאָגענע. דאָס האָט מען געבּרענגט אַרעסטירטע ייִדן און זיי אײַנגעשלאָסן אין דער תּפֿיסה. בליצשנעל האָט מען געוווּסט, אַז עס איז געווען אַ גרויסע פּראָוואָקאַציע; אַז די דײַטשן ווייסן שוין, וויפֿל צוגן מען האָט געפּאַלמעסט און בײַ זיי אָפּגעשניטן די גומענע קישקעס... זיי ווייסן שוין אויך דעם סוד, פֿאַר וואָס אַלע קעסטלעך מיט קוילן קומען־צוריק אָן זייערע לעדערנע הענטלעך. עס איז אויך פֿאַרענטפֿערט געוואָרן, פֿון וואַנעט ייִדן האָבן נאָך כּוח אויסצוהאַלטן... די קעסט, וואָס מען גיט זיי, קען באַין אופֿן ניט סטײַען אויף לעבן אַ לענגערע צײַט — טאָ

פֿון וואַנען האָבן נאָך טייל פֿון זיי אַזעלכע מענטשלעכע פּנימער? איצט ווייסן זיי: דער קאָנטאַקט מיטן דרויסן!

אינעם צווייטן צימער פֿון מעכעלעס באַראַק האָבן זיך געפֿונען די עלטערע ווערקעניקעס. זיי האָבן דאָרט געהאַט זייער לאָך, ווו עס זײַנען אָנגעשטאָפּט געוואָרן פֿאַרשיידענע סחורות. איינער פֿון די פֿאָראַרבעטערס בײַ די קעסטלעך, אַ קיעלצער געזונטער בחור, האָט זיך טאַקע פֿאַרנומען מיטן צוהיטן די זאַמלונגען פֿון די לעדערלעך. אַ פֿעסטער בחור מיט אַ שטענדיק־לאַכנדיק גוט פּנים האָט ער באַוויזן צו געווינען עטלעכע פּאָליאַקן אויף זײַן זײַט און זיי שיקן צו קריסטן פֿון פֿאַרשיידענע שטעט, אײַנצומאָנען חובֿות פֿאַר די לאַגערניקעס... אַלע האָבן אים ליב געהאַט, דעם קיעלצער יהושע גזשעביען מיטן אָפֿענעם פּנים, און עס וואָלט קיינעם נישט אײַנגעפֿאַלן, אַז אים קען געשען אַן עוולה פֿון וועמען.

ערשט שפּעטער האָט מען זיך געקענט דערמאָנען, אַז משהלע האָט דערציילט וועגן די וווּנדערלעכע קאָנטאַקטן, וואָס ער קען האָבן... בײַ זײַנע איז מען אַמזיכערסטן! דערבײַ האָט ער אַרײַנגעשמעקט אין שכנותדיקן צימער און עטלעכע מאָל אַ שמועס געטאָן מיטן קיעלצער בחור וועגן אַ שותּפֿות אויף דעם געביט. יענער האָט זיך נישט געקענט פֿאָרשטעלן, אַז אים זאָל מען פֿאַרראָטן, און ער האָט זיך אַרײַנגעלאָזט מיט משהלען, אַפֿילו אים פֿאָרגעלייגט אַ מסחר, ווי אַזוי אַריבערצופֿירן אַ ביסל לעדערלעך אין ווערק א׳, ווײַל דאָרט איז עס נישט בנמצא און מען קען דערבײַ ניט שלעכט פֿאַרדינען... נאָך אַלעמען ווערן די ווערקעניקעס גרויסע חכמים און זיי ווייסן דערבײַ אַלע סודות. און דאָס, וואָס זיי ווייסן נישט, שטעלן זיי צוזאַמען פֿון שטיקלעך זעונג און פֿון ברעקלעך הערעניש, ביז עס ווערט אַ גאַנצקייט... זיי האָבן אַפֿילו שפּעטער געוווּסט, אַז מען האָט דעם קיעלצער בחור געוואָרנט, אים אויפֿמערקזאַם געמאַכט, אַז ער זאָל זיך נישט אַרײַנלאָזן מיט אַזאַ פֿרעמדלינג, אָבער ער האָט זיך אויסגעלאַכט...

די אַלע שפּעטערדיקע רייד האָבן אָבער סײַ ווי נישט געקענט

אַנדערש מאַכן. מען האָט זיך דערוווּסט, אַז גזשעביען איז צווישן די אַרעסטירטע. מען זאָל אים האָבן שרעקלעך געפּײַניקט, ביז ער האָט אויסגעגעבן אַ סך ווערקצעניקעס. מען וועט זיי אַלע אַרעסטירן לויט דער ריי. דערווײַל האָט מען שוין פֿאַרהאַלטן נאָך דרײַ. אויך אין ווערק א׳ האָט מען אַרעסטירט אַ צענדליק ייִדן.

אין געציילטע מינוטן האָט ווערק צע פֿאַרלוירן די גאַנצע זיכערקייט, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין פֿאַרלויף פֿון וואָכן. יעדער איינער האָט פּלוצעם דערפֿילט, אַז זײַן לעבן ליגט טאַקע אין אַנדערע הענט. אַלע האָבן שוין געהאַט עפּעס, צוליב וועלכן מען קען זיך פֿילן באַדראָט — און קיינער קען נישט זיכער זײַן, אויב איינער פֿון די אַרעסטירטע וועסט נישט דערפֿון...

עס איז אַפֿילו קיין צײַט נישט געווען לאַנג זיך צו שרעקן פֿאַר דעם, ווײַל באַלד האָבן זיך צעפּײַפּט מיט אַ גרויליקן אַליאַרעם־פּײַף אַלע פּאָליציייִשע פּײַפֿלעך. דערבײַ האָט זיך אָנגעהויבן אַזאַ געיעג פֿון אַלע זײַטן, אַז קיינער האָט אַפֿילו נישט געקענט אַרײַנגיין אין באַראַק אַרײַן און באַהאַלטן די לעצטע געפֿערלעכקייטן זײַנע.

— 2 —

אַלע מענטשן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין לאַגער, זײַנען צונויפֿגעטריבן געוואָרן צום הויפּטפּלאַץ. פֿאַרן געפֿונען ווערן אין אַ באַראַק האָט געדראָט דער טויט. דורכן טויער האָט אַרײַנגעמאַרשירט אַ גאַנצע אָפּטיילונג באַוואָפֿנטע וואַכמענער און זיך צעשטעלט בײַ אַלע אויסגאַנג־פּונקטן פֿון אַפּעלפּלאַץ. נאָך זיי האָבן זיך גענומען אַרײַנשיטן די מחנה באַפֿאַלערס. דער ערשטער האָט אַרײַנגעשפּרײַזט שולצע און האָט געשלײַדערט מיט זײַן לאָם הענטל, ווי אַ צייכן פֿון גוואַלדיקער אויפֿרעגונג. בײַם איבערנעמען דעם לאַגער האָט ער געוואָלט ווײַזן, אַז בײַ אים וועט מען נישט געפּינען קיין שרעקלעכע זאַכן. ער וועט שוין אַזוי צוהיטן, אַז קיינער וועט נישט קענען באַגיין קיין פֿאַרברעכנס. ער איז נישט דער פֿריִערדיקער וואַכפֿירער שומאַן, וואָס האָט נישט געוווּסט פֿון רעכטס און

פֿון לינקס, כאָטש ער איז געווען שטרענגער פֿון אים... אַזוי האָט ער זיך אומעטום אויסגערימט — און דאָך...

דערפֿאַר איז אויך קיין וווּנדער נישט געווען, וואָס הינטער שולצען האָט אַרײַנגעשפּרײַזט מיט קאַלטע, געלאַסענע טריט דער פֿריִערדיקער וואַכפֿירער שומאַן. זײַן וועלפֿיש פּנים איז ווי שטענדיק געווען גרוי און אָנגעצויגן. בלויז די שפּיזיקע אויגן זײַנע האָבן איצט געבליצט מיט אַזאַ פֿריילעכער בייזקייט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך דאָ געגרייט צו אַ גאָר וואַזשנער איבערלעבונג און לאַנגדערוואַרטער נקמה...

די אויסגעשטעלטע רייען האָבן אָבער ערשט דערפֿילט דעם שוידער זייערן, ווען זיי האָבן געזען ווי הינטער די צוויי מיליטערלײַט שפּרײַזט־אַרײַן די ניִדעריקע פֿיגור מיטן ברוינעם מונדיר, פֿאַר וועלכן אַלע דרײַ ווערקן האָבן אַזוי געציטערט: דער געשטאַפּאָדעלעגאַט פֿאַר די פֿאַבריק־עניִנים, זאַנדער... צוליב אַ קלענערער זאַך ווי אַ טויטאורטייל — האָט ער פֿײַנט געהאַט זיך צו ווײַזן צווישן מענטשן. עס האָט זיך אים נישט געלוינט. דערפֿאַר אָבער האָט ער איצט געשפּרײַזט מיט אַזאַ פֿײַערלעכער צופֿרידנקייט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך דאָ געגרייט צו צעשיסן דעם גאַנצן לאַגער...

איבער די אויסגעשטעלטע רייען איז אַדורך אַן אימהדיקער געמורמל:

— אַוי, גוואַלד... זאַנדער... זאַנדער!!!

אָבער אַלע דרײַ האָט ווייניק־וואָס געאַרט, וואָס צווישן די רייען הערשט אַזאַ פּאַנישע נײַגעריקייט און וואָס יעדער פֿון די טויזנט שטייענדיקע איז גרייט אויפֿן ערגסטן, אַבי עס זאָל געשען וואָס־שנעלער, וואָס־שנעלער. זיי האָבן געוואַרט אויף די רעזולטאַטן פֿון דער שטרענגער רעוויזיע, וואָס די ווערקשוצן האָבן איצט אַדורכגעפֿירט אין יעדן באַראַק. זײַנען זיי געשטאַנען אַנטקעגן דער מאַסע, אָנגעלענט אין דעם קאָמענדאַנטן־באַראַק און געשמועסט. דער איינציקער, וואָס האָט געהאַט אַ קרום פּנים, איז געווען שולצע. ער איז איצט אַדורכגעפֿאַלן! פֿאַר וואָס האָט ער אַליין דאָס נישט

אַנטדעקט? אַך, ווי ער וואָלט דאַן געווען טריומפֿירט!... אַזוי אָבער שטייט שומאַן און ציט זיך צופֿרידן בײַ דער גרויער היטלער־טשופּרינע, וואָס פֿאַלט אים אַראָפּ אויף אַן אויג, און ער טענהט עפּעס אַרײַן אין זאָנדערן. דער געשטאַפּאָ־האַר איז איצט גאָר שטאַרק צופֿרידן. אויב נישט, וואָלט ער זײַנע מיטשמועסערס נישט מכבד געווען מיט אַזעלכע דיקע ציגאַרן... ער וואָלט זיך אַוודאי נישט פֿונאַנדערגעלאַכט, צוזעענדיק ווי דער נישט־רויכערער שולצע שטעקט־אַרײַן דעם ציגאַר אין מויל... נאָר ער איז צופֿרידן הײַנט... שוין אַזוי לאַנג נישט אַרײַנגעשמעקט אין אָט־דער יודענהייל!...

אַלע מאָל קומען אָנצולויפֿן אַנדערע רעוויזאָרן און מעלדן עפּעס. מען ווייסט שוין, אַז זיי וועלן קיין גרעסערע זאַכן נישט געפֿינען. זיי לייגן־אַוועק עטלעכע שטיקער גומי און לעדער. טאָמער געפֿינען זיי געלט און ענלעכע זאַכן, ווייסן זיי אַליין, וואָס זיי האָבן צו טאָן מיט דעם. דערפֿאַר אָבער קערן זיי איבער די בעטן מיט אַלע חפֿצים. זיי האָבן אַפֿילו אויפֿגעשניטן עטלעכע פֿאַראַנענע קישנס און געקומען צו לויפֿן צו באַקומען אַ לויב פֿאַר זייער גרינטלעכע אַרבעט... זיי מעלדן עפּעס מכלומרשט, אָבער בעיקר ווילן זיי ווײַזן די באַפּעדערטע מונדירן...

זאָנדער האָט אָבער דאָ אַנדערע זאַכן צו זען. ער באַטראַכט בעסער די פּנימער פֿון די טויזנטער אויסגעשטעלטע ייִדן. ער ווײַזט אין דער ריי אַרײַן מיט זײַן רויכערדיקן ציגאַר און פֿאַרגייט זיך צוליב עפּעס אין אַ הנאהדיקן געלעכטער, וואָס צעשפּריצט זיך מיט גרויל בײַ יעדן אין האַרץ באַזונדער. אָט איז געקומען אָנצולויפֿן ווײַזנבערג מיט זײַן געהילף, פֿעלדמאַן. אָט איז שוין אויך פֿעלאַ מיט איר רעכטער האַנט, ראַגנער... פֿאַר וואָס דויערט עס נאָך? ווײַזנבערג גייט־צו גאָר נאָענט, בייגט זיך און ציטערט פֿאַר זאָנדערן. דערנעבן שטייט פֿעלאַ און שמייכלט אַזוי אָפֿן אַרײַן אינעם געשטאַפּאָ־מאַן. ער ענטפֿערט־אָפּ מיט אַ היימישן קניקס אין איר זײַט אַרײַן. דאַן ווײַזט ער אויפֿן זייגער. ער אײַלט זיך מסתמא. ער

האָט נאָך אַ סך אַרבעט הײַנט און קען די גאַנצע צײַט נישט פֿאַרלירן אויף דעם איצטיקן עסק... ווײַזנבערג וויל אים עפּעס אויפֿקלערן. מען הערט נאָר די ווערטער: צווייטע שיכט... צוגאָב־אַרבעט... דאָס זאָל הייסן, אַז מען קען נישט וואַרטן ביז ביידע שיכטן וועלן זיך צונויפֿטרעפֿן... יענע קען מען אַ מאָל אָפּהאַלטן ביז טיף אין דער נאַכט אַרײַן אויך — און אויב דער הער וויל נישט וואַרטן אַזוי לאַנג...

זעט־אויס, אַז דאָס האָט געווירקט. קען אויך זײַן, אַז זאַנדערן איז נמאס געוואָרן דאָס שפּיל פֿון וואַרטן. דערפֿאַר האָט ער אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט און עטלעכע ייִדישע פּאָליציי־לײַט זײַנען אַרײַן אין תּפֿיסה־באַראַק. באַלד האָבן זיי אַרויסגעפֿירט די פֿיר אַרעסטירטע. נאָך זיי האָט איינער געפֿירט באַזונדער אַ יונגיטשק שוואַרץ מיידעלע מיט גרויסע אויגן, וועלכע האָבן זיך אַרומגעקוקט פֿאַרוווּנדערט אין אַלע זײַטן. ווידער איז אַ שטילינקע פּרעפּלען אַדורך איבער די רייען:

— זי אויך? וואָס איז זײַן „קוזינקע“ שולדיק?

ווי נאַריש מענטשן קענען זײַן אין אַזעלכע מינוטן! מען שטייט צווישן דײַטשן, מען שפּירט די אייגענע רעכטלאָזיקייט שוין אַזוי פֿיל יאָרן און מען וווּנדערט זיך נאָך אַלץ... מען פֿאַרשטייט, אַז דער געזונטער יונגער בחור דאַרף דאָ שטיין. אפֿשר דאַרף ער דאָ באַלד אומפֿאַלן אויף שטענדיק אויך... אָבער זײַן יונגיטשקע געליבטע מיט די גרויסע אויגן? ווען האָט מען זי פֿאַרהאַלטן? פֿאַר וואָס? וואָס גייט מען טאָן מיט איר?

זאַנדער אײַלט זיך שוין אויף אַן אמת. ער גיט אַ צייכן שולצען און יענער נעמט עפּעס זאָגן. אַ גאַנצע רעדע האַלט ער, דער משוגענער, וואָס בויערט די נערוון און דאָס געמיט. ווער דאַרף דאָס וויסן? אין ווערק צע גייט ער דערציילן וועגן דער גערעכטיקייט פֿון דער דײַטשישער יוסטיץ, וועגן דעם אַז דײַטשן שטראָפֿן נישט אומזיסט, און אַז אַרבעטער ווערן בײַם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם גוט באַהאַנדלט... נאָר קריג איז אַ האַרבער ענין. מען דאַרף דעם זיג

שווער אויסראַנגלען און סאַבאָטאַזש מוז באַשטראָפט ווערן... טאַקע דערפֿאַר ווערן די פֿיר מענער פֿאַראורטיילט צום טויט... זאָל עס זײַן אַ וואָרענונג פֿאַר די אַנדערע...

די פֿיר ייִנגלעך זײַנען אויסגעשטעלט געוואָרן גלײַך, אין אַ ריי. זאַנדער האָט אָנגעלאָדן זײַן רעוואָלווער, געהייסן אַוועקפֿירן דאָס מיידל עטוואָס ווײַטער און ער האָט רויִק אָפּגעגעבן דעם ערשטן קנאַל. אַ גוטער צילער געווען און דערפֿאַר האָט ער מיט איינציקע שאָסן אַוועקגעלייגט איינעם נאָכן צווייטן. ווען ער איז געקומען צו גזשעביענען, האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן אַ ווײַל. ער האָט צײַט געהאַט צו באַמערקן ווי זײַן שוואַרצע געליבטע מיט די ברענענדיקע אויגן כאַפּט־אַוועק דעם בליק... ער האָט דערפֿאַר אַ קורצן באַפֿעל געטאָן:

— זאָל זי צוזען, די...

צוויי ווערקשוץ האָבן אָנגענומען דעם מיידלס קאָפּ און אָנגעשטעלט איר בליק צו דער זײַט, וווּ דער לעצטער שאָס האָט אָפּגעהילכט... אָפּגעטאָן זײַנס, האָט ער קוים אַ בליק געטאָן, ווי אַזוי דער לעצטער איז אומגעפֿאַלן. ער האָט דערלאַנגט זײַן רעוואָלווער שומאַנען און אַרויסגענומען אַ טיכעלע אָפּצווווישן די הענט, וואָס האָבן זיך דערשוויצט מסתמא. ווי איינער, וואָס האָט אַ דערפֿאָלגרײַכן אויפֿטריט, האָט ער זיך דערנענטערט צו שולצען און צו די פּאָר שטייענדיקע וואַכלײַט און זיך מיט זיי באַגריסט דורך אַ האַנטדרוק...

דער געוועזענער וואַכפֿירער שומאַן האָט זיך דערווײַל אַוועקגעגליטשט אַ ביסל פֿון זײַן גרופּע. אַלע זײַנען נאָך געשטאַנען פֿאַרשטיינערט פֿון צוגעזעענעם עקזעקוציע־בילד. מען האָט נישט געוווּסט וואָס ווײַטער צו טאָן; אויב מען קען זיך שוין צעלויפֿן אָדער מען מוז נאָך דאָ וואַרטן אויף עפּעס. זײַנען אַלע געשטאַנען ווי טויטע זײַלן. אויך דער ייִדישער פּאָליציאַנט הינטער גזשעביענס מיידל איז געשטאַנען און געהיט איר פֿאַרשטאַרטע פֿיגור. דער וועלפֿישער שומאַן איז צוגעטראָטן נענטער צו איר, אַרײַנגעבויגן

זײַן גרויען קאָפּ נעענטער אין איר פּנים אַרײַן און מיט טרוקענעם באַדויער אַ זאָג געטאָן:

— דו האָסט אים ליב געהאַט? וואָס? און איצט ווילסטו אים מער נישט זען... פֿון דער נאָענט?

דאָס מיידל האָט מעכאַניש אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. שומאַן האָט זי אָנגענומען צערטלעך בײַם אָרעם און זי צוגעפֿירט ביז האַרט צו גזשעביענס קערפּער. דאָס מיידל האָט ערשט איצט באַקומען גרויליקע ספּאַזמען. טויזנטער פּאָר אויגן פֿון מענער און פֿרויען האָבן זיך צוגעקוקט. וואָס וועט ווײַטער זײַן? שומאַן האָט אָבער איצט קיינעם נישט געזען, אַפֿילו נישט זײַנע אייגענע חבֿרים. ער האָט איר אַ גלעט געטאָן מיט צערטלעכקייט איבער די אַראָפּהענגענדיקע סמאָלע־שוואַרצע האָר:

— קענסט זיך אַראָפּבייגן נעענטער צו אים... אים גוט אָנזען אין געזיכט...

דאָס מיידל האָט ווי היפּנאָטיזירט זיך אַראָפּגעבויגן און געמאַכט אַ באַוועגונג, אַזוי ווי זי וואָלט זיך געגרייט דעם טויטן אַ קוש צו טאָן אין פּנים אַרײַן... אַלע אײַנגעשטעלטע רייען האָבן גענומען שטיל וויינען אין זיך. פֿון די מיידל־רייען האָט זיך גענומען טראָגן אַ שליוכץ...

פּלוצעם האָט די געשפּאַנטע שטילקייט אַדורכגעריסן אַ שאָס.

דאָס איז געקומען אַזוי אומגעריכט, אַז קיינער האָט נישט געקענט זען, ווי אַזוי דאָס מיידל איז אַרויפֿגעפֿאַלן אויף גזשעביענען, צוגעדעקט זײַן פּנים מיט אירע צעפּלאָטערטע האָר, און ווי אַזוי ביידנס ברוינלעכע בלוטן האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין דער קאַלוזשע...

— 3 —

צוליב וואָס האָט עס שומאַן געטאָן? איז עס געווען קאַלטער, אַכזריותדיקער סאַדיזם? אָדער האָט ער געהאַט אַזאַ באַפֿעל פֿון זאָנדערן און ער האָט איר נאָר געוואָלט לײַכטער מאַכן די לעצטע

מינוטן, אַז זי זאָל נישט וויסן וועגן איר לעצטן שריט צום טויט? וואָס איז דען דער אונטערשייד? ווי נאָר מען האָט באַמערקט, אַז די ווערקשויץ רוקט זיך אָפּ פון די זײַטן, בײַ די רייען, האָט יעדער פאַרשטאַנען, אַז אַלץ איז געענדיקט. עמעצער פון די דרייסטע האָט געשטעלט דעם ערשטן טריט און, ווען קיינער האָט אים נישט פאַרהאַלטן, האָבן אַלע גענומען לויפן אין ווילדער בהלה... עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עמעץ שרײַט אַלעמען נאָך: האַלט! אָבער אַלע האָבן זיך געמאַכט נישט הערנדיק און ווײַטער געלאָפן...

ערשט נעבן זײַן באַראַק האָט מעכעלע געהערט דערציילן, אַז זאָנדער האָט זיך נאָך דער עקזעקוציע דערמאָנט אין נאָך עמעצן, וועמען ער האָט געהאַט אין זײַן ביכל אויפן צעטל, — נאָר ער האָט עס בשעת־מעשה פאַרגעסן... איצט האָט ער זיך דערמאָנט און, ער פרעגט זיך עפּעס אויס בײַ ווײַזנבערגן און פעלאַן. עס איז גאָר נישט אויסגעשלאָסן, אַז מען ווערט נאָך הײַנט נישט זײַנע פּטור. מעכעלע האָט אָבער מער נישט געקענט הערן. ער האָט געזוכט וואָס־שנעלער אַרײַנצופאַלן צו זיך, אַוועקלייגן זיך אויף די ברעטער און פון גאָר נישט טראַכטן, בלויז נאָך אַ מאָל איבערדערזען אין שאָטן דאָס גאַנצע בילד... אַ שרעקלעך אַרומלויפן פון עטלעכע פּאָליציי האָט אים אָבער נישט געלאָזט אײַנרוען: האָ, וואָס לויפן זיי שוין ווידער? וואָס שרײַען זיי? זאָל טאַקע זײַן, אַז דאָ וועט נאָך הײַנט ווידער עפּעס פאָרקומען?

מעכעלע איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און אָנגעשטרענגט דאָס אויער... די פיס האָבן זיך אים גענומען ברעכן פאַר שרעק. ער האָט געוואָלט אַ געשריי טאָן — נאָר דער האַלדז איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט אימה ביז איבער די ציין. יאָ, דאָס רופט מען אים! זאָנדער מוז אים בייטיק האָבן!.. וואָס טוט מען? באַהאַלטן זיך אונטערן בעט? אַרונטערקריכן אונטערן באַראַק? אויסבאַהאַלטן זיך אין דרויסן? אויפהאַקן אין אָוונט די דראָטן און לויפן אין וואַלד אַרײַן? טויזנט פּלענער, דערשראָקענע עצות און ווילדע אײַנפאַלן, קומען אין מוח במשך פון אָט־דער איינער סעקונדע... נאָר טאָן

קען ער גאָר נישט. ביז אַ פּאָליציאַנט לויפֿט־אָן האַסטיק צום פֿענצטער און קען נישט באַהאַלטן זײַן אויפֿרעגונג:

— צו אַלדי טײַוול! איך שרײַ זיך אויס דעם גאָרגל רופֿנדיק — און דו הערסט נישט! זאָנדער וואַרט דאָרט און יעדע מינוט, וואָס דו ווײַזט זיך נישט, איז ערגער פֿאַר דיר...

ווען מעכעלע זאָל איצט נישט זײַן אַזוי אַדורכגענומען מיטן פּחד פֿון אומגעריכטן טויט, וואָלט ער זיכער איצט אויסגעלאַכט דעם אידיאָטישן פּאָליציאַנט:

— אויב זאָנדער רופֿט — וואָס קען שוין דערנאָך ערגער זײַן?

ער איז אָבער געלאָפֿן שנעלער פֿאַרן פּאָליציאַנט. זאָנדער איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיט פֿעלאַן און געשמועסט. ווען מעכעלע איז צוגעבראָכט געוואָרן, האָט ער נאָך אַ מאָל אַרויסגענומען זײַן נאָטיץ־ביכל און איבערגעפֿרעגט זײַן פֿאַמיליע־נאָמען. בײַ אים איז מע־כעלעס נאָמען געווען פֿאַרשריבן אַ ביסל אַנדערש. זעט־אויס, אַז דער מסור האָט נישט באַוויזן גוט אויפֿצוכאַפּן מעכעלעס פֿאַמיליע, דערפֿאַר האָט ער זי אויך זאָנדערן גרײַזיק איבערגעגעבן. ווען זאָנדער האָט מעכעלען אַ פֿרעג געטאָן, אויב ער איז עס, האָט בײַ מעכעלען אויפֿגעבליצט דער לעצטער שטראַל האָפֿענונג:

— איך בין נישט דער, וואָס דער הער שעף מיינט... מײַן נאָמען איז אַנדערש...

זאָנדער האָט נאָך אַ מאָל אַ בליק געטאָן אויף פֿעלאַן... דאָס האָט ער בײַ איר געוואָלט וויסן מיטן בליק וואָס דאָ קומט־פֿאָר:

— אַלזאָ, איך פֿאַרלאַנג זאָפֿאָרט דעם ריכטיקן מאַן, אויף וועלכן מען האָט מיר אָנגעוויזן! דעם, וואָס איר האָט מיר געברענגט, הייסט אַנדערש... זאָפֿאָרט מיר אויסליפֿערן די קאַרטאָטעקע מיט דעם פּאַרשוין, וואָס שרײַבט און האָט קאָנטאַקט מיט דער אויסנוועלט... זאָפֿאָרט!

מעכעלעס אויגן האָבן שטום געבעטן בײַ פֿעלאַן: אָט האָט ער געמאַכט אַ טעות... מען האָט אים שלעכט אינפֿאָרמירט — פֿאַר וואָס זאָל זי דעם טעות זײַנעם נישט אונטערהאַלטן? דאָס קען דאָך

אים ראַטעווען! אָבער אין פֿעלאַס אויגן האָט זיך אָנגעצונדן יענס קאַלט פֿײַערל, קעגן וועלכן עס העלפֿן נישט קיין אַפּעלן און קיין גוואַלד־געשרייען... זי האָט אַפֿילו נישט געקענט מאַסקירן דאָס טריומפֿירנדיקע גלענצל פֿון איר בליק:

— הער שעף... בײַ אונדז ווערט אַלץ געפֿירט מיט דער גע־נויסטער פּינקטלעכקייט! מיר האָבן דאָ נאָר איין מענטש מיט אַזאַ נאָמען און אים האָבן מיר דיר געבראַכט... אין דײַן נאָטיץ איז זיכער אַרײַנגעפֿאַלן אַ טעות מיט צוויי אותיות. דאָס איז אַלץ! דו זוכסט אים — און די זאַך איז דערלײדיקט. מיר טוען אונדזער פֿליכט און ווײַזן אים דיר אָן. דאָס ווײַטערדיקע קענסטו נאָר באַ־שליסן...

דער שטענדיק־ברענענדיקער זאָנדער איז דאָס מאָל אויסנאַמס־ווײַז געוואָרן פּעדאַנטיש:

— גוט... איך גלייב דיר. דערפֿאַר וויל איך תּיכּף אַרויסנעמען זײַן נאָמען פֿון דער קאַרטאָטעקע... טאָמער איז עס דער, וואָס מיר זוכן, דאַרף ער שוין מער נישט פֿיגורירן דאָ. איך וועל אָבער זײַן קאַרטע נאָך מיטנעמען און פֿאַרגלײַכן מיט דער ליסטע, וואָס איז מיר צוגעשטעלט געוואָרן. מסתּמא וועט זיך עס שוין גלײַכן! דיר גלייב איך... אָבער איך וויל, אַז דעם דאָזיקן קערל זאָל מען מיר צושטעלן אין אַ האַלבער שעה אַרום צו דער וואַכשטוב... אַ ווערקשוץ וועט נאָך אים קומען...

פֿאַרלוירן! עס איז קלאָר, אַז מער האָט ער נישט קיין וועג, מעכעלע... קען זײַן, אַז דאָרט וועט שוין וואַרטן דער מסוד אַליין און אים אויסדערציילן אין די אויגן אַרײַן יעדן חטא זײַנעם, פֿאַר וועלכע איין קויל וועט צו־ווייניק זײַן...

פֿעלאַ האָט נאָך געוואָלט זײַן אין אָרדענונג ביזן סוף:

— איז וואָס טאָן מיט אים אין דער האַלבער שטונדע, הער שעף? זאָלן מיר אים אײַנשפּערן אין בונקער אָדער...?

זאָנדער האָט אומגעדולדיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— ווען זײַן קאַרטע איז שוין אַרויסגעצויגן און געפּינט זיך בײַ מיר, טאָ וואָס איז דער אונטערשייד? אַלזאָ, איין האַלבע שעה...

פּעלאַ האָט זיך דערפּילט שלעכט אין מעכעלעס אָנבליק. זי איז צוגעטראָטן נענטער צו אים און מיט געמאַכטער צערטלעכקייט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זײַן אַקסל:

— נישטאָ וואָס צו מאַכן, ייִנגל... קוק נישט אַזוי... מיר דאַרפן טאָן אונדזערס. דאָס מוזן מיר. לייקענען האָט נישט קיין זין. און דו — זײַ מוטיק צום גיין און טראָג די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם, וואָס האָסט געטאָן... כ׳האָב דיר געוואָרנט? איצט איז עס מער נישט אין מײַן האַנט.

זאָנדער האָט שוין אַוועקגעשפּרײַזט אויסערן טויער און מעכעלע האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט: ער האָט נאָך אַ האַלבע שעה צו לעבן! וואָס טוט מען פריִער מיט די פּאָר מינוט?... ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו זײַן באַראַק. דאָרט האָט ער נאָך שריפטן, נאָטיצן — דאַרף מען זיי עמעצן איבערגעבן... וועמען? דער קאָפּ פיבערט. ער קען זיך נישט דערטראַכטן צו וועמען פריִער צו לויפן, מיט וועמען פריִער זיך צו געזעגענען...

אַלץ איז, דוכט זיך, אַזוי פּשוט... וויפל מאָל האָט מעכעלע שוין געזען דעם טויט אַזוי נאָענט? און וויפל מאָל האָט ער בײַ זיך אָפּגעמאַכט, אַז אויך דאָ וועט ער קומען? דאָך ברעכן זיך אונטער אים די קני און ער וואַרפט די זאַכן פון בעט, גראַבלט די פּאַפּירלעך מיט זין־פאַרלוירענער ווילדקייט... הע, ער האָט גאָר אַליין נישט געוווסט, ווי ווײַט ער וויל ניט שטאַרבן!...

איבערן לאַגער האָט עס שוין אַ רודער געטאָן. אין פאַרלויף פון איינציקע מינוטן האָבן שוין צענדליקער געוווסט, אַז באַלד קומט מען נאָך מעכעלען... אַז שוין... האָבן זיך טייל צוריקגעהאַלטן, נישט געוואָלט, אַז מען זאָל זען, ווי אַזוי זיי האָבן אַ שײַכות צו אַ טויט־פאַרמשפּטן. אַנדערע האָבן זיך מיט אומעטיקער נײַגעריקייט צוגעקוקט דורך די באַראַק־פענצטערלעך. איז ער געשטאַנען אַן איינזאַמער אין באַראַק, נישט געוווסט וואָס פריִער צו טאָן. האַ, זעט

מען טאַקע אַזוי אויס בשעת מען גייט צום טויט? מוזן טאַקע אַלע דיך פֿאַרלאָזן?

די טיר האָט זיך אויפֿגעריסן מיט אַ געשריי. דאָס האָט זיך דערוווּסט מעכעלעס נאָענטער חבֿר, מיט וועלכן ער האָט אַדורכגעמאַכט פֿיר יאָר לאַגערן ביזן ווערק צע... דער פֿרומער מענדל מושל פֿון פּראַמפּאָל... זײַנע אויגן זײַנען געווען אַרויסגעזעצט, משוגע איבערגעקערט. אויף זײַנע ליפּן האָט געזעצט אַ ווײַסע שוים... ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן מיט אימה צו מעכעלעס פּיס, זיך אויפֿגעשטעלט און אַרומגעכאַפּט אים... דערבײַ האָט ער גענומען שרײַען אַזוי הויך, מיט אַזאַ יאָמער־ניגון, אַז מעכעלע האָט פֿאַרגעסן אין זײַן אייגענער לעצטער שעה... איצט איז אים גאָר אויסגעקומען אײַנצונעמען, טרייסטן מענדלען:

— נאָר איינער, וואָס שרײַסטו? עס איז גאָר נישט... שוין לאַנג געוואָרט דערויף...

וואָס העלפֿן ווערטער? וואָס זאָגן זיי דען? אָבער מעכעלע דאַרף עפּעס האָבן פֿון זײַן געטרײַען באַגלייטער, במשך פֿון יאָרן:

— נישטאָ צו־פֿיל צײַט, מענדל... וויינען וועסטו אפֿשר שפּעטער... איצט נעם בלויז אָט־די באַשריבענע העפֿטן... וועסט זיך פֿאַרשטענדיקן מיט די אַנדערע חבֿרים מײַנע דאָ, און זאָל מען עס אָפּהיטן, ווי לאַנג עס וועט אײַך באַשערט זײַן צו לעבן... דאָס איז מיר יאָ אַ שאָד! טאָ זײַ נישט צערוישט און נעם עס צו זיך...

אַ פּאָליציייִשע האַנט האָט שאַרף אַ פּויק געטאָן אין שויב:

— דער ווערקשוץ וואַרט...

מעכעלע האָט זיך אַ צי געטאָן צו דער טיר און מענדל איז אַרויס נאָך אים מיט אַ מטורף־געוואָרענעם יאָמער... מעכעלע איז שוין געוואָרן אַזוי רויִק, אַז ער האָט אַפֿילו באַוויזן אויפֿצוכאַפּן דעם פּאָליציאַנטס חוזק איבער מענדלען:

— זעטץ נאָר ווי ער גוואַלדעוועט!... גלײַך ווי מען וואָלט דאָס אים געפֿירט צו זאָנדערן, נישט דעם מאַלער...

מענדל האָט זיך צעשאָלטן אויף זײַן קאָפּ מיט טויטע קללות.



אַזוי האָבן אויסגעזען די שטייגן, ווו די קאַצעטלערס האָבן זיך „אָפּגערוט"...

— 4 —

מעכעלע גייט און הייבט די האַנט. דאָס געזעגנט ער זיך מיט די, וואָס שטייען פֿון דער ווײַטנס און האָבן נישט דעם מוט נענטער צוצוקומען. בלויז מענדל טרעט נישט אָפּ. אָט שטייט ער שוין בײַם טויער. דער באַוואָפֿנטער ווערקשוץ וואַרט שוין אויף אים. דערווײַל כאַפּט ער אַ שמועס מיט ווײַזנבערגן און קויפֿמאַנען, וועלכע שטייען אַרומגערינגלט מיט אַ כאָפּטע פּאָליציאַנטן. מעכעלע שטעלט זיך אין אַ זײַט, נעמט־אַרום מענדלען און צעקושט זיך מיט אים. ווײַזנבערג מוז מיט עפּעס באַווײַזן זײַן באַדויער, גיט ער אַ טרייסל מיטן קאָפּ:

— אָט... געצויגן, געצויגן... און אויסגעשפּילט אויף אַזאַ אופֿן!

קיינער האָט אים גאָר נישט געענטפֿערט. מעכעלע אַליין האָט שוין אַריבערגעשפּרײַזט טיף אין זיך די צווייטע זײַט גרענעץ. איצט קען ער שוין טראַכטן וועגן אַלץ, וואָס ער האָט די גאַנצע צײַט באַוויזן צו טאָן און וואָס ער האָט נישט געטאָן אין לעבן, כאָטש ער האָט עס געהאַלטן פֿאַר נייטיק... ווײַזנבערג וויל אים ווײַזן, אַז עס איז נאָך נישט אַלץ פֿאַרלוירן און אַז ער באַמיט זיך דאָך פֿאַר אים — דערפֿאַר האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צום וואַכמאַן:

— באַהאַנדל אים אָרנטלעך אויפֿן וועג... ער איז אַ ווויל יינגל...

מעכעלע קען אויך אין דער מינוט נִיט שולדיק בלײַבן קיין ענטפֿער:

— צו וואָס זײַנען נייטיק אָט די רייד? פֿאַרן טויט איז נישט כּדאַי זיך נידעריק צו מאַכן. זאָל ער מיך נישט־אָרנטלעך באַהאַנדלען! וואָס טויג די פּלאַפּלערײַ?

ווײַזנבערג פֿילט זיך געטראָפֿן:

— דו... וואָלטסט נישט...

ער האָט אָבער באַלד איבערגעריסן און נישט דערזאָגט דאָס

איבעריקע. דער טויער האָט זיך געעפֿנט און מעכעלע איז אַרויס. הינטער אים האָט געשפּרײַזט דער וואַכמאַן מיטן געלאָדענעם געווער... שוין עטלעכע מאָל אין זײַן לעבן מאַכט מעכעלע אַדורך דעם לעצטן וועג, אָבער איצט קלערט ער גאָר נישט יענע פֿאַרבענקט־ווײנענדיקע מחשבֿות וואָס אַמאָל. אַלץ איז געקומען אַזוי פּלוצעם, אַז די געדאַנקען פֿון פֿריִערדיקע טעג זײַנען נאָך נישט אין גאַנצן פֿאַרפֿלויגן...

וואָס אַ מענטש קען אײַנפֿאַלן גייענדיק צום טויט! ער האָט נאָר געטראַכט, אַז ערשט דאָ נישט לאַנג איז אויף דעם זעלביקן וועג געגאַנגען דער בעל־עגלה פֿון קאַמאַראָוו... און אויך ער האָט צום לעצטן מאָל געזען די זעלביקע ביימער, דעם זעלביקן וועג — און אפֿשר אויך דעם דאָזיקן זעלביקן וועכטער... ער האָט זיך אויך געוווּנדערט אַזוי טרוקן און פֿרעך, אַזוי ווי עס וואָלט צו אים קיין שײַכות נישט געהאַט: פֿאַר וואָס האָט בײַ דער פֿריִערדיקער עקזעקוציע זאָנדער אין אים פֿאַרגעסן. ער וואָלט שוין איצט געלעגן גלײַך מיט די אַנדערע פֿינף און עס וואָלט שוין געווען נאָך אַלעמען. ער וואָלט שוין מער נישט געדאַרפֿט גיין, מען וואָלט אים שוין מער גאָר נישט געקענט פֿרעגן... און אַזוי — פֿאַלט נאָך די נאַכט אויף אים אַראָפּ און ער וועט נאָך געפֿאָרשט ווערן. דערנאָך וועט מען אים נאָך פֿירן אַזוי ווײַט... אפֿשר ביז צו די שטרויענע ווענטלעך... טשיקאַווע צו וויסן, אויב ער וועט דאָרט באַווײַזן עפּעס צו זען אין דער פֿינצטער? — — —

אַלע געדאַנקען זײַנען איצט אײַנגעשלאָפֿן. דער עיקר קלערט ער נאָר וועגן קלייניקייטן: ווו וועט מען אים שיסן? דאָ אין וואַלד אָדער ווײַטער פֿון דאַנעט? וועט מען עס מאַכן בײַ נאַכט און ער וועט גאָר נישט באַווײַזן אָנצונעמען מיטן אויג אָדער מען וועט אים אָפּהאַלטן ביז אין דער פֿרי און ער וועט אַלץ קענען זען, טאַקע אַלצדינג?...

דער וועכטער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דרויסן, פֿאַר דער טיר פֿון דער וואַכשטוב. ער האָט זיך אַפֿילו נישט געשראָקן, אַז

מעכעלע זאָל אַנטלויפֿן, און איז אַרײַנגעגאַנגען עפּעס מעלדן דאָרט אינעווייניק. עס זײַנען פֿאַרבײַ אַ פּאָר מינוט און ער איז נאָך אַלץ נישט אַרויסגעקומען. דײַטשישע און אוקראַינישע וואַכלײַט זײַנען אַרײַן און אַרויס. זיי האָבן אויף אים אַפֿילו קיין אַכט נישט געלייגט. בלויז איינער האָט מעכעלען אַ שטויס געטאָן, דערפֿאַר וואָס ער איז געשטאַנען אין וועג.

מעכעלע האָט איצט געקענט לײַכט אַנטלויפֿן, אַרײַנקריכן אין פֿינצטערן וואַלד און פֿון דאָרט זאָל ער אַפֿילו זיך אַריבערכאַפּן די דראָטן. ער קען דאָך אַ ביסל דעם וועג! און דאָרט, אין פּאָדערצימער, שטייען עטלעכע געלאָדענע ביקסן, אָנגעלענט אין די געווער־שטענדערס. ער דאַרף נאָר האָבן דעם מוט אויף עטלעכע מינוט, און ער וועט אַפֿילו זײַן באַוואָפֿנט! ער וועט נישט דאַרפֿן שטאַרבן אַזוי לײַכט... פֿאַר וואָס טוט ער עס נישט? פֿאַר וואָס ניצט ער נישט אויס די לעצטע געלעגנהייט, וואָס דער גורל האָט אים געגעבן?

מעכעלע טראַכט נאָר אַזוי, ווײַל עס איז גוט אין אַזעלכע מינוטן זיך אַ ביסל צו שפּילן מיט אַזעלכע פֿאַנטאַזיעס. ער ווייסט אָבער, אַז דאָס וועט ער נישט טאָן. ער ווייסט אַליין נישט פֿאַר וואָס... ער האָט נאָר געקענט זײַן אַ העלד און ריידן וועגן העלדישקייטן; ער האָט אַפֿילו געקענט שרײַבן לאַנגע פּאָעמעס, ווו ער האָט גערופֿן צו קאַמף און צו נקמה — צו ווידערשטאַנד... אוי, ווען דאָס אַלץ זאָל זיך לאָזן אויספֿירן מיט בלויזע רייד! נאָר איצט, ווען יעדע סעקונדע קען אַרויסקומען אַ וואַכמאַן, שטייט ער און קען מיט קיין האַנט נישט קיין ריר טאָן... דאָס וואַרטן אויפֿן טויט איז אַזוי לײַכט, ווען מען דאַרף דערבײַ אַליין זיך נישט אָנשטרענגען, גאָר נישט טאָן... עס ווערט אַזוי שווער צו פֿאַרלירן די לעצטע מינוטן אין באַוועגן זיך! ער וויל איצט נאָר איינס: האָבן אַ פּאָר מינוט פֿון גענצלעכער רו, ווען אַלע לעבעדיקע זאָרגן זײַנען שוין איבערגעלאָזט הינטער יענעם קרעכצנדיקן טויער פֿון לאָגער! ניין, נישט אַזעלכע ווי ער זײַנען מסוגל צו פּרוּוון כאַפּן

אַ מאָרד־מכשיר און ניט וויסן, אויב ער וועט זיך אַפֿילו מיט דעם באַוויַזן צו באַניצן...

ער האָט נאָך געדולד בייז צו זײַן אויף זיך פֿאַר אַזאַ מין פּחדנות. ער איז פּשוט פֿויל צו שטעלן ווידערשטאַנד!... נייק, נישט פֿויל, נאָר מיד, צו־פֿיל מיד פֿון אַזאַ לעבן! אפֿשר בענקט ער שוין צו זען בײַ זיך די ענדערונג נאָך אַזוי פֿיל יאָרן ראַנגלען זיך. זאָל זי קומען דורכן טויט, דורך אַ קויל אַפֿילו...

ווי מאָדנע דאָס איז: די פֿאַנטאַזיע פֿון מענטש קומט אין אַזעלכע מינוטן אים פֿריילעך מאַכן, פֿאַרגרינגערן אים די לעצטע מינוטן פֿון וואַרטן אויפֿן סוף! ער נעמט זיך גאָר איצט דערמאָנען, ווער עס איז שוין פֿון יענער זײַט לעבן... ער פֿאַרבענקט זיך אַפֿילו נאָך דעם און נאָך יענעם, וואָס געפֿינט זיך שוין דאָרט... די דאָזיקע בענקשאַפֿט — בשעת מען שטייט איינער אַליין אַנטקעגן אַ נאַכטיק־צעפֿינצטערטן וואַלד — ווערט אַזוי שטאַרק, אַז אים ווילט זיך אַפֿילו, עס זאָל שוין געשען וואָס־שנעלער. זאָל ער שוין האָבן אַריבערגעגאַנגען די בריק!... אפֿשר וועט ער זיך טאָקע אָנבאַגעגענען מיט אַזוי פֿיל היימישע, מיט אַזוי פֿיל נאָענטע — —

אָט ווי אַזוי אַ ייִדיש ייִנגל קען זיך אַרײַנגליטשן אין אַ פֿאַנצער, וואָס שיצט פֿאַר דעם גרויסן פּחד פֿון ווערן גאָרנישט, פֿון אַרײַנפֿאַלן אין סוף־הסופֿותדיקן אומקום... ער האָט אַפֿילו נישט געשפּירט, ווי עמעץ גיט אים אַ טרייסל... ס'איז געווען אַ הויכער וואַכמאַן. מעכעלע האָט זיך אַ ריס געטאָן. אין האַרץ האָט אַ ווילד פּויקן אָנגעזאָגט די בשורה: שוין! אַזוי ווי עס וואָלט געווען אַ שׂמחה דאָרט אינעווייניק און דער בשׂורה־זאָגער וויל עס אָנזאָגן אַלע אבֿרים מיט אַ משונהדיקן גערויש, וואָס הייבט זיך אָן בײַם האַרץ און גיסט זיך אַראָפּ מיט פֿאַרכישופֿטער שטעכעניש ביז צו די שפּיץ פֿינגער פֿון די טריט. אָבער דער וואַכמאַן האָלט נאָך נישט דערבײַ. אים איז עפּעס גוט אויפֿן האַרצן, דערפֿאַר צעעפֿנט ער אַ שאַכטל דײַטשישע ציגאַרעטן, וואָס זעען־אויס ווי קליינע

אײדל־הויטיקע פֿינגער, און ער דערלאַנגט מעכעלען, אַז ער זאָל אַרויסציִען אײנעם צום פֿאַררויכערן:

— דו ביסט אַ ייִד און איר האָט ליב אַזעלכע לײַכטע, אײדעלע זאַכן... אָבער בײַ מיר איז עס שטרוי... איך בענק שוין נאָך אַ פֿעסטער פּאָרציע שאַרפֿער מאַכאָרקע... קענסט נעמען עטלעכע...

מעכעלע פֿאַרציט און קען נישט פֿאַרשטיין, וואָס יענער וויל פֿון אים. פֿאַר וואָס גיט ער אים אָנצוהערעניש פֿון זײַן בענקשאַפֿט? פֿון קאָרידאָר האָבן זיך געהערט טריט און דער וואַכמאַן האָט שנעל געמוזט ענדערן דעם טאָן, באַווײַזן וואָס ער טענהט דאָ אײַן מיט דעם ייִדל. ער איז דערפֿאַר בליצשנעל איבערגעגאַנגען צו חוזק:

— דו, ייִדל... באַלד וועט מען דיך אַוועקפֿירן אויף יענער וועלט — געדענק־זשע: איך האָב דאָרט אַ ברודער... ער איז געפֿאַלן מיט אַ יאָר צוריק פֿון די פּאַרטיזאַנער — זאָלסטו אים זען אויסצוזוכן דאָרט און איבערגעבן אַ גרוס... זאָלסט אים זאָגן, אַז דו האָסט מיך געזען שטיין אויף דער וואַך...

פֿון דער פֿינצטערער זײַט וועג האָט זיך געהערט אַ געלעכטער. דער ערשטער וואַכמאַן איז אַרויסגעקומען מעלדן, אַז דער הער זאָנ־דער איז נאָך אַלץ שטאַרק פֿאַרנומען. ער דאַרף נאָך אַ פּאָרש טאָן מעכעלען און ער וועט נאָך דאָ מוזן שטיין אַ האַלבע שעה און אפֿשר מער! צײַט האָט ער דאָך... און צו דער אַרבעט גייט ער דאָך נישט — וועט מען שוין דאָרטן מוזן אויף אים וואַרטן אַ ביסל... נישט אַזוי?

— 5 —

ווי דאָס וואַרטן זאָל מעכעלען נישט נמאס זײַן, איז ער איצט עמעצן דאַנקבאַר געוועזן... וואָס האָט זאָנדערן אַזוי באַשעפֿטיקט? נישט קיין אונטערשייד! אַבי מעכעלע קען נאָך שטיין מיט אָפֿענע אויגן און מיט צעשפּרייטע נאָזלעכער אַרײַנאָטעמען די פֿרישע נאַכט־לופֿט... גאָר נישט געוווּסט, אַז זי איז אַזוי מחיהדיק!

דער ווערקשוץ פֿילט זיך אַזוי ווי שולדיק, פֿאַר וואָס דער שעף לאָזט זיי דאָ אַזוי לאַנג וואַרטן. די אַלע, וואָס גייען־פֿאַרבײַ, שטעלן זיך עס זיכער נישט פֿאָר, אַז דאָ שטייט אַ ייִנגל, וואָס זײַן נאָמען איז נאָך הײַנט פֿאַר נאַכט אַרויסגעצויגן געוואָרן פֿון די לעבעדיקע. אויך דער וועכטער זײַנער געדענקט גאָר נישט אין דער מינוט, אַז שפּעטער אַ ביסל וועט ער דאַרפֿן דעם זעלביקן אַרײַנשיסן אַ קויל. עס איז אים נמאס דאָס שטילע, שטומע וואַרטן און דערפֿאַר נעמט ער אינפֿאָרמירן מעכעלען, האַלב מיט רייד און האַלב מיט מימיק:

— דער שעף... שטאַרק פֿאַרנומען... ער האָט טעלעפֿאָנירט אין ווערק א׳. עס דאַרף ווער קומען און זאָגן וועגן דיר אַלץ. ער דרייט דעם טעלעפֿאָן, און יענער איז נישטאָ. באַלד וועט מען אים ברענגען. איך האָב געהערט...

מעכעלע הערט שוין געשפּאַנט. זעט־אויס, אַז זאָנדער וויל אים נאָך דווקא מיט עמעצן קאָנפֿראָנטירן. אפֿשר וויל ער דורך דעם דערגייען בײַ אים סודות, און גראָד דאָס קען נישט געמאַכט ווערן אַזוי שנעל — עס האָבן זיך געמאַכט שטערונגען... אַנטקעגן־איבער ציט זיך דאָס שטעגל ביז צום לאַגער. מעכעלע פֿאַרציט ווידער אַ ציגאַרעט, הערט זיך אײַן מיט איין אויער אינעם וואַכמאַנס לעבעדיק פֿלאַפּלען און מיטן צווייטן הערט ער זיך אײַן צו דער אַרומיקער שטילקייט... איז טאַקע שטענדיק אַזוי שטיל, איידער מען גייט אומברענגען אַ מענטש? טוט גאָר נישט קיין געשריי אויף דער וועלט? וויל טאַקע גאָר נישט פֿונעם באַשאַף אַ קלאָג טאָן דערויף? אַזאַ שוואַרצע שטומקייט! אַזאַ אַכזריותדיק שווײַגעניש! ער בלאָנדזשעט אָן אַ ציל מיט די אויגן אויף יענעם וועג, וועלכער האָט אים אַזוי פֿיל מאָל געפֿירט אַהין און צוריק צו דער ייִדישער ווערקצע־וועלט... מער וועט ער שוין דאָרט נישט גיין, און קיינער וויל זיך פֿון דאָרט איצט נישט באַווײַזן. אָבער ווי פֿאַרטײַעט און פֿאַרגליווערט מעכעלע זאָל נישט זײַן, מוז ער איצט אויפֿציטערן פֿון עפּעס נײַס: אָט שפּאַרן זיך דאָרט אַדורך אַ וועג צוויי געשטאַלטן!

פֿון וואַנעט קומען זיי? ווער זײַנען זיי און וווּהין ציִען זיי? אָבער וואָס גייט עס אים אָן, וואָס עס טוט זיך נאָך אין דער וועלט פֿון לעבעדיקע? וואָס נײַגערט עס אים אַזוי? נאָר ער מוז קוקן — דערפֿאַר זעט ער: איין געשטאַלט שטויסט זיך ממש אין דער וויסטער טונקלקייט אַרײַן. לויפֿט מיט אַלע כּוחות... די צווייטע געשטאַלט גיט זיך אָפּ ווי אַ ווײַסער פֿלעק און ציט נאָך דעם ערשטן, אין אַ געוויסער נאָכלעסיקייט. זיי לויפֿן אַזוי שנעל, אַז באַלד באַווײַזט זיך דאָס ערשטע בײַם הילצערנעם בריקל, פֿאָכעט מיט די הענט און וואַרפֿט זיך ממש אין דער לופֿט אַרײַן... מעכעלע הערט אַזש זײַן שווערן אָטעם און דאָס האַרץ נעמט זיך אויפֿסנײַ אין אים וואַרפֿן פֿון אַ נײַער אויפֿרעגונג. דאָס לויפֿט יענער אַהער, גלײַך אין דער וואַכשטוב אַרײַן!...

פֿײַכטע רעדער בלענדעניש האָבן אַרומגעדרייט מעכעלעס אויגן. דאָך האָט ער באַוויזן פֿון אונטערן איבערגעראַשטן נעפּל צו דערקענען דעם לויפֿנדיקן: צי איז עס מעגלעך? זעט ער נאָך איצט אַ מענטש פֿון ווערק צע? ווען ער זאָל כּוח האָבן זיך צו רירן פֿון אָרט, וואָלט ער אַנטקעגנגעלאָפֿן און זיך מיט אים צעקושט... גאָר נישט, נאָר בלויז דערפֿאַר, וואָס ער האָט זיך דאָ איצט באַוויזן. כאָטש דאָס איז נישט קיין אַנדערער ווי דער וויצע־קאָמענדאַנט פֿון דער פּאָליציי, פֿעלדמאַן...

יענער האָט זיך אָבער צוגעריסן ווי דורך מויערן, צוגעקומען נענטער און פֿאַר איבעררעאַשונג קוים אויסגעסאָפּעט אויף פּויליש:

— אוי, ביסטו אַ מזלדיקער!... ביסט געראַטעוועט, אַז דו לעבסט נאָך... האָב קיין מורא נישט... אָט באַלד...

מעכעלע האָט מער נישט געקענט הערן. ער האָט נאָר מיט אַ שטאַרן בליק נאָכגעקוקט ווי פֿעלדמאַן פֿליט צוריק צום בריקל, וואָס פֿירט אין לאַגער. דאָרט טרעפֿט ער זיך מיטן טונקל־ווײַסן פֿלעק, פֿאַרהאַלט זיך אַ ווײַל און פֿליט ווײַטער, אַראָפּצו... אַראָפּ... ביז דער וואַלד שלינגט אים אײַן... דערפֿאַר רוקט זיך דאָס ווײַסע געשטאַלט אַלץ נענטער און נענטער. אָט איז עס שוין בײַם בריקל

און אָט קומט עס שוין נענטער און שפּריצט מיט געמאָסטענע טריט גלײַך אויף אים... יאָ, ס'איז זי... די קאָמענדאַנטין... פֿער־לאַ!...

מעכעלע וויל גאָר נישט פֿרעגן און זי איז מיט קיין האָר נישט אויפֿגערעגט. זי זעט אַפֿילו נישט דעם ווערקשטוך וואָס שטייט דער־נעבן, נאָר זי ווענדט זיך גלײַך צו מעכעלען:

— אַנטלויף!

מעכעלעס געדאַנק איז שוין אַטראָפֿירט און ס'איז אים שווער אויפֿצוכאַפּן דעם לעבנס־צייכן. וואָס הייסט דאָס: אַנטלויפֿן? וואָס וויל זי? בײַ וועמען צו פֿרעגן באַשייד האָט ער נישט, דערפֿאַר שטייט ער אויפֿן זעלביקן אָרט און וואַרט... וואַרט ביז עפּעס וועט דאָ געשען פֿון זיך אַליין. פֿעלאַ איז אַרײַנגעפֿאַלן אין אויפֿ־רעגונג. זי איז צוגעלאָפֿן נאָענט צו אים און אויפֿגעהויבן די נאַגײַקע אירע:

— דו, שווערער אידיאָט! מען זאָגט דיר — אַנטלויף!!! האָסט נאָך געציילטע סעקונדעס אויסצוניצן... וואַריאַט, משוגענער, כאַם... אײַנגעשטעלט דאָס לעבן צוליב דיר — שטייסטו גאָר!? מאַרש! מאַרש פֿון דאַנעט!!!

אירע געשרייען האָבן אָנגעצויגן נאָך עטלעכע וואַכמענער, אָבער זי האָט זיך פֿון זיי קיין וועזן נישט געמאַכט. אויך מעכעלע האָט זיך אויפֿגעטרייסלט און זיך אַ ריס געטאָן פֿון זײַן אָפּגעשטאָרבנקייט. ער האָט אַפֿילו נישט געוווּסט, אויב ער זאָל איר איצט דאַנקען, אויב ער מעג איר דאַנקען... האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן ווי אַן אַרויסגעשאָסענע פֿײַל, וואָס פֿליט צוליב אַן אַנדערנס כּוח, אָן איר ווילן און וויסן.

פֿעלאַס צוריק־באַרויִקט קול האָט אים אָבער גערופֿן, ווען ער איז שוין געווען נישט ווײַט פֿון בריקל:

— אַנטלויף וואָס־גיכער פֿון דאַנעט... אָבער ווײַז זיך איצט נישט פֿאַר קיינעם און זע זיך צו באַהאַלטן איבער נאַכט. מאַך זיך נישט וויסנדיק, אויב אַפֿילו וועסט הערן, אַז מען זוכט דיך, און

מאָרגן זאָלסטו אַלעמען זאָגן, אַז מען האָט דיר געגעבן 25 שמיץ אין דער ייִדישער פּאָליציי... הערסטו? און זאָלסט געדענקען, ווי אַזוי די „בעסטיע פֿון ווערק צע" האָט געהאַנדלט קעגן דיר... אַזוי האָסטו מיך דאָך אַמאָל אָנגערופֿן... נו, לויף!...

מעכעלע האָט איר גאָר נישט געקענט ענטפֿערן, ווײַל זי האָט זיך באַלד אויסגעדרייט און איז אַרײַן אין דער וואַכשטוב. די ווערק־שוץ האָט זיך די גאַנצע צײַט נישט געמישט... די ערשטע פּאָר טריט איז מעכעלע געלאָפֿן ווי משוגע. ערשט ווען ער איז געקומען צווישן ביידע זײַטן וואַלד, האָט ער פֿאַרלאַנגזאַמערט די טריט און צוגעשפּרײַזט מיט אַ פֿאַרקילטער גלײַכגילטיקייט ביזן טויער.

פון בוך גורלות, פ׳ דאָס פוילישע יידנטום, ב״א 1952

ק. (אלקנה) חרמץ

# פֿון בוך „קאָשמאַרן"

## דער טײַוול האָט מיר אונטערגעשטעלט אַ פֿיסל

די שפּאַנונג אינעם לאַגער האָט געהאַלטן אין וואַקסן. אַלע מאָל איז אַן אַנדערער געקומען מיט אַ נײַער געשיכטע, וועלכע ער האָט „נאָר־וואָס געהערט פֿון אַ זיכערן קוואַל"... מענטשן מיט רײַכע פֿאַנטאַזיעס, וועלכע האָבן זיך אויך געוואָלט מאַכן וויכטיק, אַז זיי האָבן קאָנטאַקטן מיט אויטאָריטעטן, האָבן אויסגעטראַכט פֿאַרשיידענע מעשׂיות און האָבן זיי „פֿאַרצוקערט" פֿאַר די וואָס זײַנען געווען להוט עפּעס צו הערן. איינער האָט דערציילט, אַז די אַמעריקאַנער האָבן שוין באַזעצט דעם שטאַמלאַגער פֿון מיהלדאָרף. אַ צווייטער האָט דערציילט, אַז היטלער האָט זיך אויפֿגעהאָנגען. אַ דריטער איז גאָר געקומען און דערציילט, אַז מען גרייט זיך אונדז די נאַכט אַרויס־

צופֿירן אין וואַלד אַרײַן אויף אויסצופּאַרטיקן, אַז גריבער זײַנען אַפֿילו פּאַרטיק פֿאַר אונדזערטוועגן...

די נערוון זײַנען געווען אָנגעצויגן ביז צום פּלאַצן. מען איז שוין אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפֿן. אָבער אויף צו מאָרגנס — דאָס האָט געמוזט זײַן דעם 24סטן אָדער דעם 25סטן אַפּריל — איז אַרײַנגעקומען דער הויפּטמאַן אין לאַגער, געהייסן מאַכן אַן אַפּעל און אונדז דערקלערט:

— איר זאָלט וויסן: דער קריג איז צו ענדע. אויב איר וועט זיך פֿאַרהאַלטן רויִק, וועט אײַך גאָר נישט געשען. מיר וועלן אָפּוואַרטן ביז די אַמעריקאַנער באַזעצונג־טרופּן וועלן אַרײַנקומען, מיר וועלן זיי איבערגעבן דעם לאַגער מיט די אײַנזאַצן אין בעסטער אָרדענונג. איך האָב שוין געגעבן אַ באַפֿעל, אַז די וואַכן זאָלן אַוועקלייגן דאָס שווערע געווער, נאָר זיך באַדינען מיט לײַכט געווער, פֿאַר יעדער עווענטואַליטעט, אויף אָפּצוהיטן די אָרדענונג...

געהערט די רייד, האָבן מיר זיך אַרומגעכאַפּט און גענומען קושן פֿאַר שׂמחה. מענטשן זײַנען משוגע געוואָרן פֿאַר פֿרייד. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די רוסן האָבן שוין געהאַט פֿאַרנומען בערלין און היטלער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד צוזאַמען מיט זײַן געליבטע עוואַ בראַון אין דעם בונקער פֿון רײַכסקאַנצלער. אַ גרופּע אָפֿיצירן האָט זיך רעוואָלטירט קעגן דער מאַכט, געשאַפֿן אַ רעוואָלוציאָנערן ראָט און זיך דערקלערט גרייט צו פֿאַרהאַנדלען מיט די אַלײִרטע כּוחות וועגן אַ קאַפּיטולאַציע, כּדי צו פֿאַרמײַדן ווײַטער בלוט צו פֿאַרגיסן. די רעוואָלוציאָנערן האָבן אויך פֿאַרכאַפּט די ראַדיאָ־סטאַנציע און געמאַכט אַ ווענדונג צום פֿאָלק וועגן דער קאַפּיטולאַציע און אויך אַ ווענדונג צו די באַוואָפֿנטע כּוחות, אַז זיי זאָלן אויפֿהערן קעמפֿן און זיך איבערגעבן די אינוואַזיע־אַרמייען. אויף דעם סמך פֿון די ראַדיאָ־ידיעות האָט דאָס אונדזער הויפּטמאַן באַשלאָסן, אַז ס'איז צוועקלאָז צו שטעלן וועלכן ס'איז ווידערשטאַנד, נאָר מען דאַרף אָפּוואַרטן ביז דאָס באַזעצונג־מיליטער וועט אַרײַנקומען, בכדי זיי צו איבערגעבן דעם לאַגער מיט די העפֿטלינגען.

צווישן אונדז אַליין האָבן מיר געהאַט באַשלאָסן, אַז מיר זאָלן זיך פֿאַרהאַלטן רויִק, נישט דערלאָזן צו קיין כאַאָס און בהלות, בכדי נישט אַרויסצורופֿן קיין פּראָוואָקאַציעס און ניט שטעלן אין געפֿאַר דאָס לעבן פֿון די קאַצעטלערס. מיר האָבן אַליין געשאַפֿן אָרדנערס צווישן אונדז, וועלכע זאָלן אָפּהיטן די אָרדענונג.

אינצווישן איז געקומען אַ וואַכמאַן פֿון דער הויפּט־קאָמאַנדע, וועלכער האָט זיך געוואָנדן צו דעם שטאַלקאַפּאָ, אַז ער זאָל אים געבן פֿערד־און־וואָגן, ווײַל מען דאַרף צופֿירן צוויי דאָקטוירים צו דעם לאַגער אין מיהלדאָרף. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט מען דאָרטן שוין געהאַט אַרויסגעפֿירט דעם גרעסטן טייל פֿון די העפֿטלינגען. אָבער אַזוי ווי עס זײַנען אויסגעבראָכן צווישן די איבערגעבליבענע שווערע פֿאַלן, האָבן זיי זיך גענייטיקט אין דאָקטוירים און האָבן טעלעפֿאָנירט צו אונדזער קאָמאַנדע, אַז מען זאָל זיי אויסבאָרגן צוויי קאַצעטלער־דאָקטוירים. איך בין געשטאַנען, מיך צוגעהערט צו דעם שמועס און איך האָב אין גאַנצן געציטערט, אַז מען זאָל מיך באַשטימען פֿאַר דער „יאַזדע“. ווײַזט־אויס, אַז דער קאַפּאָ האָט געלייענט אין מײַנע אויגן מײַן שטאַרקן באַגער אַרויסצופֿאָרן פֿון לאַגער, האָט ער אָנגעוויזן אויף מיר, אַז איך זאָל אײַנשפּאַנען דעם וואָגן און אָפּפֿירן די דאָקטוירים קיין מיהלדאָרף. שפּעטער, ווען דער וואַכמאַן איז אַרויס, האָט מיר דער קאַפּאָ געזאָגט, אַז ער האָט געוואָלט, איך זאָל פֿאָרן, ווײַל איך וועל זיכער אַהיימברענגען אַ ביסל נײַס, ווײַל אויף מיר קאָן ער זיך פֿאַרלאָזן...

איך האָב אײַנגעשפּאַנט אַ לײַכטן וואָגן, אַרויפֿגעזעצט די צוויי דאָקטוירים, אונגערישע ייִדן, און עס האָט זיך מיט מיר אַרויפֿגעזעצט אַן ס.־ס.־מאַן, אָבער אָן געווער. איך האָב געפֿילט, אַז עס קאָכט אַלץ אין מיר, אַז איך ווער צעשפּאַנט פֿון די צעטרייסלטע נערוון. די היץ האָט מיר געשלאָגן אין קאָפּ אַרײַן, און איך האָב פֿאַרלוירן דאָס פּסיכישע גלײַכגעוויכט. איך האָב נישט אויפֿגעהערט צו ריידן, צו שרײַען, צו לאַכן און וויינען. איך בין געוואָרן היסטעריש. איך האָב געזאָגט צו מײַן באַגלייטער:

— דו דאַרפֿסט נישט מורא האָבן, ווײַל דו ביסט שטענדיק געווען אָנשטענדיק צו אונדז, האָסט אונדז קיין מאָל נישט געשלאָגן, נישט געפּײַניקט... איך וועל מיך פֿאַר דיר אײַנשטעלן... אָבער צו וואָס דאַרפֿסטו די שליפֿעס פֿון ס.־ס.„ אַזעלכע שוואַרצע שלאַנגען? נעם, רײַס־אַראָפּ דאָס דרעק...

און איך האָב גענומען אַראָפּרײַסן זײַנע שליפֿעס.

ער האָט זיך נישט געווערט, נאָר געשמייכלט, געלאָזט מיט זיך טאָן וואָס איך האָב געוואָלט. בין איך אַראָפּ פֿון דער פֿור, צוריק אַרויף אויפֿן וואָגן, געשריגן, געליאַרעמט, פֿול געמאַכט דאָס דאָרף מיט מײַנע קולות:

— היטלער איז טויט! ער האָט קראַפּירט, דער הונט! מיר זײַנען פֿרײַ! פֿרײַ!! אויס מיט דעם קריג! אויס מיט דעם בלוט־פֿאַרגיסן! אויס מיט די שקלאַפֿן־אַרבעטערס!!!

אַלע זײַנען אַרויסגעקומען פֿון זייערע הײַזער, זיך צוגעקוקט צו דעם משוגענעם קאַצעטלער און געפּאַטשט בראַוואָ...

איך האָב שוין נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך מיט מיר. איך האָב פֿאַרלוירן דאָס גאַנצע גלײַכגעוויכט. ווי אַ שיכּור האָב איך מיך געוואַקלט, געשפּרונגען און אָנגעמאַכט אַ בהלה אין דאָרף. דער ס.־ס.־מאַן האָט מיך געפּרוּווט באַרויִקן, געפּרוּווט רײדן צו מיר זייער אײדל, אַז איך זאָל מיך אַ ביסל צוימען און נישט אויסלאָדן מײַן עקסטאַז. אָבער איך האָב מיך נישט געקאָנט באַרויִקן, נישט געקאָנט מער צוימען מײַן היסטעריע, ווײַל איך בין געווען משוגע פֿאַר פֿרייד.

ענדלעך זײַנען מיר אָנגעקומען אין דעם שטאַמלאַגער פֿון מיהל־דאָרף. דאָ האָט אויך אויסגעזען ווי ערבֿ אַ חתונה. די קאַצעטלערס זײַנען אַרומגעלאָפֿן צעטומלטע, נישט געוווּסט וואָס עס האָט פּאַסירט. אויך די ס.־ס.־לײַט זײַנען אַרומגעלאָפֿן אויפֿגערעגטע און צעחושטע. זיי האָבן זיך נאָר אומגעקוקט, צי עמעצער דערלאַנגט זיי נישט מיט עפּעס איבערן קאָפּ. די קאַצעטלערס, דערזעענדיק אונדזער וואָגן, זײַנען צוגעקומען, מיך באַפֿאַלן, אויסגעפֿרעגט, גע־

וואָלט דערגיין עפּעס נײַס פֿון דרויסן. איך האָב זיי איבערגעגעבן דאָס, וואָס איך האָב געוווּסט. האָט עס ווידער גענומען רוישן און קאָכן ווי אין אַ בינשטאָק. איינער האָט איבערגעגעבן דעם צווייטן די נײַס. אַנדערע זײַנען געקומען מיך איבערפֿרעגן און מען האָט עס קאָמענטירט. די ס.־ס.־וועכטערס זײַנען אָנגעקומען, זיך געבעטן בײַ די קאַצעטלערס, אַז מען זאָל זיך נישט זאַמלען, נישט אָנמאַכן קיין בהלה, נאָר יעדער זאָל גיין אין זײַן בלאָק אַרײַן. אָבער מענטשן האָבן נישט געקאָנט אײַנרוען, נישט געקאָנט אײַנשטיין אויף אַ פּלאַץ, נאָר זיי זײַנען אַרומגעלאָפֿן איבער דעם לאַגערפּלאַץ, אָנגעשפּיצט די אויגן און די אויערן, אויף עפּעס אויפֿצוכאַפּן פֿון דרויסן. ווען עס זײַנען פֿאַרבײַגעפֿלויגן אַוויאָנען, האָבן אַלע פֿאַרריסן די קעפּ צום הימל און געפּרוּווט טרעפֿן, וועלכע אַוויאָנען דאָס זײַנען און וווּהין זיי פֿליִען.

נאָך דרײַ שעה ווײַלן אין לאַגער מיהלדאָרף זײַנען מיר צוריקגעפֿאָרן אין וואַלדלאַגער. אין דרויסן זײַנען מענטשן געגאַנגען מיט שנעלע טריט, אומקוקנדיק זיך כּסדר, וואָס עס קומט־פֿאָר אין אַרום. מען האָט אויך געזען אַ סך מיליטער, אין לאַסט־וועגענער און צו־פֿוס. זיי זײַנען געווען באַלאָדן מיט דער פֿולער קאַמף־אויסריכטונג. מיט דער דערנענטערונג פֿון דעם פֿראָנט אין דער געגנט האָט מען אַריבערגעוואָרפֿן שטאַרקע מיליטערישע גאַרניזאָנען אין דער געגנט, ווו מען האָט געבויט אָקאָפּעס און אויפֿגעשטעלט פּאָזיציעס.

אין מיטן פֿאָרן האָט אונדז אָפּגעשטעלט אַן אָ.־ט.־מאַן, וועלכער האָט געבעטן, מען זאָל אים אויפֿנעמען אַ שטיקל וועג. מיר האָבן אים געמאַכט אַ פּלאַץ פֿון פֿאָרנט נעבן דעם ס.־ס.־מאַן. זײַנען מיר געזעסן אַלע דרײַ צוזאַמען אויף דער פֿאָדערשטער באַנק. איך — לינקס, דער ס.־ס.־מאַן אין דער מיט און דער אָ.־ט־מאַן — רעכטס. הער איך מיך צו, ווי די ביידע שמועסן זיך אויס. דער אָ.־ט.־מאַן דערציילט מײַן שומר די לעצטע נײַס, וואָס ער האָט נאָר־וואָס געהערט דורך ראַדיאָ: אַז עס איז געווען אַ פּוטש, אַ גרופּע אָפֿיצירן

האָט זיך געהאַט רעוואָלטירט, פאַרכאַפּט דעם שטאַב און די ראַדיאָ, דורך וועלכער זיי האָבן געהאַט געמאָלדן וועגן דער איבערקערניש, געמאַכט אַן אַפּעל צו די קעמפּנדיקע טרופּן, אַז זיי זאָלן אַוועקלייגן דאָס געווער, אויפהערן קעמפן און זיך איבערגעבן די אינוואַזיע־כּוחות. אָבער ווי עס ווייזט־אויס זיינען דאָס געווען פאַררעטערס, איבערגעקויפטע פון דעם פיינד, צו דעמאָראַליזירן די אַרמיי און פאַרראָטן דעם „פיהרער“. עס האָט זיי אָבער גאָר נישט געהאָלפן, ווייל די אַרמיי און די ס.־ס. זיכערקייט־דינסט האָט זיי גלייך אַרומגערינגלט, גענומען געפאַנגען, מען האָט זיי געשטעלט פאַר אַ פעלד־געריכט, פאַרמשפּט צום טויט פאַר פאַרראָט און אַוועקגעשאָסן... דער קריג גייט ווייטער... „מיר האָפן, האָבן צוטרוי צום „פיהרער“ — האָט ער ווייטער דערציילט — אַז מיר וועלן שנעל פאַרטרייבן דעם פיינד פון אונדזער לאַנד. דער „פיהרער“ גרייט־צו די גרויסע פרילינג־אָפענסיווע, וועלכע וועט באַלד נעמען „ראָללן“ מיט דער גאַנצער קראַפט. מיר האָבן אַריינגענאַרט די פרעמדע טרופּן אויף אונדזער באָדן, בכדי זיי דאָ צו שלאָגן און פאַרניכטן...“

געהערט אַזעלכע רייד, האָט מיר גענומען גרימען אין בויך. איך האָב געפילט, אַז אַלץ דרייט זיך אין מיר איבער. מיין ס.־ס.־מאַן האָט גאָר נישט געוואָלט קוקן אויף מיר, מורא געהאַט זיך צו באַגעגענען מיט מיינע בליקן. איך בין געפאָרן לאַנגזאַם, ווייל איך האָב שוין נישט געהאַט צו וואָס זיך צו איילן. מיין מוח האָט גענומען אַרבעטן ווי אַ קאָמפּיוטער. איך האָב גענומען שפּינען פּלענער, ווי אַזוי מען אַנטלויפט. איך האָב געטראַכט צו אַנטלויפן אין מיטן וועג. אָבער דאָס איז געווען צו־געפערלעך, ווייל איצט האָב איך צוויי שומרים אויף זיך, וועלן זיי מיך גלייך כאַפּן. אויסער דעם האָט מען איצט געזען כּסדר דורכגיין און דורכפאָרן מיליטער, וועל איך מסתּמא ווייט נישט לויפן...

אָבער איין זאַך האָב איך געוווּסט: אַז איך טאָר היינט מער נישט אַריינקומען אין לאַגער אַריין, ווייל נאָך דעם, וואָס איך האָב דאָ אָפּגעטאָן מיט דעם ס.־ס.־מאַן, און נאָך דעם טומל, וואָס איך

האָב אָנגעמאַכט אין דעם דאָרף, וועט מען מיך גלײַך אַוועקשיסן. אויך דער ס.־ס.־מאַן איז געזעסן ווי אויף הייסע קוילן. איין מאָל, האָט ער זיך געפֿילט שולדיק, פֿאַר וואָס ער האָט דערלאָזט צו דעם סקאַנדאַל, וואָס איך האָב געמאַכט אין דאָרף. הונדערטער מענטשן האָבן דאָך דאָס געזען און געהערט. ער איז דאָך דער פֿאַראַנטוואָרטלעכער, ווײַל זײַן אויפֿגאַבע איז דאָך געווען אויף מיר אויפֿצופּאַסן און מיך צו צוימען. פֿאַר אַזאַ עבֿירה קאָן מען אים שטעלן פֿאַר אַ פֿעלדגעריכט... צווייטנס, האָט ער מורא געהאַט, געציטערט, אַז איך זאָל נישט ווערן קיין האָז און נישט אַוועק אין די וועלדער. ער האָט אַרויסגענומען פֿון אַן הינטערטאַש אַ רע־וואָלווער און אים אַרײַנגעלייגט אין אַ פֿאָדערשטער טאַש, מאַכנדיק דאָס אַזוי, אַז איך זאָל זען...

עס איז מיר געווען ביטער אין מויל. אין מײַן מוח האָט עס גערוישט ווי אין אַ מיל. איך האָב מיר נישט געקאָנט געבן קיין עצה. איך האָב אָבער געפֿילט, אַז עפּעס מוז דאָ געשען, ווײַל אין לאַגער אַרײַן טאָר איך הײַנט נישט אַרײַנקומען.

## מײַן לעצטער שאַנס — אַנטלויפֿן

ווען איך בין אָנגעקומען צום לאַגער, האָב איך געדאַרפֿן אויס־שפּאַנען דאָס פֿערד אין דרויסן, פֿאַרן לאַגער, צווישן דעם הויפּט־שטאַב פֿון די ס.־ס.־וועכטערס און דעם לאַגער. דער ס.־ס.־מאַן איז אַרײַנגעגאַנגען אין דער שרײַבשטובע, אויך די דאָקטוירים זײַנען אַרײַן אין לאַגער. צוזאַמען מיט מיר איז אויך אָנגעקומען אַ צווייטער וואָגן, וואָס עס האָט געברענגט אַ חבֿר פֿון דער שטאַל־קאָ־מאַנדאָ, ערנעסט, אַ דײַטשישער ייִד, אַ בחור פֿון אַ פּאָר און צוואַנציק יאָר. בײַם אויסשפּאַנען די פֿערד האָב איך געכאַפּט מיט אים אַ שמועס:

— ערנעסט, מיר געפֿינען זיך אין זייער אַ שווערער סיטואַציע. לויט די ידיעות, וואָס איך האָב באַקומען, גרייט מען זיך אונדז אויס־צופּאַרטיקן אין די נעקסטע טעג.

ערנעסט האָט געעפּנט אויף מיר אַ פּאָר אויגן און געזאָגט:

— ווי זאָ?! דער האַופּטמאַן האָט אונדז פֿאַרשפּראָכן, אַז ער ווירדט אונדז איבערגעבן די אַמעריקאַנער באַהערדן.

— זײַ נישט קיין יעקע פּ...!! — בין איך אויפֿגעקאָכט געוואָרן — דו גלייבסט נאָך, וואָס די דײַטשן, דײַנע לאַנדסלײַט, האָבן דיר צוגעזאָגט? ווּעסטו זיי שפּעטער רופֿן ליגנער. ווּעסט זיי קענען רופֿן צו פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דעם הימלישן טריבונאַל און מיך נעמען פֿאַר אַן עדות...

ערנעסט האָט מיך אָנגעקוקט מיט קעלבערנע אויגן און אויסגעשאָסן:

— אַך, קוואַטש!

איך האָב אים גענומען אין דער אַרבעט און אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע. איך האָב זי נאָך אַ ביסל באַפּעפּערט, ווײַל איך האָב אים געוואָלט באַוועגן, אַז ער זאָל גיין מיט מיר; אין צווייען, האָב איך מיר געטראַכט, וועט זײַן הימלעכער. איך האָב אים געפּרוווט איבערצײַגן, אַז עס איז אונדז געבליבן דער אייניציקער שאַנס — צו אַנטלויפֿן. אויב מיר ווען זיך איצט נישט ראַטעווען, איז אונדזער לעבן אײַנגעשטעלט. איך האָב אים אויך דערציילט, אַז אין דרויסן האָב איך שוין צוגעגרייט ווו זיך צו באַהאַלטן.

ערנעסט, הערנדיק וועגן אַנטלויפֿן, איז עס אים גאָר נישט אַרײַן אין קאָפּ. ער האָט זיך פֿאַרטראַכט און גענומען קוקן אויף מיר ווי אויף אַ נישט־נאָרמאַלן מענטשן. איך האָב אפֿשר אויך אויסגעזען ווי אַ צעדרייטער, ווײַל איך האָב אין גאַנצן געברענט פֿון אויפֿרעגונג. ווען איך האָב געמיינט, אַז איך בין שוין מיט אים אויף אַ וועג, האָט ער זיך אויסגעדרייט צו מיר און געזאָגט:

— מאַך דאָך קיין דומהײַטן! דאַס דירפֿן וויר דאָך נישט...

איך בין שוין געוואָרן אויפֿגערעגט און גענומען ריידן שאַרפֿער:

— אויב דו וועסט וואַרטן אויף דעם, וואָס דו דאַרפֿסט יאָ

אָדער נישט, קאָנסטו דיך שוין געזעגענען מיט דער וועלט. דו וואַרטסט אפֿשר אויף אַן אײַנלאַדונג, אַז מען זאָל דיך קומען בעטן?!

איך האָב גענומען ריידן צו זײַן פֿאַרשטאַנד, צו זײַן האַרץ און זײַן מוח: מיר האָבן דורכגעמאַכט אַזוי פֿיל צרות, אַזוי פֿיל פּײַן, קוים זיך דערוואַרט ביז דער ענדע פֿון קריג, ווען מ׳זעט שוין די שפּיצן פֿון דער אַזוי געגאַרטער פֿרײַהייט — זאָלן מיר איצט אומקומען? ערבֿ דער גרויסער געשעעניש? מיר האָבן איצט אַ שאַנס, דאַרפֿן מיר אים אויסניצן, ווײַל נאָך אַזאַ שאַנס וועלן מיר אפֿשר מער נישט האָבן. איך האָב געזען, ווי עס הייבט אים אָן אַרײַנצוקריכן אין קאָפּ אַרײַן, אָבער ער איז נאָך אַלץ נישט אַנטשלאָסן.

דערווײַל האָבן מיר אַרײַנגעפֿירט די פֿערד און צוריק אַרויסגעקומען אַפּרייניקן די וועגן. איך האָב מיך דערווײַל אומגעקוקט, ווי אַזוי מען קאָן דאָ עוקר זײַן. מיר האָבן זיך געפֿונען אויף דעם פּלאַץ צווישן אונדזער לאַגער און די באַראַקן פֿון דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע. דאָ זײַנען געשטאַנען די וועגענער. בײַם אַרויספֿאָרן פֿון לאַגער האָבן מיר געמוזט דורכפֿאָרן אַ וואַך. אָבער צווישן די באַראַקן פֿון דער לאַגער־קאָמאַנדע און דעם צוים פֿון שטעכלדראָט, וואָס האָט אַרומגעצוימט דעם לאַגער אונדזערן, איז געווען אַזאַ אָנשיט, אַ וואַל, בײַם ראַנד פֿון אַ וואַלד, וואָס האָט זיך געצויגן אויף אַ סך צענדליקער קילאָמעטער. אויף דעם וואַל איז שטענדיק געשטאַנען אַ וואַך, וואָס האָט אָבסערווירט די גאַנצע באַוועגונג אין לאַגער, ווײַל פֿון דאַנען אויס האָט מען געזען דעם גאַנצן שטח פֿון לאַגער. איך האָב אויך געזען, ווי די וואַך איז צוריק באַוואָפֿנט געוואָרן. אויך די וועכטערס אויף די אָבסערוואַציע־טורעמס זײַנען צוריק באַוואָפֿנט געוואָרן מיט די שווערע מאַשין־געווערן. האָב איך שוין פֿאַרשטאַנען, אַז די לאַגע ווערט צוריק ערנסט, אַז די רייד פֿון דעם אָ.־ט.־מאַן זײַנען באַרעכטיקט. איך האָב נאָר געקוקט צו די טירן פֿון דער הויפּט־קאָמאַנדע, צי מען קומט מיך נישט רופֿן. די הויט האָט אויף מיר געציטערט. איך האָב אין גאַנצן געפֿלאַקערט

פֿאַר אויפֿרעגונג. איך האָב געפֿילט, אַז מײַן גורל וועגט זיך איצט. מײַן מוח איז געוואָרן שאַרף ווי אַ שווערד. איך האָב באַשלאָסן אויסצוניצן דעם לעצטן שאַנס: טויט אָדער ברויט. איך בין צוגעגאַנגען צו מײַן חבֿר און צו אים געזאָגט:

— ערנעסט, וואַרט אַ מאָמענט, איך וועל פּרוּוון כאַפּן אַ שמועס מיט דעם וועכטער, וואָס פּאַטרולירט דעם וואַל.

איך בין צוגעגאַנגען נענטער, זיך אַוועקגעזעצט אין דער העלפֿט פֿון אָנשיט און גענומען פֿאַרפֿירן אַ געשפּרעך מיטן ס.ס.־מאַן:

איך: עס איז ווידער געקומען אַן ענדערונג. הײַנט אין דער פֿרי האָט אונדז דער האַופּטמאַן געמאָלדן, אַז דער קריג איז צו ענדע, אַז מיר דאַרפֿן נאָר וואַרטן ביז די אַמעריקאַנער וועלן אַרײַנקומען, וועט ער זיי איבערגעבן דעם לאַגער מיט די העפֿטלינגען. איצט, ווי איך זע, האָט זיך ווידער עפּעס געענדערט. דער קריג איז וואָרשײַנלעך נאָך נישט צו ענדע.

ער: יאָ, דער קריג גייט ווײַטער. עס איז נישטאָ קיין אַנדערער אויסוועג ווי קעמפֿן.

איך: זי גלאַובען, הער וואַכמײַסטער, אַז דער קריג קאָן זיך נאָך לאַנג ציִען?

ער: דער גאַנצער קריג איז אַן אומזין, אַ שײַסע, פֿון וועלכער מיר קענען נישט לאָז ווערן.

איך: עס האָט דאָך מער נישט קיין זין דאָס קעמפֿן, ווען די אַליִירטע קרעפֿטן האָבן אונדז שוין אַרומגענומען פֿון אַלע זײַטן, ווען די הויפּט־פֿאַרטיידיקונג־ליניעס זײַנען שוין אײַנגעבראָכן. צו וואָס נאָך דאָס פֿאַרגיסן בלוט? וואָלט נישט געווען פֿאַרנינפֿטיקער צו שליסן פֿרידן?

ער: פֿון מיר אויס וואָלט דער קריג שוין געקאָנט זיך פֿאַרענדיקן הײַנט, איך זאָל צוריקפֿאָרן צו מײַן פֿאַמיליע, זען מײַנע קינדער און שלוס מיט דער אַוואַנטורע.

איך: דאָס זאָגסטו; שטעל זיך פֿאָר מײַן לאַגע. שוין דאָס פֿינפֿטע יאָר אַ געפֿאַנגענער, אַ שקלאַף. איך האָב פֿאַרלוירן מײַן

פֿאַמיליע. מײַן היים איז צעשטערט. מײַן פֿאַרמעגן איז רויִנירט. און איך אַליין בין צעבראָכן פֿיזיש און מאָראַליש.

ער: אונדז גייט עס נישט אַ סך בעסער. אַ סך פֿון אונדזערע היימען זײַנען צעשטערט פֿון דער וואַנזיניקער באָמבאַרדירונג. און וויפֿל מיליאָנען זײַנען אומגעקומען אין רוסלאַנד, אין אַפֿריקע?

איך האָב געפֿילט, אַז איך האָב געשפּאָלטן דעם מיליטערישן פּאַנצער בײַ דעם וואַכמאַן, אַז איך האָב בײַ אים אויפֿגעדעקט דאָס מענטשלעכע אין אים, אַז ער ווערט נאָכגעביקער. האָב איך מיך אַרומגעקוקט, צי קיינער דערנענטערט זיך נישט. אונטן איז גע־שטאַנען ערנעסט, וועלכער האָט זיך געמאַכט פֿאַרריכטן דעם וואָגן און, בגנבֿה, אַלע מאָל געגעבן אַ קוק צו מיר. איך האָב באַשלאָסן ווײַטער צו אַוואַנסירן און גיין ביז צו ענדע.

איך: איך וואָלט אַזוי געוואָלט דערלעבן די פֿרײַהייט! איך בין נאָך אַ יונגער מענטש. איך האָב אַ סך געליטן. אויסגעהאַלטן אַלע ליידן. ווילט זיך נישט איצט שטאַרבן, ווען דער קריג גייט צו ענדע. לויט מײַן מיינונג וועט דער קריג לאַנג נישט מער אָנהאַלטן. עס קאָן דויערן נאָך אַ פּאָר טעג, אפֿשר אַ פּאָר וואָכן, אָבער לענגער נישט. ווילט זיך נישט אין די לעצטע טעג פֿאַרשפּילן דאָס לעבן.

ער: איר דאַרפֿט בלויז זײַן געדולדיק, אויסהאַלטן דעם לעצטן קריזיס, ביז עס וועט זיך ענדיקן.

איך: עס איז גרינג צו זאָגן אויסהאַלטן, זײַן געדולדיק, ווען עס לויערן אויף דיר אַזוי פֿיל געפֿאַרן. איך האָב מורא, אַז מען זאָל אונדז נישט אויספּערטיקן.

ער: אַך, קוואַטש, עס וועט נישט פּאַסירן.

איך: יאָ, ווען אַלע וואָלטן געווען אַזוי ווי דו, וואָלט איך נישט קיין מורא געהאַט, וואָלט זיך שוין דער קריג פֿאַרענדיקט שנעל. אָבער עס זײַנען אויך דאָ אַנדערע, פֿאַנאַטיקערס, וועלכע לעבן נאָך מיט חלומות[2]: אויב זיי קענען ניט זיגן אויפֿן שלאַכטפֿעלד, ווילן זיי ווײַזן גבֿורות איבער וועריאָזע מענטשן. צווייטנס, איז אויך דאָ אַ געפֿאַר פֿאַר באָמבאַרדירונגען. ווער קאָן וויסן, צי עס וועלן

נישט פֿאַלן אַ פּאָר באָמבעס אויפֿן לאַגער, פֿון וועלכע מיר קענען זײַן די ערשטע קרבנות? וואָלט דער קריג שוין געווען פֿאַרענדיקט, ווי דער האַופּטמאַן האָט עס הײַנט אין דער פֿרי געמאָלדן, שפּילט נישט קיין ראָלע נאָך אַ פּאָר טעג, מיר האָבן שוין אַזוי פֿיל געליטן, וואָלטן מיר אויסגעהאַלטן נאָך אַ פּאָר טעג. אָבער ווען דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַן אילוזיע; ווען די מיליטערישע קאָמאַנדע האָט באַשלאָסן ווײַטער צו קעמפֿן, ווער דער קריג איצט פֿאַרגע־זעצט ווערן מיט אַ גוואַלדיקער העפֿטיקייט פֿון ביידע זײַטן. איז ווער ווייסט, ווי לאַנג דאָס קאָן נאָך אַזוי אָנהאַלטן און וויפֿל קרבנות עס וועלן נאָך פֿאַלן?

ער: איך גלייב נישט מער, אַז דער קריג זאָל נאָך לאַנג אָנ־האַלטן. איך האָף, אַז עס וועט קומען צו אַ וואָפֿנשטילשטאַנד. ווײַ־טער פֿאָרזעצן דעם קריג בײַ אַזעלכע אומשטענדן איז דאָך אַן אומזין.

איך: הלוואַי וואָלט דאָס אמת געווען. יאָ, ווען בײַם רודער שטייען אַזעלכע מענטשן ווי דו, פֿאַרנונפֿטיקע און רעאַליסטן, וואָלט עס אַנדערש אויסגעזען. די גאַנצע זאַך איז, אַז בײַם רודער שטייען פֿאַנאַטיקערס, וועלכע גלייבן נאָך, אַז „דער פֿירער" וועט באַווײַזן אַ נס, מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין רחמנות אויף די טויזנטער קרבנות, וועלכע פֿאַלן יעדן טאָג.

ער: דער פֿאַרנונפֿט וועט דאָך זיגן.

איך: איך דאַנק דיר פֿאַר די טרייסטווערטער און פֿאַר די מענטשלעכע געפֿילן, וואָס דו ווײַזסט מיר אַרויס. די זאָלסט נישט מיינען, אַז מיר ווייסן נישט צו אונטערשיידן, ווער פֿון אײַך עס האָט זיך אויפֿגעפֿירט מענטשלעך און אָנשטענדיק צו אונדז. איך פֿלעג דאָס שטענדיק קאָמענטירן מיט מײַנע קאַמעראַדן, אַז דו און נאָך אייניקע ס.־ס.־לײַט, הגם איר האָט געהערט צו די ס.־ס.־ און ס.־אַ.־רעגימענטן, האָט איר ניט פֿאַרלוירן אײַער מענטשלעכקייט און זיך שטענדיק באַצויגן צו אונדז מיט הומאַנע געפֿילן. דאָס קענען מיר אָפּשאַצן און דאָס וועלן מיר אײַך קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן.

אויב עס זאָל זײַן נייטיק, וועלן מיר דאָס באַשטעטיקן בײַ יעדער געלעגנהייט.

איך האָב געזען, געפֿילט, אַז איך האָב אים אײַנגעבראָכן. אין זײַן פּנים האָב איך דערקענט, אַז ער איז צופֿרידן פֿון דעם, וואָס איך האָב אים דאָ געזאָגט. מסתּמא האָט יעדער פֿון זיי געטראַכט, וואָס עס וועט פּאַסירן מיט זיי שפּעטער, ווען די אַמעריקאַנער וועלן אַרײַנקומען און זיי נעמען אין געפֿאַנגענשאַפֿט. האָב איך באַשלאָסן צו גיין ווײַטער און אָנהייבן אַ דירעקטע אַטאַקע.

איך: דו האָסט אונדז שוין אַזוי פֿיל מאָל געהאָלפֿן, איז ווען דו קאָנסט מיר איצט געבן אַ האַנט, וואָלט איך דיר דאָס קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן. איך וויל נישט אײַנשטעלן מײַן לעבן די לעצטע טעג. איז ווען דו וואָלטסט מיך געלאָזט אַרײַנגיין אין וואַלד אַרײַן, איך זאָל פֿאַרשווינדן צוזאַמען מיט מײַן חבֿר, וואָלטסטו געהאַט אין אונדז די בעסטע פֿרײַנד און פֿאַרטיידיקערס...

דער וואַכמאַן האָט אויפֿגעריסן די אויגן, געוואָרן צעטומלט און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן: צי זאָל ער ווערן שטרענג צו מיר? מיך פֿאַרטרײַבן? אָדער זאָל ער מיך באַהאַנדלען מיט אײַנזען, בכדי נישט צו פֿאַרלירן דעם שאַנס פֿון אַ גוטער רעפּוטאַציע און אַ ווערטפֿולן אַליבי... ער האָט באַפֿעסטיקט די ביקס אויף די אַקסלען, זיך ווי אָפּגעשאָקלט פֿון זײַנע געדאַנקען און געזאָגט:

— מענטש, מאַך דאָך קיינע דומהײַטן! דו וועסט זאָ ווי זאָ גלײַך פֿרײַ ווערן.

איך האָב אָבער באַשלאָסן נישט נאָכצולאָזן, ווײַל איך האָב געזען, ווי די וואָגשאָל וואַקלט זיך. האָב איך באַשלאָסן צו מאַכן דעם לעצטן אָנגריף אויף צו באַוועגן די וואָגשאָל אויף מײַן זײַט.

איך: דער קריג קאָן מער לאַנג נישט דויערן. עס גייט צו ענדע. דאָס זעט יעדער פֿאַרנינפֿטיקער מענטש. עס איז בלויז אַ שאָד, וואָס מען פּײַניקט אונדז נאָך. דו ביסט אַ מענטש מיט אידעלע גע־פֿילן, דאָס האָבן מיר שטענדיק געפֿילט. איז פֿאַר וואָס זאָלסטו מיר נישט געבן קיין האַנט אין אַזאַ אַנטשיידנדיקן מאָמענט? דו ביסט

אַלע מאָל געווען אָנשטענדיק צו אונדז. דאָס וועלן מיר גרייט זײַן צו דערקלערן פֿאַר יעדער אינסטאַנץ. דו האָסט אַ פֿרוי מיט קינדער, אויך איך האָב אַ פֿרוי מיט קינדער... (איך בין נאָך דעמאָלט נישט געווען פֿאַרהייראַט, נאָר כּדי אים ווייכער צו מאַכן, האָב איך צוגע־טראַכט דעם ליגן)... זיי וואַרטן אויף מיר. אויך די מאַמע וואַרט מיט אַ ציטערדיק האַרץ אויף איר זון... איז פֿאַר וואָס זאָלסט דו מיר אָפּזאָגן אין אַזאַ מאָמענט, ווען איך וויל מיך ראַטעווען פֿון אומקום? אפֿשר וועל איך דיך מאָרגן קאָנען ראַטעווען פֿון אַ גע־פֿאַר... איין האַנט וואַשט די אַנדערע... בעט איך דיך: זאָג מיר נישט אָפּ אין דעם מאָמענט, ווײַל מיט דעם קויפּסטו דיר אײַן אַלע וועלטן...

איך האָב געזען, ווי דאָס אײַז צעגייט זיך. ער האָט געאַרבעט מיט זיך. געטראַכט, וואָס ער זאָל מיר ענטפֿערן. צום סוף האָט ער געגעבן אַ זאָג שטיל:

— מײַנעטוועגן... איך זע ניכטס...

ער האָט זיך אויסגעדרייט און איז אַוועק צום עקסטרעם פֿון זײַן מאַרשרוט.

סאַן־פּאַולאָ 1975

ה. פערלמוטער

# אַקטיאָרן אין קאַצעט

אָנגעהויבן האָט זיך עס שוין דעם ערשטן טאָג אינעם קאַראַנ־טין־לאַגער. אונדזער בלאָקעלטסטער, דער „באָקסער“, איז גראָד געווען גוט אויפֿגעלייגט. ער האָט זיך משמעות אויך דערמאָנט אין זײַן אַמאָליקער היים בענדין, זײַן געבוירן־שטאָט, מיט איר דראַמקרײַז „די בענדינער מוזע“, וווּ מען האָט געשפּילט טעאַטער, געזונגען און געטאַנצט אויף וואָס די וועלט שטייט. גיט ער אַ זאָג:

— נו, הירנזינס, זינגט׳ס עפּעס!

חבֿרה האָבן זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן און גענומען דער־לאַנגען פֿאַר אים לידלעך, יעדער אויף זײַן שטייגער און טאַלאַנט, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון בערל פֿרידלער, מײַנער אַ חבֿר, אַ געוועזענער אַקטיווער מיטגליד און בויער פֿון „בענדינער מוזע“.

פֿון אונדזערע אָפֿטע שמועסן אויף דעם געביט האָט בערל פֿרידלער געוווּסט וועגן מײַן נאָענטער שײַכות מיט טעאַטער. אפֿשר האָט ער אויך געדענקט מײַן טעאַטער־אָוונט מיט אַ גרופּע אַרטיסטן אין סאָסנאָוועץ, צו דער יאָרצײַט פֿון אַהרן־דוד גאָרדאָן.

ליגנדיק אַזוי מיט מײַן שווער געמיט, אַ מידער און צעבראָ־כענער, אויף דער האַרטער פּריטשע, דערהער איך ווי דער בערל פֿרידלער רופֿט־אויס מײַן נאָמען מיט אַ ניגון, ווי מען פֿלעגט דאָס טאָן בײַן אויפֿרופֿן צום ספֿר־תּורה. וועגן וואָס האַנדלט זיך עס? מסתּמא, אַז כ׳זאָל זיך אויך באַטייליקן אינעם „קאָנצערט“ לכּבֿוד דעם בלאָקעלטסטן. איך האָב, בכן, זיך נישט געמאַכט הערן און נישט צוגעגאַנגען: מער ליגט מיר נישט איצט אין זינען. אָבער ער רופֿט מיך נאָך אַ מאָל און איך ריר זיך ווײַטער נישט פֿונעם אָרט. מוסן מיך מײַנע שכנים אויף דער פּריטשע, הלמאַי איך לאָז זיך אַזוי שטאַרק בעטן און גיי נישט אַהין. דאָס קען מיר גוט צו נוץ קומען — זאָגן זיי — אויב כ׳וועל געפֿעלן ווערן דעם בלאָק־עלטסטן. און זיי זײַנען שטאַרק צוגעשטאַנען צו מיר, כ׳זאָל עס טאָן. זיי האָבן מיך פּשוט אַראָפּגעיאָגט פֿון דער בוקסע[1] און איך בין לסוף אַוועק אַהין, זיך אַרײַנגעפּלאָכטן אינעם קרענצל, ווו חבֿרה האָבן זיך געפּאָרעט אַרום דעם „באָקסער“ און געוואַרט אויף מיר.

צו־פֿול איז מײַן האַרץ געווען מיט צער, עצבֿות און אומעט, אַז איך זאָל האָבן חשק און שטימונג עפּעס צו זינגען, ווי דער „באָקסער“ האָט זיך עס געווונטשן. איך האָב דעריבער גענומען רעציטירן משה בראָדערזאָנס פּאַציפֿיסטישע סצענקע „איך באַשול־

---

[1] שלאָפֿברעט, ס׳רוב פֿון דרײַ גאָרנס.

דיק״. כ׳האָב מיט דעם געוואָלט אויסדריקן דעם ווײ, וואָס האָט געדריקט מײַן געמיט. די האַנדלונג אין דער דאָזיקער סצענקע קומט־פֿאָר אין אַ פּאַריזער נאַכטלאָקאַל. דאָס, וואָס די נעמען פֿון די פּערסאָנאַזשן זײַנען פֿראַנצייזישע, האָט ווײַזט־אויס דעם „באָק־סער״ דערמאָנט אין פּאַריז, זײַן צווייטע היימשטאָט, פֿון וואַנען ער איז דעפּאָרטירט געוואָרן אַהער, קיין אוישוויץ. און אפֿשר צוליב דעם טאַקע איז די סצענקע אים געפֿעלן געוואָרן אויף אַזוי ווײַט, אַז אַ טרער האָט זיך אַוש געשטעלט אין זײַנע אויגן. באַלד דערנאָך האָט ער באַפֿוילן דעם שטובנדיגסט כאַמויש, זײַן אַלטן גוטן־ברודער, וועמען ער האָט איצט באַשטימט אַלס „שני־למלך״, ער זאָל מיר מאָרגן געבן נאָך אַ טעלער זופּ. פֿון „באָקסערן״ אַליין האָב איך תּיכּף באַקומען אַ פּענעצל ברויט מיט מאַרמעלאַדע. אַלע האָבן דערין געזען אַ סימן פֿון מײַן דערגרייכטער „קאַריערע״ און גע־זאָגט: „דיר וועט שוין דאָ גוט זײַן״... און ס׳איז טאַקע געשען. אין אַ טאָג, ווען אין בלאָק איז אַרײַן דער לאַגער־קאַפּאָ און אַלעמען אַרויסגעטריבן צו שלעפּן שווערע שטיינער, וואָס האָבן געקאָנט דאָס האַרץ אָפּרײַסן, זײַנען טאַקע מקוים געוואָרן יענע ווערטער פֿון די חבֿרים: „דיר וועט שוין דאָ גוט זײַן״. דער „באָקסער״ האָט צו מיר דעמאָלט אַ זאָג געטאָן בשתיקה: „דו לייג זיך אַרײַן אין בלאָק־שטיבל״, כ׳זאָל אויסמײַדן די שווערע אַרבעט פֿון שלעפּן שטיינער.

די לאַגער־משפּחה איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער. מיט דער צאָל טראַנספּאָרטן ייִדן פֿון זאַגלעמביע איז אויך מיטגעקומען דער בענדינער שטאָט־חזן. אויף „באָקסערס״ פֿאַרלאַנג איז ער געוואָרן דער גאַסט אין אונדזער בלאָק צו דער־לאַנגען אַ ביסל חזנות. פֿאַר וואָס נישט? האָט דאָך דער „באָקסער״ שוין אַזוי פֿיל יאָרן, זינט ער איז אַוועק פֿון זײַן געבוירן־שטאָט בענדין, נישט געהערט קיין חזן, טאָ פֿאַר וואָס זאָל ער זיך איצט נישט קאָנען פֿאַרגינען?

געזונגען האָט דער חזן דעמאָלט פֿאַר אונדז דאָס באַקאַנטע ליד „אלי, אלי״. דאָס איז נאָך זיכער קיין מאָל נישט געווען אַזוי אַק־

טועל און צוגעפּאַסט ווי צו אונדזערע דעמאָלטיקע צעבראָכענע געמיטער. אויב אַ חזן, בפֿרט אַ „גוטער זאָגער", פֿלעגט אין אַלע צײַטן, בײַ נאָרמאַלע לעבנס־באַדינגונגען, זײַן מסוגל מיט אָט דער תּפֿילה רירן יידישע הערצער, האָט אין יענעם טאָג דער בענדינער חזן מיט זײַן מתיקותדיקער שטימע ממש געקאָנט רירן אַפֿילו אַ שטיין. ווען ער האָט אַרויסגעזונגען דעם פֿערז „אין פֿײַער־פֿלאַמען האָט מען אונדז געברענט"[2]. איז געוואָרן אַ יללה, אַז אַפֿילו דער „באָקסער" האָט אויך געווישט אין זײַנע אויגן די טרערן. בפֿרט נאָך מיר, וואָס האָבן זיך שוין געהאַט דערוווּסט דעם טרויעריקן אמת וועגן אונדזערע נאָענטע און אייגענע: אַז דער שוואַרצער, געדיכ־טער רויך, וואָס מיר פֿלעגן זען טאָגטעגלעך גרייכן צו די הימלען, איז נישט, ווי מיר פֿלעגן זיך אײַנרײדן און טרייסטן, פֿון וועלכער ס'איז פֿאַבריק, נישט פֿון קיין בעקערײַ, נאָר פֿון די קרעמאַטאָריעס, וואָס פֿאַרשלינגען טאָג־אײַן און טאָג־אויס אָן אַ צאָל יידישע לעבנס, און ווער ווייסט וויפֿל זיי וועלן נאָך פֿאַרשלינגען. ס'איז פֿאַר אונדז אויך שוין קלאָר געוואָרן דער באַטײַט פֿון די ווערטער, וואָס דער בלאָקעלטסטער פּינקוס האָט אַרויסגעזאָגט בײַם אויפֿנעמען אונדז וועגן אונדזערע נאָענטע: אַז „זיי אַרבעטן אין דער הימל־קאָמאַנדע".

הגם מיט די קאָנצערטן פֿאַרן „באָקסער" איז געווען ווי די מעשׂה מיט בלעמס איזל, ווײַל אַנשטאָט זיך פֿאַרווײַלן און לאַכן פֿלעגט דער „באָקסער" דערפֿון גאָר וויינען, האָט ער פֿון דעסט וועגן באַדויערט דעם חזן, ווען מען האָט אים פֿון דאָרט פֿלוצעם אַוועקגעשיקט.

פון בוך אַן אקטיאָר אין אוישוויץ, תל־אָביב 1972

---

[2] דער אָנגענומענער טעקסט איז: „אין פײַער און פלאַם האָט מען אונדז געברענט". אַזוי איז אויך דער טעקסט אין דער אויסגאַבע „פאַר פּיאַנאָ, פידל און געזאַנג" געדרוקט פון ג. קאַפּלאַנסקי, בוענאָס־אײַרעס.

בנימין עליס

# אַ פרוי פון אוישוויץ

דערציילונג

יעדעס מאָל איז די באַנק געשטאַנען פרײַ, ווי רעזערווירט פאַר מיר. און פאַר מיר איז דאָס זיצן אויף דער באַנק געוואָרן אַ סאָרט געברויך, ווײַל פון דער באַנק האָב איך געקענט זען אַ גרויסע שטרעקע פון דער מאַרשאַלקאָווסקע־גאַס, ווו יעדעס הויז מיט יעדן געשעפט איז געווען אַנדערש ווי אַמאָל, און אַלץ איז געווען געענדערט, ווי נאָך אַן ערד־ציטערניש.

אויף דער געענדערטער גאַס האָב איך מער ווי אַלץ אָבסערווירט אַ גרופּע יונגע ציגײַנערינס מיט זייערע קליינע קינדער. די ציגײַנערינס פלעג איך נאָך זען אויף בענק אין זאַקסישן גאָרטן און אין אַנדערע מקומות. אַ מאָל זײַנען זיי געווען אַ גרופּע פון צוועלף, אַ מאָל פון זעכצן און טייל מאָל פון צוויי מאָל זעכצן. יעדעס מאָל, ווען איך האָב אָבסערווירט די יונגע ציגײַנערינס, ווי זיי פאַרטשעפּען פאַרבײַגייערס אויף מאַרשאַלקאָווסקע־גאַס האָב איך זיי אַ ביסל באַוווּנדערט. די דײַטשישע מערדערײַ האָט נישט אויסגעמיטן די ציגײַנערס, אָבער זייער נײַער דור איז צוריק טעטיק מיט דער אַלטער ציגײַנערישער פּראָפעסיע, אָרויסצוזאָגן פון קאָרטן, וואָס עמעצן דערוואַרט אין דער צוקונפט אָדער וואָס עמעצן איז געשען אין דער פאַרגאַנגענהייט. מיט דער פּראָפעסיע שטייען יונגע ציגײַנערינס אין סאַמע צענטער וואַרשע. פאַר די אויגן פון אַלע סאָרטן פאַרבײַגייערס אויף מאַרשאַלקאָווסקע־גאַס האָבן יונגע ציגײַנער־טעכטער מיט זייערע קליינע קינדער אויפּסנײַ זייער שטייגער לעבן מיט זייער סאָרט פרײַהייט. אָבער יונגע יידישע טעכטער מיט קליינע קינדער זעט מען נישט מער. מען זעט זיי נישט אויף דער געענדערטער מאַרשאַלקאָווסקע־גאַס און מען זעט זיי נישט מער אויף אַלע אַנדערע גאַסן אין וואַרשע.

איין מאָל, ווען איך בין געזעסן אויף דער באַנק און האָב אַזוי אָבסערווירט די גרופּע ציגײַנערינס מיט זייערע קינדער, האָט זיך צו מיר אויף דער באַנק צוגעזעצט אַ יונגע פֿרוי. די פֿרוי האָט מיר אויסגעזען אַ ביסל אויפֿגערעגט. זי איז געווען אָנגעטאָן אין הויזן מיט אַ סוועטער פֿון רויטלעכן קאָליר. אַ פּאָר מינוט נאָך דעם ווי זי האָט זיך אַנידערגעזעצט, האָט זי פֿון אַ בײַטל אַרויסגענומען אַ שאַכטל פּאַפּיראָסן מיט אַ שיינער צינד־מאַשינקע.

— ווו איז ערגעץ אַן אַפּטייק? — האָט זי פּלוצעם געפֿרעגט

— איז פֿאַראַן אַן אַפּטייק אין דער געגנט?

— נישט ווײַט איז פֿאַראַן אַן אַפּטייק! — האָב איך געזאָגט

— וואָס דאַרפֿט איר אַן אַפּטייק?

— קאָפּווייטיק! — האָט די פֿרוי געענטפֿערט — כ׳האָב הײַנט שטאַרקן קאָפּווייטיק.

זי האָט פֿאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. זי האָט מיר אויך געוואָלט מכבד זײַן מיט אַ פּאַפּיראָס. זי האָט געפֿרעגט:

— איר וווינט אין וואַרשע?

— כ׳בין אַ טוריסט.

— אַ טוריסט? פֿון וואַנען?

כ׳האָב איר געזאָגט פֿון וואַנען. נאָר די יונגע פֿרוי איז גאָר נישט געווען איבערגעראַשט. זי האָט נאָר אַ ביסל נאָכגעקלערט. דערנאָך האָט זי געפֿרעגט אויף ווי לאַנג איך בין אַ טוריסט, צי האָב איך עמעצן אין וואַרשע און צי בין איך באַקאַנט מיט דער שטאָט.

— כ׳בין כמעט אויפֿגעוואַקסן אין דער שטאָט. כ׳קען אײַך דערציילן ווי די שטאָט האָט אַמאָל אויסגעזען.

— איר געדענקט אַן אַנדער וואַרשע? איר געדענקט וואַרשע פֿון אַמאָל? — האָט די פֿרוי געפֿרעגט — האָט אַזוי אויסגעזען זומער אין וואַרשע? איז דער קלימאַט געווען אַזוי ווי הײַנט? האָט אַזוי פֿיל גערעגנט?

— וואַרשע האָט געהאַט אַ נאָרמאַלן קלימאַט, — האָב איך געזאָגט, — וואַרשע האָט געהאַט אַ נאָרמאַלן וועטער.

— עס האָט זיך געענדערט. כּמעט אין גאַנץ פּוילן איז שלעכט וועטער. דערפֿאַר האָבן מיר ווינציק פּאָמידאָרן. קאַרטאָפֿל זײַנען אַזוי גרויס ווי פֿלוימען. קאָרן פֿוילט אויף די פֿעלדער. באַלד איז אוגערקע־סעזאָן. און יעדן טאָג רעגנט. רעגן מיט רעגן. ס׳וועט באַלד ווידער רעגענען.

— הײַנט וועט נישט רעגענען! — האָב איך געזאָגט — איר זענט צו פּעסימיסטיש.

— ס׳מוז רעגענען! יעדן טאָג רעגנט! — האָט די פֿרוי גע־טענהט — נעכטן האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, ס׳מאַכט זיך אַ שיינע פּאָגאָדע [1]. די זון האָט אַ ביסל געלויכטן, אָבער ביז כ׳בין אַרויס אין דרויסן, איז שוין געווען אַן ענדערונג. הײַנט וועט געשען דאָס זעלביקע. ס׳וועט באַלד נעמען גיסן.

די דאַמע איז געווען גערעכט, ווײַל פֿון הימל האָט טאַקע שוין געדראָט מיט אָנקומענדיקן רעגן. און עס האָט נישט לאַנג געדויערט, איז די יונגע פֿרוי געשטאַנען מיט מיר אויף אַ ראָג צווישן אַ סך מענטשן. אַלע האָבן געוואַרט אויף גרין ליכט. אויף דעם זעלביקן ליכט האָבן מיר נאָך אַ מאָל געדאַרפֿט וואַרטן. דערנאָך האָבן מיר געהאַט אַ פֿרײַען, ברייטן טראָטואַר. מיר זײַנען פֿאַרבײַ געשעפֿטן מיט גרויסע, ברייטע שויבן. אַרום פֿופֿציק טריט פֿאַרן זאַקסישן גאָרטן איז אויף אַ שויב געווען אויסגעמאָלן מיט גרינער שריפֿט „מאַלאַ קאַוויאַרניאַ״ [2]. מיר זײַנען אַרײַן און דערזען אַ קליי־נעם זאַל אָנגעשטעלט מיט טישלעך. אַ סך טישלעך זײַנען געווען באַזעצט. ס׳איז אויך געווען אָנגערויכערט און פֿון אַ באַלויכטענעם מוזיק־קאַסטן האָט געריסן היסטערישע מוזיק אין ענגליש. מיר האָבן פֿאַרנומען אַ טישל. מיר האָבן דערהערט ווי אין דרויסן דונערט און מיר האָבן דערזען אַרײַנקומען אַ פּאָר לאַכנדיקע מיידלעך

---

[1] וועטער. — [2] קליינע קאַפֿעטעריע.

מיט קאַוואַלירן. דער אַנקומענדיקער רעגן האָט זיי אַרײַנגעטריבן. נאָר מיט די מיידלעך און קאַוואַלירן האָט עס זיך נישט געענדיקט. דער אַנקומענדיקער רעגן מיט דונערן האָט אַרײַנגעיאָגט נאָך געסט. עס זײַנען אויך אַרײַנגעקומען עטלעכע ציגײַנערינס מיט קינדער אויף די הענט.

די אַטמאָספֿער אין דער קאַוויאַרניע האָט מײַן פּאַרטנערין נישט איבעריק באַגײַסטערט.

— מיר האָבן געדאַרפֿט צופֿאָרן אויף אַלטשטאָט — האָט זי געזאָגט — כ׳האָב אין גאַנצן פֿאַרגעסן מײַן ליבע אַלטשטאָט.

און זי האָט אָנגעהויבן לויבן אַלטשטאָט ווי דאָס סאַמע וווּנ־דערלעכסטע אָרט, ווו טויזנטער מענטשן קומען אַרומצושפּאַצירן, פֿאַרברענגען און צו פֿאַרגעסן אין אַלע טעגלעכע קלאָפּאָטן[3].

— ווען איך האָב צײַט, גיי איך אויף אַלטשטאָט! — האָט זי מיר דערקלערט — איר, פּאַניע שאַנאָווני[4], מעגט אויך גיין. גייט יעדן טאָג!

דערנאָך האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— מיר זײַנען שוין אַ ביסל היימיש און איך ווייס נישט אײַער נאָמען. מײַן נאָמען איז לוציאַ. איך שרײַב פּאָעזיע. אינטערעסירט אײַך פּאָעזיע?

זי האָט פֿון בײַטל אַרויסגענומען אַ העפֿט, וואָס האָט אויס־געזען ווי אַ בראָשור. זי האָט דעם העפֿט געעפֿנט. דורכקאָנטראָלירט אַ פּאָר זײַטלעך. כ׳האָב געבעטן, זי זאָל מיר עפּעס פֿאָרלייענען, נאָך איידער זי האָט אָנגעהויבן פֿאָרלייענען האָב איך בײַ אַ קעל־נערין באַשטעלט קאַווע מיט טאָרט. פֿאַר דער באַשטעלונג האָט לוציאַ מיר געדאַנקט. דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן אַרויסלייענען פֿון דעם העפֿט. זי האָט דײַטלעך געלייענט יעדעס וואָרט און איך האָב זייער אויפֿמערקזאַם זיך אײַנגעהערט. קיין מאָל פֿריִער האָב איך זיך נישט אַזוי אײַנגעהערט צו פּאָעזיע ווי צו דעם, וואָס לוציאַ

[3] דאגות. — [4] חשובער הער.

האָט מיר פֿאָרגעלייענט. אַלץ, וואָס זי האָט געלייענט, האָט צו מיר אַפּעלירט. כ׳האָב איר נישט געקאַרגט קיין ליבוועטער און געבעטן זי זאָל מיר נאָך פֿאָרלייענען. אָבער די קעלנערין האָט איר געשטערט. די קעלנערין האָט אויף אונדזער טישל צוגעשטעלט טעפּעלעך קאַווע מיט שטיקלעך טאָרט אויף אַ טעלער. פֿון דעם טאָרט אויפֿן טעלער איז לוציאַ אפֿשר געווען מער באַגײַסטערט ווי פֿון מײַן ליבן איר פּאָעזיע. זי האָט זיך אויך דערקלערט פֿאַר אַ נאַשערין פֿון זיס געבעקס. דערנאָך האָט זי מיר געדאַנקט פֿאַר פֿונדעווען[5] איר מיט נאָך אַ פּאָרציע טאָרט.

— דערנאָך וועלן מיר נאָך עסן ליאָדעס[6]! — האָט זי אויסגערופֿן — איך בין אַן אומהיילבאַרע נאַשערין. נאָך מער בין איך אומהיילבאַר פֿון שרײַבן פּאָעזיע.

איך האָב זי אָנגעקוקט. זי האָט געזאָגט:

— רעליגיע איז מיר וויכטיקער פֿון פּאָעזיע. רעליגיע איז פֿאַר מיר די נשמה פֿון אַלעם.

נאָך דעם האָט זי מיר נאָך געזאָגט, אַז אין לובלין איז פֿאַראַן אַ סעמינאַר פֿאַר רעליגיעזער לערע, אַז איבער אַ יאָר וועט זי פֿאָרן זען דעם סעמינאַר.

— זײַנען אײַערע עלטערן אויך רעליגיעז? — האָב איך געפֿרעגט.

אויף דער פֿראַגע האָט זי נישט געענטפֿערט. האָב איך ווידער געפֿרעגט:

— איז אײַער מאַן רעליגיעז?

— איך האָב נישט קיין מאַן. איך לעב אַליין.

— קיין מאָל נישט געווען פֿאַרהײַראַט?

— אַ ביסל בין איך יאָ געווען פֿאַרהײַראַט. דרײַ יאָר צײַט האָט עס געדויערט. מײַן הײַראַט איז געווען אַ קאָמעדיע. געענדיקט האָט עס זיך...

---

[5] טראַקטירן, צאָלן פֿאַר. — [6] אײַזקרעם.

זי האָט נישט דערהערט. איך האָב געפֿרעגט:

— אַזוי שלעכט האָט זיך עס געענדיקט?

— כ'וויל נישט ריידן דערפֿון. כ'וועל מער נישט הייראַטן. איך האָב אַפֿילו נישט קיין צייט דערצו. מיין צייט וועל איך אַוועקגעבן צו רעליגיע און פֿאַר מיין מאַמען.

— אייער מאַמע לעבט אין וואַרשע?

— יאָ, פּאַניע שאַנאָווני. מיין מאַמע לעבט אין וואַרשע. מיין מאַמע איז אַ געליטענע פֿרוי. זי האָט זייער פֿיל געליטן אין איר לעבן.

— און אייער פֿאָטער?

לוציאַ האָט אויף מיר געטאָן אַ פֿאָרשערישן בליק, ווי איך וואָלט געפֿרעגט אויף אַ געהיימער פערזאָן. זי האָט אַ זופּ געטאָן פֿון טעפּעלע קאַווע און געזאָגט:

— איך האָב נישט קיין פֿאָטער. מיין מאַמע האָט מיר קיין מאָל נישט געזאָגט ווער מיין טאַטע איז געווען.

— איר האָט אים קיין מאָל נישט געזען?

— ווען מ'האָט מיין מאַמע געשלעפּט קיין אָשוויענטשים, איז זי געווען אַ יונג מיידל. זי איז אַלט געווען אפֿשר צוואַנציק יאָר.

לוציאַ האָט ווידער אַ זופּ געטאָן פֿון טעפּעלע קאַווע.

— היינט איז זי שוין נישט אַזוי יונג, מיין מאַמע. און איך בין שוין זעקס און דרייסיק יאָר. כ'בין שוין באַלד אַן אַלטע דאַמע.

מיך האָט געחידושט וואָס זי רעדט אַזוי.

— יאָ, יאָ. כ'בין שוין באַלד אַן אַלטע פֿרוי — האָט זי ווידער געזאָגט — צו דעם אַלעם בין איך נאָך געבוירן געוואָרן אין אָשוויענטשים.

אין ערשטן מאָמענט איז מיר שווער געווען צו גלייבן, אַז זי איז טאַקע געבוירן געוואָרן אין אוישוויץ, ווייל איך האָב פֿריִער פֿון קיינעם נישט געהערט, אַז אין אוישוויץ איז עמעצער געבוירן געוואָרן. אָבער לוציאַ האָט מיר נאָך געזאָגט, אַז זי איז נישט די איינציקע, אַז אין אוישוויץ זיינען געבוירן געוואָרן טויזנטער קינדער.

— טויזנטער קינדער ?

— יאָ, פֿאַניע שאַנאָווני ! דרײַ טויזנט קינדער זײַנען געבוירן געוואָרן. דרײַסיק קינדער זײַנען געבליבן לעבן.

איך האָב נישט געפֿרעגט פֿון וואַנען זי ווייסט פֿון דרײַ טויזנט געבוירענע. כ׳האָב אויך נישט געפֿרעגט פֿון וואַנען זי האָט די סטאַטיסטיק פֿון דרײַסיק לעבן־געבליבענע.

אין יענעם מאָמענט איז איר געשיכטע פֿאַר מיר געוועזן דראַמאַטישע נײַס. אין מיר האָט זיך דערוועקט אַ סענטימענט צו דער יונגער לוציאַ. גלײַך זי וואָלט געוועזן אַ ניצול־געוואָרענע פֿון מײַנע אויסגעמאָרדעטע קרובֿים. דער סאָרט סענטימענט האָט זיך אין מיר אויך דערוועקט צו איר מוטער. מיך האָט זייער אינטערעסירט צו זען איר מוטער, וועלכע איז נאָך אַרויס פֿון אוישוויץ מיט אַ לעבעדיק קינד. ווי אַזוי האָט אַזעלכעס געקענט געשען ? ווי אַזוי האָט דאָס פּאַסירט ? ווי איז אין אוישוויץ גאָר מעגלעך געווען אַזאַ סאָרט פּריווילעגיע ? כ׳האָב אַפֿילו חושד געווען, אַז לוציאַ האָט נישט אַלץ דערציילט, אַז אין דער געשיכטע איז עפּעס נאָך אויסבאַהאַלטן. מיר איז אויך אײַנגעפֿאַלן, אַז מיט לוציאַס מאַמע איז אויך נישט אַזוי איינפֿאַך. אפֿשר איז איר מאַמע איינע פֿון יענע ייִדישע טעכטער, וועלכע עס האָט זיך אײַנגעגעבן צו בלײַבן לעבן ווי אַן אַריערין ?

— וואָס קלערט איר אַרײַן ? — האָט לוציאַ געפֿרעגט — וואָס ווילט איר נאָך געוויר ווערן ?

— איך וואָלט זייער געוואָלט זען אײַער מאַמע.

— מײַן מאַמע ?

זי האָט זיך זייער געחידושט. זי האָט אַרײַנגעקוקט אין מײַנע אויגן.

— צו וואָס ווילט איר זען מײַן מאַמע ?

— כ׳וויל ריידן מיט איר.

— ס׳וועט ניט זײַן אַזוי לײַכט, פּאַניע שאַנאָווני ! — האָט

לוציאַ אַרויסגערעדט — מײַן מאַמע איז לעצטנס שוואַך אין געזונט. זי זיצט אין דער היים.

— קענען מיר אפשר צושפּאַצירן?

— צו מײַן מאַמען מוז מען פֿאָרן מיטן אויטאָבוס. זי וווינט אויף זשאָליבאָזש. נאָך וואָס ווילט איר זען מײַן מאַמע?

— אײַער מוטער אינטערעסירט מיך. כ׳גלייב, ס׳וועט איר אויך אינטערעסירן.

— איר גלייבט אַזוי? איך גלייב אַנדערש.

דאָך האָט לוציאַ מיך פֿאַרזיכערט, אַז זי וועט דער מוטער דערציילן וועגן מיר.

— מיר דאַרפֿן נאָך עסן ליאָדעס! — האָט זי מיר דערמאָנט.

איך האָב באַשטעלט ליאָדעס. ווען זי האָט גענאַשט איר פּאָרציע, האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי מוז נאָך הײַנט צופֿאָרן אויף זשאָליבאָזש צו דער מוטער. זי האָט מיר אויך געזאָגט, אַז זי דאַרף פֿאַר דער מוטער קויפֿן אַ טשײַניקל צו פֿאַרבריִען טיי.

— צײַט צו גיין פֿון דאַנען! — האָט זי געזאָגט.

איך האָב צוגערופֿן די קעלנערין. געדאַרפֿט באַצאָלן פֿאַר צוויי קאַוועס מיט עטלעכע פּאָרציעס טאָרט. די ליאָדעס זײַנען אויך נישט געווען אומזיסט. צוזאַמען האָט אויסגעמאַכט הונדערט פֿופֿציק זלאָ־טעס.

ווען לוציאַ איז מיט מיר אַרויס אין גאַס, זײַנען אויפֿן ברייטן טראָטואַר נאָך געווען סימנים פֿון רעגן. אויפֿן הימל האָט אויס־געזען אויסגעלײַטערט. אָבער לוציאַ האָט זיך ווידער געשראָקן פֿאַר רעגן.

— אויב נישט הײַנט, איז מאָרגן! — האָט זי געטענהט — מאָרגן וועט זיכער רעגענען. ס׳מוז רעגענען!

— מאָרגן וועט זײַן שיין וועטער, לוציאַ. מיר האָבן אַ ראַנ־דעוווּ אויף מאָרגן.

— מאָרגן איז נישט מעגלעך, פּאַניע שאַנאָווני. מיר וועלן זיך זען איבערמאָרגן.

*

צוויי טעג שפּעטער, אַרום דרײַ אַ זייגער, בין איך ווידער געזעסן אויף דער באַנק, פֿון וואַנען כ׳האָב אָבסערווירט אַ שטרעקע פֿון דער געענדערטער מאַרשאַלקאָווסקע־גאַס, ווו יונגע ציגײַנערינס האָבן ווידער נאָך אַנאַנד פֿאַרטשעפּעט פֿאַרבײַגייערס.

מײַן ראַנדעוווּ מיט לוציאַן איז געווען אויף האַלב פֿיר. דערווײַל איז שוין אויף מײַן האַנטזייגערל געווען צען מינוט שפּעטער. נאָר צען מינוט האָט נאָך נישט אויסגעמאַכט. אָבער מיט צוואַנציק מינוט שפּעטער איז שוין געווען אַ שלעכטער סימן. כ׳האָב אָבער אין זינען געהאַט: ס׳איז וואַרשע. אפֿשר האָט עפּעס פּאַסירט? אפֿשר איז זי געפֿאָרן אין אַ טראַמוויי און אויף דער טראַמוויי־ליניע איז עפּעס געשען? כ׳האָב פֿאַרשיידנס אַרײַנגעטראַכט. געוואַרט און געגלייבט: זי וועט קומען. נאָר ווען ס׳איז געהאַט אַריבער גאַנצע פֿערציק מינוט, האָב איך אײַנגעזען, אַז מײַן וואַרטן אויף דער דאַמע איז איבעריק. דאָך האָב איך נאָך אַלץ געוואַרט. מיר איז שווער געווען אַוועקצוגיין פֿון דער באַנק. און צו מאָרגנס, האַלב פֿיר אַ זייגער, בין איך ווידער געקומען צו דער באַנק. עטלעכע מאָל בין איך אַזוי געקומען. אַ פּאָר מאָל האָב איך זי אַפֿילו געזוכט אין „מאַלאַ קאַוויאַרניאַ”. דערנאָך האָב איך זי אָנגעהויבן זוכן אויף אַלטשטאָט. כ׳האָב זיך דערמאָנט, אַז אַלטשטאָט איז איר באַליבט אָרט.

נאָר איין מאָל, ווען איך בין צוריקגעגאַנגען פֿון אַלטשטאָט צו קראָקעווער פֿאָרשטאָט, האָב איך זי דערזען. זי איז פּונקט געהאַט אַרויס פֿון די טונעלטרעפּ. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ העלן רעגן־מאַנטל. ווי נאָר זי האָט מיך דערזען, איז זי מיר אַקעגנגעקומען מיט אַ שמייכל.

— פּאַניע שאַנאָווני!

פֿון דער אומגעריכטער באַגעגעניש האָט לוציאַ אויסגעזען שטאַרק איבערגעראַשט. זי האָט אַ זאָג געטאָן:

— כ׳האָב געקלערט, אַז איר זענט שוין אַוועקגעפֿאָרן.

— נישט אַזוי שנעל! — האָב איך געענטפֿערט — מײַן וויזע איז אויף אַ פּאָר מאָנאַטן.

— אויף אַזוי לאַנג? אויף אַ פּאָר מאָנאַטן? פֿאַר וואָס האָט איר דאָס מיר נישט געזאָגט?

— כ׳האָב אײַך געזאָגט. איר האָט זיכער פֿאַרגעסן.

— נו, נישט וויכטיק. לאָמיר ערגעץ אַרײַנגיין. מיר גייט־אויס די נשמה פֿון הונגער! — זי האָט גענומען מײַן האַנט אונטער איר אָרעם — פֿאַר וואָס האָב איך געקלערט, איר זענט אַוועקגעפֿאָרן?

פֿון דעם ראָג, וווּ מיר זײַנען געשטאַנען, האָט זיך געזען אַ ווײַטע פּאַנאָראַמע מיט ווײַטע ביימער אויף דער אַנדערער זײַט ווײַסל. אויף דער בריק, איבער דער ווײַסל, זײַנען הין־און־צוריק געפֿאָרן טראַמוויַען, פּאַסאַזשיר־אויטאָבוסן, לאַסטאויטאָס. קליינע וואַגנס זײַנען כּסדר פֿאַרבײַגעפֿאָרן דעם ראָג, וווּ איך מיט לוציאַן האָבן זיך נאָך אַלץ געחידושט פֿון אונדזער אומגעריכטער באַגעגעניש.

— מיר גייט־אויס די נשמה פֿון הונגער! — האָט לוציאַ ווידער געזאָגט — אפֿשר גייען מיר אַרײַן אין יענעם רעסטאָראַן?

אויפֿן וועג צום רעסטאָראַן, בײַ דער שוויענטאָיאַנסקאַ־גאַס, וווּ טויבן האָבן געזוכט שפּײַז בײַ די פֿיס פֿון פֿאַרבײַגייערס, איז געשטאַנען אַ קאַטאַרינקע־שפּילער מיט אַ ווײַסער באָרד און מיט אַ שוואַרצן צילינדער אויפֿן קאָפּ. פֿון זײַנס אַן אַקסל האָט אַראָפּגעקוקט אַ פּאָפּוגײַ מיט פּעסימיסטישע אויגן. דער פּאָפּוגײַ מיט דער מוזיק פֿון דער קאַטעגאָריע איז געווען עקזאָטיק פֿאַר קינדער און פֿאַר נײַגעריקע טוריסטן. פֿאַר לוציאַן איז דער קאַטאַרינאַזש מיט דעם פּאָפּוגײַ נישט געווען קיין נײַס. דער הונגער האָט זי געטריבן. און ווען מיר זײַנען שוין געזעסן אין רעסטאָראַן און זי האָט שוין געהאַט געשטילט איר הונגער מיט אַ פּאָמידאָרן־זופּ און מיט אַ פֿיש־קאָטלעט, האָט זי אָנגעהויבן פֿרעגן, וואָס האָב איך אויפֿגעטאָן דורך דער צײַט, וואָס מיר האָבן זיך נישט געזען, און צי איך בין דורך דער צײַט ערגעץ געפֿאָרן.

— די גאַנצע צײַט האָב איך אײַך אַרומגעזוכט. יעדן טאָג האָב איך אײַך געזוכט.

מײַן דערציילן דעם אמת איז פֿאַר איר געווען איבעררעאַשנדיק. זי האָט זיך אַנטשולדיקט, וואָס זי האָט נישט געקענט קומען צו דעם ראַנדעווו. זי האָט אַפֿילו געוואָלט וויסן, וואָס איך האָב וועגן איר געקלערט. דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן דערציילן, אַז אין טאָג פֿון אונדזער ראַנדעווו איז איר מוטער קראַנק געוואָרן. און ווי אַזוי האָט זי געקענט איבערלאָזן אַ קראַנקע מאַמע איינע אַליין?

— און ווי איז הײַנט? — האָב איך געפֿרעגט — אײַער מאַמע פֿילט זיך הײַנט בעסער?

— גאָט צו דאַנקען. גאָט אַליין ווייסט, וואָס איך האָב געליטן. כ׳האָב געהאַט שרעקלעכע טעג.

— אַזוי שלעכט איז געווען!

— יאָ, יאָ! — האָט לוציאַ געענטפֿערט — נאָך דעם אַלעם האָב איך ערשט נײַע קלאָפּאָטן.

— וואָס זײַנען די נײַע קלאָפּאָטן?

— אין צען טעג אַרום האָב איך אורלויב פֿון מײַן אַרבעט. ווי אַזוי וועל איך פֿאָרן אויף אורלויב? ווי קען איך איבערלאָזן מײַן מאַמע? וואָס זאָגט איר?

מיך האָט זייער געוווּנדערט, וואָס זי דערציילט מיר אַזעלכעס. איך האָב געפֿרעגט:

— אײַער מאַמע האָט נישט קיין שוועסטער, נישט קיין ברידער?

— מיר האָבן נישט קיינעם.

— וואָס איז מיט אײַער מאַמעס קרובֿים?

— מיר האָבן נישט קיינעם.

— און וואָס איז מיט קרובֿים פֿון אײַער פֿאָטער?

— קרובֿים פֿון מײַן פֿאָטער? כ׳ווייס נישט אַפֿילו ווער מײַן פֿאָטער איז געווען. מיר דאַכט זיך, כ׳האָב דאָס אײַך שוין דערציילט.

— מיר האָבן נישט קיינעם! — האָט לוציאַ אַלץ געטענהט — אויב ס׳געשעט עפּעס מיט מײַן מאַמען, בלײַב איך איינע אַליין אויף דער וועלט.

אירע רייד האָבן אויפּסנײַ אין מיר אויפֿגעוועקט דעם פֿאַרדאַכט, אַז איר מאַמע איז איינע פֿון יענע ייִדישע טעכטער, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט ווי אַריערינס. כ׳האָב שוין אָנגעהויבן גלייבן, אַז איר מוטער איז נישט קיין פּוילישע פֿרוי. וואָרעם וועלכע פּוילישע פֿרוי איז דאָס געבליבן אָן ברידער, אָן שוועסטער און אָן קרובֿים?

— האָט איר דערציילט אײַער מאַמע וועגן מיר?

— כ׳האָב איר דערציילט. ס׳קען זײַן, מיר וועלן צופֿאָרן. אָבער ווען, ווייס איך נישט. מאָרגן וועל איך נאָך אַ מאָל ריידן מיט דער מאַמען. ווי לאַנג — האָט זי געפֿרעגט — קלערט איר צו בלײַבן אין וואַרשע?

— נאָך פֿינף וואָכן.

לוציאַ האָט מיך אָנגעקוקט פֿאַרשעריש. זי האָט איבער עפּעס געקלערט. איך האָב געפֿרעגט וואָס זי קלערט?

— מיר איז עפּעס אײַנגעפֿאַלן. כ׳קלער, צי כ׳מעג אײַך דאָס זאָגן?

— וואָס אַזעלכעס איז אײַך אײַנגעפֿאַלן?

זי האָט געקלערט. דערנאָך האָט זי געפֿרעגט:

— אינטערעסירט אײַך צו פֿאָרן קיין קריניצע?

— וואָס וועל איך טאָן אין קריניצע?

— דאָס זעלביקע, וואָס אין וואַרשע — האָט לוציאַ געזאָגט מיט געלעכטער — איר קענט דינגען אַ צימער. אַ צימער אין קריניצע קאָסט ביליקער ווי האָטעל אין וואַרשע.

— אָבער וואָס דאַרף איך קריניצע?

— מײַן וואַקאַציע איז קיין קריניצע... — האָט זי מיר געענט־פֿערט — פֿאָר איך אויף אורלויב, פֿאָר איך נישט ערגעץ אַנדערשוווּ. נאָך אַ פּויזע האָט זי מיר געזאָגט, אַז קריניצע איז נישט ווײַט

פֿון אָשוויענטשים און זי וויל אַ מאָל זען דאָס אָרט, ווו זי איז גע־בוירן געוואָרן.

— וואָס זאָגט איר? — האָט זי געפֿרעגט — איר וועט פֿאָרן מיט מיר?

אויף דער מינוט האָב איך נישט געוווסט וואָס צו ענטפֿערן.

— אינטערעסירט אײַך נישט צו זען אָשוויענטשים?

— אַז כ׳זע וואַרשע, זע איך אָשוויענטשים! — האָב איך איר געענטפֿערט — פֿאַר יידן איז גאַנץ פוילן געווען אָשוויענטשים!

מײַנע ווערטער האָבן מיך גופֿא געשראָקן.

לוציאַ האָט לאַנג געשוויגן.

ווען מיר זײַנען אַרויס פֿון רעסטאָראַן, האָט זי אַ קוק געטאָן צום הימל. זי האָט ווידער פֿאָרויסגעזען רעגן אויף מאָרגן.

— מאָרגן וועט זײַן שיין וועטער — האָב איך געזאָגט — מאָרגן איז אונדזער צווייטער ראַנדעווו.

לוי שאַליט

# געקומען צוריק

## מאָמענטן פֿון אַ נסיעה צום שוידערלעכן נעכטן

...אין די איבער דרײַ צענדליק יאָר, זינט איך האָב פֿאַרלאָזט יענע ערד, איז אויסגעקומען מערערע מאָל צו זײַן אין אייראָפּע. און יעדעס מאָל איז אָנגעגאַנגען אין מיר אַ שווערער געראַנגל, צווישן דעם שטאַרקן ווילן צו „באַזוכן״ די מאַסן־קבֿרים דאָרטן און דעם צוזאָג ניט צו באַטרעטן מער די דײַטשישע ערד. איך האָב יעדעס מאָל געזאָגט צו זיך: די ערד דאָרטן געהערט די דײַטשן, אָבער די קבֿרים, ווו עס איז געבליבן דײַן טאַטע, חבֿרים, פֿרײַנד

— זיי זײַנען דײַנע. און דאָך האָט מיך צוריקגעהאַלטן אַ פֿאַרטײַעטע שרעק; די שרעק פֿון גיין אין זייערע שטעט, הערן זייער לשון, זען ווי זייערע שטעט זײַנען צוריק אויפֿגעבויט געוואָרן; דער געשפּענסטיקער פּחד, אַז איך וועל אפֿשר באַגעגענען „באַקאַנטע" פּנימער, און דאָס, וואָס אַ סך פּנימער וועלן מיר סײַ־ווי אויסזען באַקאַנט. איך וועל געוויס אויך מוזן ריידן מיט זיי, באַגריסן זיי און אַפֿילו זאָגן עמעצן דאָרטן „דאַנקע שיין".

אָבער מיט די יאָרן האָט אַן אַנדער מחשבֿה מיך אָנגעהויבן צו פֿאַרפֿאָלגן: צי איז די דאָזיקע שרעק ניט מער ווי אַ תּירוץ אפֿשר, ווײַל דו ווילסט זיך אויסהיטן פֿון דער קאָנפֿראָנטאַציע מיט די גרויליקע זכרונות, אויפֿן אָרט פֿון דעם פּײַן און אומקום? און אויב אַזוי, טאָ פֿאַר וואָס קומט דיר, דו זאָלסט זיך שוינען? פֿאַר וואָס זאָלסטו זיך אויסהיטן פֿון נאָך אַ מאָל דורכציטערן דעם קאָשמאַר פֿון דאַכאַו, און טאַקע דאָרטן גופֿא!

— צי דאַרף איך פֿאָרן אַהין, כּדי זיך „דערמאָנען"? יענע זכרונות זײַנען דאָך וואַך אין מיר און באַגלייטן מיך דורך אַלע מײַנע טעג און נעכט. און וואָס מיינט אַן אָרט? און צי בין איך דען אַ נעקראָפֿיליאַק, צו דאַרפֿן קומען „מתפּלל זײַן" אויף די ערטער פֿון די טויטע? און איך ווייס דאָך אַפֿילו ניט, מיט זיכערקייט, אין וועלכן מאַסן־קבֿר עס איז געבליבן מײַן טאַטע, אַז איך זאָל וועלן פֿאָרן אויף קבֿר־אָבֿות. און נאָר אין דעם וואַרעמען זכּרון פֿון די לעבעדיקע איז דאָס איינציקע וואָרט פֿאַר די אַוועקגעגאַנגענע, וועלכע מען האָט ליב געהאַט. איז צו וואָס דאַרף איך פֿאָרן קיין דאַכאַו?

...איינער פֿון „מײַנע" לאַגערן... טיפֿער אין וואַלד. געבליבן איז נאָר איין־איינציקער סימן פֿון דעם, וואָס דאָ איז געווען און געשען; אַ האַלב־אײַנגעפֿאַלענער באַראַק. דאָס איז געווען אַ ספּעציעלע דערפֿינדונג פֿון דײַטשישע אַרכיטעקטן: אַ לאַנגער, טיפֿער גרוב און אַ דאַך איבער דעם. דער דאַך איז אָפּגערוקט צוויי מעטער פֿון דעם גרוב, אין דער לענג, און דאָס שאַפֿט אַן אָרט צום שלאָפֿן, צווישן דעם דאַך און דעם גרוב, און דאָס רופֿט מען „בודע". „מײַן" בודע איז געווען נאָענט צום וואַלד. איך געדענק עס, ווײַל איך פֿלעג אַרויסקוקן דורך די שטעכיקע דראָטן צום וואַלד, צו די ביימער, און ווילן אָפּצורוען די אויגן פֿון דעם טויט־פּחד, וואָס האָט געהויערט אין לאַגער, און פֿון די אָנגעצילעוועטע ביקסן אויף

די וואַכטורעמס. אויף דער ערד, אין די „בודעס“, איז געווען „אָרט“ פֿאַר פֿערציק מענטשן זיך אַוועקצולייגן. אָבער עס איז זייער גיך נאָכן אָנקומען אין לאַגער געוואָרן מער אָרט אין די „בודעס“. יעדן טאָג פֿלעגט אַ צאָל אַוועקפֿאַלן, צעשלאָגענע פֿון די שטעקנס און פֿון ביקסן אָדער געשוואָלענע פֿון הונגער און אויסגעגאַנגענע אין די נעכט. יעדן באַגינען פֿלעגט מען די טויטע אַרויסטראָגן פֿאַר דער טיר, צום „אַפּעל“, און די וועכטערס האָבן געציילט: אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל טויטע, די אַנדערע נאָך לעבעדיקע, אַבי דער חשבון האָט געשטימט. וויפֿל פֿון אונדזער „בודע“ זײַנען געבליבן לעבן? זיי האָבן זיך כּסדר געביטן. אויפֿן אָרט פֿון די אַוועקגעפֿאַלענע האָט מען געבראַכט נײַע טראַנספּאָרטן. אין די זעלביקע „בודעס“ זײַנען געווען מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער, און ניט מיט אַלעמען האָט מען געהאַט אַפֿילו אַ געמיינזאַמע פֿאַרבינדונג־שפּראַך.

פֿון מײַן „בודע“ געדענק איך מיט באַזונדערער שאַרפֿקייט דעם פֿאָטער מיט די זעקס זין. זיי זײַנען געווען פֿון בודאַפּעסט. די גרופּע ייִדן, פֿון אונגערן, איז געבראַכט געוואָרן אין לאַגערן פֿון דאַכאַו פֿון די סאַמע לעצטע. עס איז געווען ווינטער און די ייִדן זײַנען אַלע געקומען אָנגעטאָן אין אייגענע קליידער, וואַרעמע, און אַפֿילו אויסגעפּוצטע, אין זייערע בעסטע, יום־טובֿדיקע בגדים. טייל פֿון זיי האָבן דערציילט פֿאַנטאַסטישע געשיכטעס: הגם זיי האָבן געלעבט אין באַגרענעצטער פֿרײַהייט אונטער דער דײַטשישער אָקופּאַציע פֿון זייער לאַנד, זײַנען זיי ביז איצט ניט געווען פֿאַרשפּאַרט אין געטאָס און לאַגערן. זיי האָבן אַלע אויסגעקוקט געזונטע, שטאַרקע, און די ייִנגערע האָבן אַרויסגעוויזן — אַפֿילו דאָ נאָך — אַן אָפּטימיס־טישן לעבנס־אינסטינקט. אָבער גראָד זיי האָבן אָנגעהויבן באַלד אַוועקפֿאַלן פֿון הונגער און קעלט, מער און גיכער ווי די מזרח־אײראָפּעיִשע ייִדן. איז דאָס געווען אַ רעזולטאַט פֿון די באַזונדערע אָפּשטאַם־לענדער, ווײַל די ייִדן פֿון מזרח־אײראָפּע זײַנען געווען מער געוווינט דורכצוטראָגן יסורים פֿון פֿאַרפֿאָלגונגען? דער טאַטע פֿון די זעקס זין איז געווען פֿון נידעריקן וווקס, מיט אָפּגעהיטע, איידעלע מאַנירן. אין זײַן שבתדיקן מאַנטל אויף זיך האָט ער אויס־באַהאַלטן צוויי זאַכן: זײַנע תּפֿילין און מעדיצין־טראָפּנס פֿאַר זײַנע אויגן. זײַן אָרט בײַם שלאָפֿן איז געווען אין מיטן פֿון די זין, דרײַ פֿון איין זײַט און דרײַ פֿון דער צווייטער, ווי זיי וואָלטן געווען זײַנע לײַבוועכטער. די זין זײַנען געווען הויכע, שטאַרקע, מוסקו־לירטע, ווי זיי וואָלטן אַלע יאָרן פֿאַרבראַכט אין אַ ספּאָרט־גימנאַ־

זיום. איך פֿלעג אין געדאַנק זיי פֿאַרגלייַכן צו יעקבֿ אָבֿינו מיט זייַנע זין פֿון לאה און רחל. יעדע נאַכט פֿלעגט דער פֿאָטער זיך אויפֿהייבן, איידער מען טרייַבט צום „אַפּעל“, און אָנטאָן די תּפֿילין, דאַוונען. און יעדע נאַכט, קומענדיק פֿון דער אַרבעט, פֿלעגט דער עלטסטער זון אײַנשפּריצן די רפֿואה־טראָפּנס אין פֿאָטערס אויגן. געציילטע וואָכן נאָך זייער אָנקומען אין לאַגער איז פּלוצעם אַוועק־געפֿאַלן איינער פֿון די זין. די ברידער האָבן אים אַרויסגעטראָגן אין באַגינען פֿון דער „בודע“, אַזוי ווי עס איז געווען דער אָנזאָג עס צו טאָן, און אים אַוועקגעלייגט פֿאַר דעם אַרייַנגאַנג. דער פֿאָטער האָט באַגלייט דעם זון און באַלד שפּעטער געלייגט תּפֿילין. וואָכן נאָך דעם איז אַוועקגעפֿאַלן דער ייִנגסטער זון, בייַ דער אַרבעט, פֿון הונגער צי פֿון קלעפּ. דער פֿאָטער און די ברידער זייַנען געקומען פֿון דער אַרבעט, זיך געלייגט פֿאַרשטילטע אויף זייערע ערטער, צוויי זין פֿון יעדער זייַט פֿון פֿאָטער. עס איז אַוועק דער דריטער זון און דער פֿערטער. דער פֿאָטער האָט ניט פֿאַרפֿעלט צו לייגן תּפֿילין. מיר פֿלעגן אַ מאָל שמועסן, אויף וויפֿל ס׳איז געווען צייַט און כּוחות. איך האָב אָפֿט אים געוואָלט פֿרעגן, מיט וועלכן כּוח ער האַלט־אָן זייַן אמונה, אָבער ניט געפֿרעגט. איצט האָב איך אים שוין ניט געזען ווי יעקבֿ אָבֿינו, נאָר ווי איובֿ. און עס איז געווען ניט ווי אַ מיינונג אין תּלמוד, וואָס זאָגט, אַז „איובֿ לא היה ולא נבֿרא, אלא משל היה“. ווייַל איובֿ איז געווען מיט מיר אונטער איין דאַך.

אויפֿן אָרט, ווו עס איז געווען אויפֿגעבויט אַ תּליה, פּאַשען זיך איצט קי. דאָס גראָז איז פֿעט געוויס און די קי גיבן אַ סך מילך. ברוך איז געווען כּמעט אַ קינד, ניט עלטער פֿון 18 יאָר, ווען מען האָט אים דאָ אויפֿגעהאַנגען. און מחמת דעם, וואָס ער איז געווען אויסגעצערט פֿון די לאַנגע חדשים הונגער, ליידן, קלעפּ און שווערער אַרבעט, האָט ער אויסגעזען נאָך ייִנגער. זייַן חטא: ער האָט מיטגענומען די פֿאַרלייַזיקטע דעקע צו דער אַרבעט, זיך אייַנגעוויקלט אין איר, אונטער דער דינער אַרעסטאַנטן־פּידזשאַמע, כּדי זיך שיצן פֿון דער שווערער קעלט, וואָס האָט גענאָגט זייַן אויס־געהונגערטן גוף. דער לאַגער־קאָמענדאַנט האָט פֿאַרוואַנדלט דאָס אויפֿהענגען אים אין אַ ספּעקטאַקל. אַלע „העפֿטלינגע“ האָבן געמוזט זייַן דערבייַ, כאָטש דאָס האָט געמיינט זיי „באַפֿרייַען“ פֿון עטלעכע שעה אַרבעט. און דער קאָמענדאַנט האָט געבראַכט צום ספּעקטאַקל ברוכס מוטער, פֿון דערבייַיִקן לאַגער.

# ביאָ־ביבליאָגראַפּיע

אַברהם אײַזען, געב׳ 1909 אין גראַבאָוויעץ, בײַ לובלין געלערנט אי אין ישיבה, אי אויף העכערע קורסן אין קראָקע, אי אין אַספּיראַנטור פון ווילנער ייִוואָ, האָט דעבוטירט ווי אַ נאָוועליסט 1929 אין וואַרשעווער „וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור", געדרוקט עסייען אין י. ג. שטיינבערגס „פרײַע שריפטן" און 1936 פאַרעפנטלעכט אַ בוך, שטאַם און צווײַג, אין ווילנע. געראַטעוועט פון קאָנצענטראַציע־לאַגער, אויסגעוואַנדערט קיין מעקסיקע, אַריבער קיין קאַנאַדע און גיך זיך געמאַכט אַ נאָמען מיט זײַנע דערציילונגען און אָפּהאַנדלונגען פון געטאָ און לאַגער. אין בוכפאָרעם: מענטשן פון געטאָ, נ"י 1949 און דאָס גײַסטיקע פנים פון געטאָ, מעקסיקע 1950.

*

ירוחמיאל בריקס, געב׳ 1912 אין סקאַרזשיסקאָ, איז פאַר זײַנע דערציילונגען פון לאָדזשער געטאָ שטאַרק פראָטעזשירט געוואָרן פון אייניקע וויכטיקע שרײַבערס. זײַן פרימיטיווע דערצייל־פאָרעם און לשון האָט אָנגעשלאָגן שטאַרקע עמאָציעס, איבערהויפט בײַם שילדערן קינדער און זייערע ליידן, פאַלט־אַרײַן אין כראָניק פון זשורנאַליסטישן שניט. זײַן דערציילונג „אַ קאַץ אין געטאָ" (1959) איז איבערגעדרוקט און איבערגעזעצט געוואָרן אין עטלעכע שפראַכן. י. ב. איז אַוועק אין ניו־יאָרק 1974.

*

אלקנה דורמץ, געב׳ 1910 אין אָסטראָווצע, בײַ קיעלץ, און געווינט אַ צײַט אין קראָקע, איז פון 1940 ביז סוף מלחמה פאַרשוואַרצט געוואָרן אין פאַרשיידענע קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין שלעזיע, געווען אויך אין אָשוויענטשים און דאַכאַו. באַפרײַט, אַוועק קיין פאַריז (1945) און 1946 זיך באַזעצט אין בראַזיל. ווי אַ צײַטונגס־קאָרעספאָנדענט געפאָרן צו די פראָצעסן איבער די נאַצישע פאַרברעכערס אין נירנבערג און דאַכאַו. געווען מיטרעדאַקטאָר פון „די אידישע פרעסע" אין ריאָ דע זשאַנייראָ און דערנאָך אַליין רעדאַקטירט „די ייִדישע פרעסע" אין סאַן־פאַולאָ, אויסצייכענענדיק זיך מיט זײַן קעמפערישקייט, וואָס קומט צום אויסדרוק אין זײַן בוך „זכרונות פון די גרויליקע יאָרן", קאַשמאַרן, ס. פ. 1975.

*

ק. צעטניק, דער פאָפולערער, געהייכטער פסעוודאָנים פון יחיאל פײַנער, געב׳ 1917 אין סאָסנאָוויץ און געלערנט אין ישיבת חכמי לובלין און דעבוטירט 1931 מיט אַ ביכל 22 לידער, וואַרשע 1931, האָט מיט זײַנע שילדערונגען פון די לאַגערן, מיט די ביכער דאָס הויז פון די ליאַלקעס (1958) און (1959) און דער זייגער איבערן קאָפּ, טיף צערודערט דעם ייִדישן און ניט־ייִדישן לייענער — מיט זײַן אימפּרעסיאָניסטישער שילדערקראַפט און קינסטלערישער סטיליזאַציע, וואָס איז איבערצײַגנדיק. קאַצעטניק איז אויפגעטראָטן אויפן אייכמאַן־פראָצעס אין ירושלים.

*

רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק, געבוירן 1920 אין אַ לאָדזשער חסידישער היים, אָבער געענדיקט מיטלשול און אַרײַן אין „גורדוניה“, האָט אירע שווערע איבערלעבונגען פון געטאָ און אויש־וויץ איבערגעגעבן אין דערציילונגען און לידער אויף יידיש און עברית, געדרוקטע אין צײַטונגען און זשורנאַלן. אין בוך: פון לאַגער צו לאַגער. האָט „אָפּגעשפּאָרט“ פון די טראַגישע וואַנדערונגען אָפּגעפרוירענע הענט, אָפּגעלעגן אַ יאָר אין אַ מאָסקווער שפּיטאָל. פון 1949 אין ישראל.

*

לוי שאַליט, פּסעוודאָנים פון שאַליטאַן, געב׳ 1918 אין סאַמאַרע, רוסלאַנד, געלערנט אין טעלזער און סלאָבאָדקער ישיבה, אָבער אויך אין אַ דײַטשישער שול אין מעמל, באַשרײַבט זײַנע יאָרן פון לאַגערפּײַן אין בוך אַזוי זײַנען מיר געשטאָרבן (מינכען, 1947) און אין בלעטער זכרונות, ווי אין אומצייליקע אַרטיקלען אין זשורנאַלן און אין זײַן וואָכנבלאַט „יאָהאַנעסבורגער יידישע צײַטונג“, וואָס צייכנט זיך אויס מיט זײַן קערנדיקער און באַלערנדיקער. פּובליציסטיק, ניט זעלטן אויף אַ הויכן אינטעלעקטועלן ניוואָ.

---

85) ישׂראל אין די תּפוצות (240 זײַטן)
86) עלנטע ייִדן (240 זײַטן)
87) חסידישע ירושה (240 זײַטן)
88) רומעניש **אין דער יידישער ליטעראַטור** (40 זײַטן)
89) קאַצעטלערס / **אַנטאָלאָגיע** (248 זײַטן)
90) קריטיק—פּאָרטרעט—פּאָלעמיק (240 זײַטן)
91) תּנכישע ירושה (240 זײַטן)
92) בײַם אַטלאַנטיק / **מעקסיקע, אורוגווײַ, קובאַ**

## די 4 בענד מוסטערווערק פאַר 1983 זײַנען:

93) אָפּטריניקע
94) די יום־טובֿדיקע טעג
95) מעמואַרן—אידייען—פּאָרשונג
96) שטעטלעך

# מוסטערווערק פון דער יידישער ליטעראַטור

78 דערשינען מיט סובסידיע פֿון יוסף ליפשיץ־ פאָנד
און פֿון 79סטן באַנד דערשײַנען די מוסטערווערק
מיט דער סובסידיע פֿון דוד טוריאַנסקי־פֿאָנד
אונטער דער רעדאַקציע פֿון שמואל ראָזשאַנסקי

1) שלמה עטינגער — **אויסג׳ שריפֿטן**, 2טע אויפֿלאַגע (312 זײַטן)
2) מאָרק װאַרשאַװסקי — **יידי׳ פֿאָלקסלידער**, 3טע אויפֿלאַגע (216 זײַטן)
3) ה. ד. נאָמבערג — **אויסג׳ שריפֿטן**, 2טע אויפֿלאַגע (256) זײַטן)
4) מענדעלע — **מסעות בנימין השלישי**, 3טע אויפֿלאַגע (256 זײַטן)
5) לייב נײַדוס — **אויסגעקליבענע שריפֿטן**, 2טע אויפֿלאַג (208 זײַטן)
6) יעקבֿ דינעזאָן — **יאָסעלע קריזיס**, 3טע אויפֿלאַגע (256 זײַטן)
7) משה בראָדערזאָן — **אויסגעקליבענע שריפֿטן**, 2טע אויפֿל׳ (272 זז׳)
8) אליהו בחור — **בבֿא־בוך**, 2טע אויפֿלאַגע (256 זײַטן)
9) דוד פּינסקי — **אויסגעקליבענע שריפֿטן**, 3טע אויפֿלאַגע (352 זײַטן)
10) שמעון פֿרוג — **אויסגעקליבענע שריפֿטן**, 2טע אויפֿלאַגע (216 זײַטן)
11) י. ל. פּרץ — **אין 19טן יאָרהונדערט**, 3טע אויפֿלאַגע (272 זײַטן)
12) י. ל. פּרץ — **אין 20טן יאָרהונדערט**, 2טע אויפֿלאַגע (272 זײַטן)
13) מאָריס ראָזענפֿעלד — **אויסג׳ שריפֿטן**, 2טע אויפֿלאַגע (240 זײַטן)
14) האָפֿשטײן — כאַריק — פֿעפֿער, 2טע אויפֿלאַגע (272 זײַטן)
15) מרדכי ספּעקטאָר — **דער יידי׳ מוזשיק**, 2טע אויפֿלאַגע (272 זײַטן)
16) ה. לייוויק — **אויסגעקליבענע שריפֿטן**, (352 זײַטן)
17) שלום עליכם — **מנחם מענדל**, 3טע אויפֿלאַגע (272 זײַטן)
18) אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען — **אויסג׳ שריפֿטן**, 2טע אויפֿלאַגע (256 זײַטן)
19) י. י. שוואַרץ — קענטאָקי, א. ראַבאָי — הער גאָלדענבערג
(פּיאָנערן אין אַמעריקע), 2טע אויפֿלאַגע (312 זײַטן)
20) ח. נ. ביאַליק — **אויסגעקליבענע שריפֿטן**, (384 זײַטן)
21) ש. אַנ־סקי — **אויסגעקליבענע שריפֿטן**, (296 זײַטן)
22) מענדעלע מוכר־ספֿרים — **פֿישקע דער קרומער**, (256 זײַטן)
23) יוסף אָפּאַטאָשו — **אין פּוילישע וועלדער**, (416 זײַטן)
24) זלמן רייזען — **אויסגעקליבענע שריפֿטן**, (304 זײַטן)
25) יהואָש — **אויסגעקליבענע שריפֿטן**, (320 זײַטן)

26) גליקל האַמיל — **זכרונות,** (352 זײַטן)
27) שלום עליכם — **טבֿיה דער מילכיקער,** 3טע אויפֿלאַגע (288 זײַטן)
28) אַבֿרהם רייזען — **אויסג' שריפֿטן** 2טע אויפֿלאַגע (320 זײַטן)
29) די פֿרוי אין דער ייִדישער פּאָעזיע — **אַנטאָלאָגיע** (416 זײַטן)
30) ר' נחמן בראַצלעווער — **סיפּורי־מעשׂיות,** 2טע אויפֿלאַגע (224 זז')
31) מרדכי אַלפּערסאָן — **אין אַרגענטינע** (320 זײַטן)
32) פּרץ הירשביין — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (336 זײַטן)
33) ייִדיש אין ליד — **אַנטאָלאָגיע** (264 זײַטן)
34) מנחם באָריישאָ — **דער פֿרעמדער, זאַוול רימער** (320 זײַטן)
35) ווען אַ פֿאָלק דערוואַכט — **מדינת ישׂראל** (464 זײַטן)
36) נוסח השׂכּלה — אַנטאָלאָגיע (272 זײַטן)
37) ז. סעגאַלאָוויטש — **לידער, דערציילונגען, זכרונות** (352 זײַטן)
38) מעשׂה־בוך, **פֿון 1602** (368 זײַטן)
39) אונטער אָקופּאַציע: **עוזר וואַרשאַווסקי** — שמוגלערס. (328 זײַטן)
40) ערבֿ חורבן: מ. **בורשטין**/מאָזאָוויע **און 14 פּאָעטן** 256 זײַטן
41) חורבן: **פּאָעזיע, פּראָזע, דראַמע — אַנטאָלאָגיע** (432 זײַטן)
42) ווידערשטאַנד און אויפֿשטאַנד/**פּאָעזיע, פּראָזע, דראַמע** (336 זײַטן)
43) איציק מאַנגער — **לידער, פּראָזע, עסייען** (384 זײַטן)
44) דוד בערגעלסאָן — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (320 זײַטן)
45) משה נאַדיר — **הומאָר, קריטיק, ליריק** (288 זײַטן)
46) דאָס קינד אין ייִד' פּאָעזיע און פּראָזע — **אַנטאָלאָגיע** (320 זײַטן)
47) י. אַקסנפֿעלד — **שטערן־טיכל, ערשטער ייִד' רעקרוט** (288 זײַטן)
48) פּליטים צווישן פֿײַערן, אַנטאָלאָגיע (304 זײַטן)
49) אויסגעוואָרצלטע און אײַנגעוואָרצלטע, אַנטאָלאָגיע (272 זײַטן)
50) דרום־אַפֿריקאַניש, אַנטאָלאָגיע (360 זײַטן)
51) שלום אַש — **פֿון שטעטל צו דער גרויסער וועלט** (400 זײַטן)
52) דער אַרבעטער־דור אין אַמעריקע, אַנטאָלאָגיע (224 זײַטן)
53) צאינה וראינה — **עבֿרי־טײַטש** (368 זײַטן)
54) טשילעניש — **אַנטאָלאָגיע** (272 זײַטן)
55) אין דעם אייגענעם לאַנד, 25 **יאָר ישׂראל** (568 זײַטן)
56) שלום אַש — **אָנקל מאָזעס,** ראָמאַן (264 זײַטן)
57) יעקבֿ גאָרדין — **3 דראַמעס** (352 זײַטן)

58) בראַזיליאַניש — **אַנטאָלאָגיע** (352 זײַטן)

59) פֿון דור צו דור: **א. װײַטער, ד. אײנהאָרן, ז. י. אָנכי** (368 זײַטן)

60) מאַקס װײַנרײַך — **אױסגעקליבענע שריפֿטן** (416 זײַטן)

61) אין סאָװעטישן פֿרילינג — **אַנטאָלאָגיע** (248 זײַטן)

62) קאַנאַדיש — **אַנטאָלאָגיע** (448 זײַטן)

63) דוד איגנאַטאָװ — **אױסגעקליבענע שריפֿטן** (336 זײַטן)

64) פֿון רעװאָלוציע צו תּשובֿה — לײב פֿײַנבערג (280 זײַטן)

65) י. י. זינגער — **אױסגעקליבענע שריפֿטן** (312 זײַטן)

66) אַרגענטיניש — **דער חלום פֿון פֿעלד** / **אַנטאָלאָגיע** (320 זײַטן)

67) משה קולבאַק — **אױסגעקליבענע שריפֿטן** (320 זײַטן)

68) אין פּאָגראָם — **אַנטאָלאָגיע** (304 זײַטן)

69) אונדזערע קריטיקערס — **אױסגעקליבענע שריפֿטן** (320 זײַטן)

70) צװישן שטאָטישע װענט / 2**טער באַנד** אַרגענטיניש (496 זײַטן)

71) עלטערן און קינדער — אַנטאָלאָגיע (360 זײַטן)

72) משלים בײַ ייִדן / **אַנטאָלאָגיע** (288 זײַטן)

73) געזאַנגען פֿאַר עמך / **אַנטאָלאָגיע** (224 זײַטן)

74) נאָרד־אַמעריקאַניש / אַנטאָלאָגיע (272 זײַטן)

75) גײט אַ ייִד קײן ארץ־ישׂראל / **פֿון דער ייִד' ליט'** (256 זײַטן)

76) דער פֿרילינג פֿון „די יונגע" **אין אַמעריקע, אײראָפּע, ישׂראל**

(320 זײַטן)

77) געלעכטער אױף אַן אמת (256 זײַטן)

78) מערבֿ־אײראָפּעיִש / **פֿראַנקרײַך, ענגלאַנד, בעלגיע, האָלאַנד**

(336) זײַטן)

79) 1939 אין דער ייִדישער ליטעראַטור, אַנטאָלאָגיע (288 זײַטן)

80) װאַרשע **אין דער ייִדישער ליטעראַטור** (304 זײַטן)

81) דער אמת דורך געלעכטער (240 זײַטן)

82) י. י. טרונק — **זכרונות, פֿאָלקס־מעשׂיות, לידער** (240 זײַטן)

83) דאָס לעבן אין אײן אַקט / 12 **אײנאַקטערס** (240 זײַטן)

84) װילנע **אין דער ייִדישער ליטעראַטור** (240 זײַטן)

OBRAS MAESTRAS DE LA LITERATURA IDISH
TOMO 89

# EL CONFINADO EN LOS CAMPOS DE CONCENTRACION

## EN LA LITERATURA IDISH

★

Director: SAMUEL ROLLANSKY

1982
ATENEO LITERARIO EN EL INSTITUTO CIENTIFICO JUDIO
FONDO DAVID TURJANSKI
Pasteur 633 - 3º (1028) Buenos Aires

PARA USO PERSONAL SIN FINES COMERCIALES